STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00531

FIGURN UN PROFILN AF DER YIDISHER BINE

Chaim Ehrenreich

Permanent preservation of this book was made possible by
Harry W. & Judith E. Rudman
in honor of
their grandchildren, Naomi, Jacob & Rachel

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים עהרענרייך

פיגורן און פּראָפילן אויף דער יידישער בינע

חיים עהרענרייך

פיגורן און פּראָפילן
אויף דער
ייִדישער בינע

אַרויסגעגעבן פון
חיים עהרענרייך בוך-קאָמיטעט
תשל״ו — 1976

CHAIM EHRENREICH

FIGURES AND PROFILES OF THE YIDDISH STAGE

חיים עהרענרייך

פיגורן און פּראָפילן אויף דער ייִדישער בינע

©

כל הזכויות שמורות

Printed in Israel 1976 **נדפס בישׂראל**

דפוס „להב" תל־אביב, רח' המסגר 60, טל. 36564

חיים עהרענרייך

ל״ג בעומר 1899 — 31 מערץ 1970

מיטן אַרויסגעבן די „פיגורן און פּראָפילן אויף דער ייִדישער בינע״, דאָס צווייטע בוך פון ליטעראַרישן עזבון פון חיים עהרענרייך ז״ל, דערפיל איך ניט בלויז מיין היילקן חוב, נאָר איך וויל דערמיט אויך אויסדריקן מיין געפיל פון אייביקער פאַרבונדנקייט מיט אים, מיט זיין וועזן און שאַפן.

איך וויל אויך אויסדריקן אַ האַרציקן דאַנק צו נורמן פורמן, אַ פריינד פון חיים עהרענרייך, פון קינדוווייז אָן, פאַר זיין איבער־געגעבנקייט און ווידמען אַזוי פיל צייט, אָנשטרענגונג און מי; צו מרדכי יחסן פאַר זיין העלפן צונויפזאַמלען און אָפקלייבן די מאַטעריאַלן פאַר דעם בוך; און צו דעם דיכטער אריה שמרי, וועלכער האָט מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און פאַרשטענדעניש רעדאַק־טירט דאָס בוך.

בעל עהרענרייך

פון די אַרויסגעבער

דער ייִדישער טעאַטער אין אַמעריקע, וואָס פון זיין אָנהייב איז שוין פאַרביי קרוב צו הונדערט יאָר, האָט נאָך אַלץ ניט געפונען דעם אינטערעס און נייגער פון אַ היסטאָריקער, וואָס זאָל דערציילן וועגן פּיאָנערישער התלהבות, וועגן וויזיעס און פאַרמעסטן, און אויך וועגן די כּסדרדיקע געראַנגלען פאַר קיום אין גאַנג פון ירידה. מיר האָבן נאָך ניט ביז איצט קיין אָביעקטיוו בילד וועגן דער ייִדישער טעאַטער-משפּחה — שוישפּילער, רעזשיסערן, דראַמאַטורגן און אויך טעאַטער-אוידיטאָריע, ווי מען דאַרף זיי זען — כּוללדיק און באַזונדער אויפן פאָן פון אַלגעמיינעם געראַנגל פאַר דער פאָרמירונג פון אַ ייִדישן קולטור-ציבור, צווישן אויסוואָרצלונג און איינגלידערונג, אין די באַדינגונגען פון אַמעריקע.

אין אַלע תּחומען פון זיין קיום און פון זיינע אויפטוען שטייט דער ייִדישער טעאַטער אין אַמעריקע שוין זייער ווייט פון זיינע „גאָלדענע עפּאָכעס", פון התלהבותדיקן דראַנג און פון פּיאָנערישער העזה; שוין אַראָפּגעלאָזט דער פאָרהאַנג סיי אויף דעם חידוש פון ייִדיש-דראַמאַטורגישער יצירה און סיי אויף די טאַלאַנטפולע אויפטריטן פון צוזאַמגנדיקע סטאַרן און פון זוכנדיקע און עקספּערימענטירנדיקע טעאַטער-קאָלעקטיוון — און שוין דראָט די געפאַר פון שיכחה, אַז אויך דאָס דערהויבענע און טראַגישע אין די געראַנגלען פאַר אַ בעסער ייִדיש טעאַטער וועט, חלילה, פאַרגעסן ווערן.

אפשר טאַקע דערפאַר איז כּדאַי איצט און ממש נויטווענדיק אָפּצוהיטן יעדעס בלעטל און שורה, וואָס קאָן עפּעס דערציילן וועגן קורצן פרילינג און לאַנגע האַרבסטן אין ייִדישן טעאַטער-וועזן;

וועגן ייִדישן שרייבער און זיינע ערנסטע פּרווון אַקעגנצוקומען דער ייִדישער בינע מיט דראַמאַטישער יצירה; וועגן די זיגזאַגן פון ייִדי-שע טעאַטער-מענטשן, אונדזערע „בלאַנדזשענדיקע שטערן", צווישן אייגנס און פרעמדס — גויִשע און ייִדישע בינעס; און וועגן דער פאַרפרעמדונג פון ייִדישן טעאַטער-עולם, וואָס האָט אייגנטלעך אויך באַשטימט דעם גורל פון ייִדישן טעאַטער, אַוועקגענומען די באַזע פאַר זיין באַנייונג און קיום.

דער צוקונפטיקער היסטאָריקער פון ייִדישן טעאַטער אין אַמע-ריקע וועט אַוודאי האָבן וואָס צו געפינען אין די רעפּאָרטאַזשן און עסייען און אין די בינע-קינסטלער-פּאָרטרעטן פון חיים עהרענרייך ז"ל, דער וואָס האָט במשך לאַנגע יאָרן געוואַכט אויף יעדן זשעסט און קלאַנג פון ייִדישן שוישפּילער און געזוכט דעם בת-קול און דעם מיטציטער אויפן פּנים פון ייִדישן טעאַטער-באַזוכער. בדחילו ורחימו האָט חיים עהרענרייך געווידמעט זיין נשמה און זיין פּען דער מערכה פון ייִדישן טעאַטער, כּדי צו שטאַרקן די קולטור-יסודות אין ייִדישן לעבן. סיי אין זיינע איילעוודיקע און סיי אין זיינע יסודותדיקע באַלייכטונגען וועגן די פּראָבלעמען און געשטאַלטן פון ייִדישן טעאַטער, איז בולט די באַזאָרגטקייט און ליבשאַפט פון אַ ביז גאָר געטרייען טעאַטער-מענטש, וואָס האָט צוגעגרייט ציגל און ליים פאַר אַן אַרומנעמענדיקער געשיכטע וועגן געראַנגל און גורל פון ייִדישן טעאַטער אין אַמעריקע, אין זיין צייט.

אין די טעאַטער-באַריכטן און אין די טעאַטער-אָפּהאַנדלונגען פון חיים עהרענרייך איז דער עיקר העיקרים: „זיך קעגנשטעלן דעם פאַרדאַרבנדיקן פּראָצעס". ס'איז אַן אַקטיווער און קאָנסטרוקטיווער דראַנג אויפצוהאַלטן ייִדישע היסטאָרישע ווערטן אין מיט פון אַ טעמפּאָדיקער און פאַרטעמפּנדיקער צייט: „ס'איז אַלע מאָל צו באַדויערן ווען יורשים צעטרענצלען אַ גרויסע ירושה".

אַזוי לאָזט הערן חיים עהרענרייך ביים מאַכן דעם חשבון פון די גרונט-פּראָצעסן און עיקר-אויפגאַבן אין ייִדישן לעבן:

„איצט ווען מיר לעבן דורך אַ פּעריאָד צו שטאַרקן דעם איי־גענעם פּאַרקאַן, פון איינזאַמלען און אָפּשפּאָרן יעדן כּוח אין ייִדישן לעבן, מוזן מיר צוריק אויפבויען דעם ייִדישן טעאַטער. — — געפינען אין זיך דעם שׂכל, די מיטלען, פּשוט דעם טאַלאַנט אויף איינצושפּאַנען דעם ייִדישן טעאַטער אין אונדזער נאַציאָנאַלן וואָגן. ס'איז דער מוז פון איצטיקן מאָמענט".

אין 1947, ווען ס'איז זיך צונויפגעקומען די גרויסע פֿאָלקס־קאָנפערענץ פאַר אַ בעסער ייִדיש טעאַטער, האָט חיים עהרענרייך געלאָזט הערן זיין מונטערדיק וואָרט, זיין שריפטלעכע ברכה: „מיר האָפן אַז די טיפע ליבשאַפט צום ייִדישן פאָלקס־לעבן וועט אייך פירן אויפן ריכטיקן וועג". דער בונד פון ייִדישן פאָלקס־לעבן מיטן באַרג־אַרויף־ציל פון דער ייִדישער בינע איז געווען דער האָריזאָנ־טאַלער תּחום פון זיין וויזיע. זיין ציל און זיין דערציִערישע שלי־חות האָט ער געזען אין העלפן אויסלייזן די ייִדישע בינע פון זעלבסט־איינגעליבטע סטאַרן און איילעוודיקע מענעדזשערס, כּדי איר צו געבן אַ ווערטיקע באַזע פון נאַציאָנאַלער קולטור. אין דעם האָט חיים עהרענרייך געזען די גאַראַנטיע פאַר ניוואָ און אויפשטייג וואָס זאָל אויך דערנענטערן דעם טעאַטער־גייער צו די דראַמאַטי־שע שאַפונגען פון „שרייבער מיט געדאַנקען"... פון אַ קעגנזייטיקער באַווירקטקייט פון אַלע גורמים אין און אַרום טעאַטער — האָט חיים עהרענרייך געחלומט.

ער האָט געזען ווי אַ נויטווענדיקייט צו דערנענטערן דעם ייִדי־שן שרייבער, וואָס שאַפט אויך דראַמאַטישע שאַפונגען, צום סוד פון דער בינע, צו טעאַטער־אויפפירונג. ער האָט געזאָגט מוסר די ייִדישע דראַמע־שרייבער, אַז „ביי אונדז ווילן ניט די וואָס קאָנען שרייבן, אַז מען זאָל זיי העלפן צופּאַסן זייער ווערק צו די באַדינגונגען פון דער בינע". ווי גוט ער האָט עס פאָרמולירט: „ער (דער שרייבער) וועט ניט אַראָפּנידערן מיט זיין פּיעסע אַזוי ווי פון הר סיני". ער האָט ניט געוואָלט שלום מאַכן מיט די צעכיסטישע אָפּזונדערונגען: שרייבער באַזונדער, רעזשיסער באַזונדער און

שווישפּילער באַזונדער. ער האָט זיי אַלעמען צוזאַמען געוואָלט זען אונטער איין קרוין — די שליחות פון ייִדישער קולטור-שאַפונג, וואָס איז אַלעמען מחייב און מזכּה. ביי יעדן באַזונדער און ביי אַלעמען צוזאַמען האָט ער אויך געמאָנט דעם באַריר מיט דעם ייִדישן געמיט און מיט דער רעאַליע פון ייִדישן לעבן.

וועגן ייִדישן דראַמאַטורג און זיין שייכות צום ייִדישן לעבן זאָגט עהרענרייך, ווי אַ מוכיח: „דער ייִדישער שרייבער האָט אַלס דראַמאַטורג שטאַרק אונטערגעהונקען. טעמאַטיש איז ער געווען מיט דעם קאָפּ אין די הימלען. ער האָט געהאַט ווייניק מגע-משׂא מיטן לעבן פון די מאַסן, מיט דער ווירקלעכקייט, מיט דער סביבה". אָבער עהרענרייך געהערט ניט צו די געשווירענע קטיגורס. זיין געראַנגל האָט אַ דערציִעריש-פּאָזיטיוון תּכלית. פאַרצייכנט ער אויך דערביי וואָס ער זעט ווי אַ מוסטער: לייוויק מיט זיין „שאָפּ" און „שמאַטעס", גאָטעספעלד מיט זיין „פּרנסה" און „מחותּנים", און פּרץ הירשביינען זעט ער פּאָזיטיוו ווי „דער ראָמאַנטיקער פון אונדזער טעאַטער" און ווי אַ דראַמאַטורג וואָס „איז געווען כּולו טעאַטער".

אין זיין אַנאַליז וועגן טעאַטער-פּרוּוון ביים שליסן פון אַ סעזאָן, ביים באַהאַנדלען די „כעלעמער חכמים" און „יאָזעפוס" פון פוויכט-וואַנגער אויף דער ייִדישער בינע — מאָריס שוואַרצס אויפפירונגען — שטעלט אויך עהרענרייך דעם טראָפּ אויף דעם טיף-ייִדישן און טיף-מענטשלעכן, אַנטקעגן די דרויסנדיקע כּישוף-צויבערן פון רעזשיסערישע איינפאַלן און „אַקטיאָרישע שמד-שטיק". ער זוכט אין די דראַמאַטישע שאַפונגען און אין די בינע-אויפטריטן יענע אינ-האַלטלעכע מאַגישע כּוחות, וואָס באַצווינגען אויף דעם אַפּאַטישן עולם; בקיצור — די העכערע מדרגות, וואָס שאַפן די בריק פון פאָלק צום קינסטלער און פון דער בינע — צוריק צום פאָלק.

אָן-פשרהדיק האָט ער אויך געפירט דעם חשבון מיט רעזשי און שווישפּיל, אַז מען קאָן ניט נאָכגיין די אומוויסנקייטן און נאַיִווקייטן פון בעזגראַמאָטנעם סטאַר, מיט די אַלע באָבע-מעשׂיות און קינ-

דיש-אומבאַהאָלפּענע שפּיל-קינצערייען פון אָרעמען באַגאַזש. אַלץ — צוליבן עיקרדיקן באַנעם, אַז: „טעאַטער אין היינטיקע צייטן איז דער באַראָמעטער פון דעם גייסטיקן און קולטורעלן לעבן פון אַ פאָלק״. און פירנדיק דעם חשבון פון יידישן כּלל-טוער, וועלכער האָט זיך אָפּגעקערט מיט סנאָביזם פון יידישן טעאַטער, און פירנדיק, גלייכצייטיק, דעם חשבון פון יידישן קהל, וואָס האָט אין פאַרטעמפּטקייט פון עם-הארצות ניט אַנטפּלעקט קיין חוש פאַר די זו־כענישן און פּרוּוון פון עפּעס בעסערס און שענערס „אויף די ברעטער״ פון דער יידישער בינע — האָט חיים עהרענרייך אויך פאָרמולירט זיין אני מאמין פון מעשׂים:

— „טעאַטער, גלייב איך, איז נאָך מער ווי פאַרוויילונג, טעאַטער איז אַן אומגעהייער און ווירקזאַמער כּלי-זין אין קאַמף פאַרן קולטורעלן קיום פון אַ פאָלק. עס לוינט זיך צוליב דעם פאַרקאַשערן די אַרבל און טאָן עפּעס, אויב נאָר מען איז אין אונדזערע רייען ניט אין גאַנצן פאַרצינישט און פאַרטעמפּט געוואָרן״.

„איך בין דורכגעפלאָכטן מיט רייד, קלאַנגען און געשטאַלטן — ניין, זיי זיינען ניט טויט... אָט הער איך דאָך, אָט זע איך זיי... זיי לעבן אַלע איצט אין מיר״. אַזוי האָט חיים עהרענרייך פאַרצייכנט זיינע געפילן בעת אַ באַזוך אויף די קברים פון יידישע טעאַטער־מענטשן. זייערע רייד און קלאַנגען האָט ער אַריינגעוועבט אין די צענדליקער מאמרים וואָס ער האָט געווידמעט דעם יידישן טעאַטער, זיינע פיגורן און פּראָפילן.

אַ גאַלעריע פאָרטרעטן פון יידישע בינע-קינסטלער, וואָס האָבן זייער עבודה געטאָן מיט שאַפערישער התלהבות — זיי האָט חיים עהרענרייך אויסגעלייזט פון שיכחה. מיטן מוט פון זייער דערהייבונג האָט ער געמאָנט ביי אַלע פאַקטאָרן וואָס אין און אַרום דעם יידישן טעאַטער, מיט באַזאָרגטקייט פאַר שאָטנס פון ירידה, פאַר פאַרפלאַכונג פון ווערטן, און מיט אומרו, אַז עס פעלט דער פאָרהאַנג מיטן נסתּלק ווערן פון די גרויסע געשטאַלטן אויף דער יידישער בינע.

צווישן זיי האָט זיך אויך אַריינגעוועבט דער פּאָרטרעט פון טעאַטער־ליבהאָבער און טעאַטער־קענער חיים עהרענרייך, מיט אַ דראַמאַטישן פראַגמענט, מיט זיין איינאַקטער „ווו נעמט מען אַ קאָפּ׳?״, וואָס גיט איבער די גראָטעסקע איילעניש אין אַ ייִדישער טאָג־צייטונג, אין אַ צייט פון טראַגישע פּאַסירונגען ביי ייִדן אין גאָרער וועלט. אויך דאָרט, ביים טיש פון זיין פּרעסע־אַרבעט, האָט חיים עהרענרייך זיך געפּילט בסתּירה מיט דער זשורנאַליסטישער איילעווודיקייט צוליב זיין ניט געשטילטן באַגער צום מאָנומענטאַלן און פונדאַמענטאַלן פון העכערע ווערטן, פאַר וועלכע ער האָט זיך געראַנגלט אין תּחום פון דער ייִדישער בינע.

איז עס נאָך אַ ליכטיקער פּונקט צו דער געשטאַלט פון חיים עהרענרייך, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין שרייבערישע עבודה מיט איילעוודיקן רעפּאָרטאַזש און זיך דערהויבן צום הומאַנעם פּאָר־טרעט־געמעל פון זיינע באַליבטע בינע־קינסטלער און צום שלמות־דיקן עסיי, וואָס איז באַהויכט מיט ייִדישע און אַלמענטשלעכע קול־טור־ווערטן.

*

דאָס איז דאָס צווייטע בוך פון ליטעראַרישן עזבון פון חיים עהרענרייך ז״ל. (אין 1974 איז דערשינען דאָס בוך „פּאַרבליבענע ווערטער״). זאָל פאַרצייכנט ווערן די געטריישאַפט פון פּרוי בעל עהרענרייך ביים אָפּהיטן די ליטעראַרישע ירושה פון איר מאַן. פאַר דעם וועט אויך דאַנקען דער וואָס וועט אַ מאָל זוכן מקורות צו דער געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער אין אַמעריקע. אַ יסוד פאַר זיין בנין וועט ער זיכער געפינען אין די רשימות, פּאָרטרעט־צייכענונגען און אָפּהאַנדלונגען פון חיים עהרענרייך ז״ל.

אריה שמרי

אינהאַלט

פון די אַרויסגעבער 9

אַרום יִדישן טעאַטער

דער דראַמאַטורג אַסיף דימאָוו 19
יִדיש טעאַטער היינט־צו־טאָג 25
די גרויסע פאָלקס־קאָנפערענץ פאַר אַ בעסער יִדיש טעאַטער 32
מען מעג אַ מאָל זיך דורכריידן צווישן זיך 36
ענטפערס אויף די פראַגן פון מרדכי ירדני וועגן יִדישן טעאַטער 41
די באַציִונג פון די טעאַטער־יוניאָנס צו יִדישע אַקטיאָרן און צום יִדישן טעאַטער 49
דער איצטיקער מצב אין דעם יִדישן טעאַטער אין אַמעריקע 53
די ווירקונג פון לייוויקס „שמאַטעס" אויפן יִדישן קינסטלערישן טעאַטער 61
יואל ענטין, דער טוער, בעל חלומות און טעאַטער־מענטש 69

פיגורן און פּראָפילן

אַלעקסאַנדער גראַנאַך אין אַמעריקע 79
מאָריס מאַשקאָוויטש 85
מאָריס שוואַרץ דערציילט וועגן זיין אָנהייב אַלס אַקטיאָר 88
ראובן גוסקין 96
שטריכן און שטריכעלעך וועגן יוסף רומשינסקי 104
דזשען פּירס — צווישן דער אָפּערע און דער קראַנקער מאַמע 109
סעמועל גאָלדינבורג דערציילט וועגן האָליוווּד 115
פּאָול באַראַטאָוו — צו זיין יובל 123
אברהם טייטלבוים — אַן ערנסטער און אינטעליגענטער קינסטלער 129
איזידאָר קעשיר 133
צילי אַדלער און דער שטרענגער קריטיקער 138
אַ באַגעגעניש מיט הערי גאָז 144

ביים געפּאַלענעם פּאָרהאַנג

לייב קאַדיסאָן 151
מישאַ גערמאַן 154
יִדישע טעאַטער־וועלט אויף קבר אבות פון יִדישע טעאַטער־מענטשן 157
יוסף רומשינסקי ביז זיין לעצטן טאָג 162

דיאַנאַ בלומענפעלד 167
מנחם רובין — דער אַקטיאָר און דער מענטש 170
משה אוישער 174
ליזאַ זילבערט 178

אין תחום פון סעזאָנען

מאָריס געסט — דער טעאַטער־מענעדזשער 183
מאָלי פּיקאָן אין די אַמעריקאַנער וואָדעוויל־טעאַטערס און ביי ייִדן 191
ווי מוני וויזענפריינד (פּאָל מוני) איז אַוועק פון האָליוווד 196
ווען עס שליסט זיך אַ סעזאָן 201
גראָפּערס טעאַטער־קאָסטיומען אויף „סעקאַנד עווענױ" 211
הערמאַן יאַבלאָקאָוו אין די די. פּי. ־ קעמפּס 217
ווי דער אָפּערע־זינגער דזשען פּירס האָט געדאַווענט אין דער מאָסקווער שול 223
„שווער צו זיין אַ ייִד" אין דעם ייִדישן אַנסאַמבל־טעאַטער 229
די „איינזאַמע שיף" פון משה דלוזשנאָווסקי 233
די איטאַליענישע אַמעריקאַנער זינגערין, דזשינעטאַ לאַ ביאַנקאַ און שלום סעקונדאַס „יהי רצון" 236
טאָקערס רעקאָרד פון סדר־ניגונים און שחרית־תפילות קאָמפּאָנירט פון שלום סעקונדאַ 239
דער זיווג בעלאַרסקי־געבירטיג 241
עטלעכע ווערטער וועגן דעם וואָדעוויל־טעאַטער 243
„מירעלע אפרת" אויפגעפירט אין ייִדישן מלוכה־טעאַטער פון פּוילן 245
אידאַ קאַמינסקאַ וועגן ייִדישן טעאַטער אין פּוילן 247
בערגעלסאָנס „פּרינץ ראובני" אין דער פאָלקסבינע 251
ריטשאַרד טאָקערס 25־יאָריקער יובל 255
דריי טעאַטער־סטאַרס זיינען זיי געווען (אַלעקסאַנדער גראַנאַך, אַלעקסאַנדער סאַנין, וועניאַמין ניקולין) 259

ווי נעמט מען אַ „קאָפּ"?

חיים עהרענרייך / ווי נעמט מען אַ „קאָפּ"? — איינאַקטער 267

וועגן חיים עהרענרייך

נורמן פורמן / צוויי זיינען מיר געווען 284
משה שטאַרקמאַן / פּאַרבליבענע ווערטער און ווערטן 287

אַרום ייִדישן טעאַטער

דער דראַמאַטורג אָסיפּ דימאָוו

שוין פערציק יאָר ווי אָסיפּ דימאָוו איז פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט ייִדיש טעאַטער. אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע און דראַמאַטישע קאַריערע האָט ער נאָך פריִער, אויף דער רוסישער שפּראַך. ווען זיין פּיעסע „שמע ישׂראל" איז אין 1908 אויפגעפירט געוואָרן פון באָריס טאָמאַשעפסקין אין ניו־יאָרק, איז דימאָוו שוין געווען אַ שרייבער מיט אַ נאָמען אין דער רוסישער ליטעראַטור, און זיין דראַמאַטורגישע רעפּוטאַציע האָט זיך שוין גענומען פאַרשפּרייטן אויסער די גרענעצן פון דער רוסישער שפּראַך. ערשט שפּעטער און גאַנץ צופעליק, האָט דער ייִדישער טעאַטער גענומען הנאה האָבן פון זיין פרוכטבאַרער און טאַלאַנטפולער פעדער.

מיט דער פּיעסע „שמע ישׂראל", די דראַמע וואָס איז אין 1907 אויפגעפירט געוואָרן אין פּעטערבורג מיט דעם אַקטיאָר באַראַטאָוו, קאַטשאַלאָוס אַ שוועסטערקינד, אין דער הויפּט־ראָל, הייבט זיך אָן דימאָווס פאַרבינדונג מיט דער ייִדישער בינע. צופעליק איז אַ קאָפּיע פון דער פּיעסע אין רוסיש אַריינגעפאַלן צו באָריס טאָמאַשעפסקין אין די הענט. ער האָט איר געלאָזט איבערזעצן, כאָטש זי איז שוין מיט אַ יאָר פריִער געווען איבערזעצט אין וואַרשע, און האָט איר דאָ אויפגעפירט אין זיין טעאַטער. הגם די קריטיק האָט די פּיעסע שטאַרק געלויבט, האָט זי אָבער קיין פינאַנציעלן דערפאָלג דאָ ניט געהאַט.

דאָן האָט פּאַסירט נאָך אַ צופאַל. אין 1913 האָט טאָמאַשעפסקי גאַסטראָלירט אין לאָדזש. אין דער זעלבער צייט איז אַהינצו געקומען אָסיפּ דימאָוו מיט זיין רוסישער טרופּע וועלכע האָט באַזוכט גאַנץ רוסלאַנד — פון ניקאָלאַיעוו ביז ברעסט ליטאָווסק, דערנאָך ביז טשענסטאָכאָוו. נאַ־

טירלעך איז טאָמאַשעפסקי געגאַנגען זען די רוסישע שוישפּילער שפּילן. געשפּילט האָבן זיי דימאָווס „דער אייביקער וואַנדערער“. די פּיעסע איז טאָמאַשעפסקין שטאַרק געפעלן געוואָרן. האָט ער אייגעלאַדן דעם דראַמאַטורג צו קומען קיין אַמעריקע. דימאָוו האָט די איינלאַדונג גערן אָנגענומען. טאָמאַשעפסקי האָט באַלד דימאָוון געגעבן טויזנט אַמעריקאַנער דאָלאַרן אַלס הוצאות פאַר דימאָוון, זיין פרוי מיטן קינד. דעם זעלבן יאָר איז „דער אייביקער וואַנדערער“ אויפגעפירט געוואָרן אין ניו־יאָרק און דימאָוו האָט, אַזוי צו זאָגן, אויף שטענדיק זיך פאַרבונדן מיטן ייִדישן טעאַטער אין אַמעריקע. זינט דעמאָלט, מיט בלויז אַ פּאָר איבעררייסונגען פון עטלעכע יאָר, איז ער געוואָרן ביי אונדז, אַן א ו נ ד ז ע ר י ק ע ר.

געקומען איז ער צום ייִדישן טעאַטער אין אַ „צווישן־צייט“. יעקב גאָרדין איז שוין ניט געווען. ליבין, קאָברין, שמ״ר האָבן זייער דראַמאַטורגישן שוואַנען־ליד שוין געהאַט אָפּגעזונגען. פּרץ הירשביין איז מיט זיינע בינע־שאַפונגען נאָך ניט געהאַט צוגעקומען צום טעאַטער. איזידאָר זאָלאָטאַרעפסקי און אַ גאַנצע פּלעיאַדע טעאַטער־שטיק־מאַכער האָבן פאַרנומען די אָפּגעליידיקטע פּאָזיציעס. פאַרווילדעוועט און פאַרשונדעוועט איז געוואָרן די ייִדישע בינע, לאָקאַליזירט און פאַרקליינשטעטלדיקט, פאַרטריבן אין אַ בלינדן געסל פון הילפלאָזיקייט און, וואָס נאָך ערגער, נודנעקייט. אין אָט דעם צושטאַנד פון דער ייִדישער בינע איז געקומען אָסיפּ דימאָוו.

מיט זיינע פּיעסן האָט ער אַריינגעבלאָזן אַ ניי לעבן אין די אויסגעטריקנטע ביינער פון ייִדישן טעאַטער. זיין איראָפּעיִשער צוגאַנג צום טעאַטער, זיין אויסוואַל פון טעמאַטיק, די פרישקייט פון זיין טעכניק האָבן צוריקגעבראַכט צום טעאַטער דעם אינטערעס פון דער ייִדישער אינטעליגענץ און אַרויסגערופן גרויס דרך־ארץ צו דער ייִדישער בינע.

ניטאָ קיין סך ביי אונדז וועלכע קענען טעאַטער אַזוי דורך און דורך ווי אָסיפּ דימאָוו. ביי אים איז טעאַטער ל ע ב ן, באַוועגלעכקייט, דינאַמיזם, שפּילעוודיקייט, ער איז פּונקט אַזוי געניט אין דער דראַמע ווי אין

דער קאָמעדיע, ווייל ער פאַרמאָגט ריטעם, איבערהויפּט דעם ספּעציפישן ריטעם פון דער בינע.

אַלס דראַמאַטורג פאַרמאָגט ער גרויסע מעלות וואָס דערהייבן זיינע טעאַטער־שאַפונגען. זיין איראָנישער שמייכל, די פּינקלדיקע שפּילעוודי־קייט פון זיין „פּראָזע", די איינפּאַלערישקייט פון זיין בינע־טעכניק. די העכסטע אילוסטראַציע פאַר די דאָזיקע מעלות זיינע איז, אָן ספק, „בראָנקס עקספּרעס", די סאַטירישע קאָמעדיע זיינע וועלכע איז געשפּילט געוואָרן אויף אַ סך שפּראַכן און אין אַ סך לענדער און וועלכע איז לכתחילה גע־שריבן געוואָרן פאַר דער ייִדישער בינע.

די דאָזיקע שטיק זיינע וועלן געשפּילט ווערן כל־זמן ס'וועט עקסיס־טירן דער הו־האַ פון מענטשלעכער שטרעבונג צו דעם עולם־הזה. די קאָ־מעדיע וועט פאַרבלייבן פריש און געלאָדן מיט בינע־אינטערעס צוליב דער בינע־דערפינדערישקייט אירער, צוליב דער גענישטקייט און בריהשקייט וועלכע דימאָוו האָט אַרויסגעוויזן ביים אויסנוצן אַלע מעגלעכקייטן וואָס די בינע שטעלט מיט זיך פאָר.

דימאָוו איז געווען אפשר דער ערשטער פון אונדזערע דראַמאַטורגן אָפּצושאַצן די ברייטע מעגלעכקייטן, די שפּילעוודיקייט פון דער בינע. ער איז געווען דער ערשטער צו באַנעמען, אַז בינע איז באַלד אַזוי רייך ווי לעבן, אַז די בינע־קונסט איז אין אַ סך הינזיכטן מער פּאָטענציעל, מער קרעפטיק ווי דאָס לעבן, ווייל דער צושויער איז אין גאַנצן קאָנצענטרירט אויף דעם ליכטיקן פּונקט וואָס הייסט בינע, ווייל זיין גאַנצע אויפמערק־זאַמקייט איז צענטראַליזירט, אָנגעשטרענגט אויף דער בינע. ווייסט דימאָוו אַז, פון איין זייט, קאָן די אָנשטרענגונג צו לאַנג ניט אָנהאַלטן און, פון דער אַנדערער זייט, קאָן ער איר אויסנוצן ביז צום דנאָ, אויב ער וועט איר אָנהאַלטן וואָס לענגער.

שפּילט ער זיך אויף דער בינע מיט קאָלירטע באַלאָנען פון שנעלער האַנדלונג, פון זיך אַנטוויקלענדיקע סיטואַציעס און ער שלענגלט זיי דורך מיט קלוגע דיאַלאָגן און גיט זיי צו טעם מיט זיין לייכטער איראָניע, מיט קהלת־קלוגע באַאָבאַכטונגען און מיט איינאָפּעיִש־ראַפינירטן, לייכט־לייכט

באַהויכטן אומעט. דימאָוו איז טעאַטער דורך און דורך. ער איז דער ערש־טער פון דעם מין אויף דער ייִדישער טעאַטער־גאַס, און ווייל ער איז דער ערשטער וואָס האָט געבראַכט דעם טעאַטער אונדזערן אַזוי פיל דערפינ־דערישקייט, שפּילעוודיקייט און ראַפינירטקייט, איז ער דעם רוב פון אונד־זערע עלטערע ייִדישע טעאַטער־באַזוכער נאָך אַלץ אַ ביסל פרעמדלעך, ער איז נאָך אַלץ צו ניי, צו ניט־ייִדישלעך פאַר זיי.

צו „ניט־ייִדישלעך" אויך ווייל זיינע טעמעס און סוזשעטן זיינען גענו־מען פון אַ סך אַ ברייטערן רעזערוואַר ווי די ד׳ אמות פון אונדזער ענגן לעבן. „דער זינגער פון זיין טרויער", „די לעצטע געליבטע", „בראָנקס עקספרעס", „מענטשן־שטויב" און אַ סך אַנדערע פון זיינע פּיעסן זיינען ניט דווקא ייִדישע טעמעס. זייער באַדייטונג איז אוניווערסאַל און זייער ווירקונג איז אַן אַלגעמיינע. אפשר דערפאַר טאַקע זיינען דימאָווס פּיעסן געשפּילט געוואָרן אויף אַזוי פיל בינעס און האָבן אויסגענומען ביי אַזוי פיל מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן און קלאַסן.

דימאָוו איז געווען פאַרבונדן רעזשיסעריש מיט „דאָס נייע ייִדישע טעאַטער". צוזאַמען מיט די שילדקרויטס, רודאָלף און דזשאָזעף, האָט ער געגרינדעט דעם קליינעם שילדקרויט־טעאַטער אין די בראָנקס, דער טעאַ־טער ווו ס׳איז אויף ס׳ניי אויפגעפירט געוואָרן „בראָנקס עקספּרעס", „דער זינגער פון זיין טרויער" און ווו ס׳איז פאָרגעקומען די פּרעמיערע פון „די לעצטע געליבטע".

דימאָוו האָט זיך ניט צוריקגעהאַלטן פון פאַרקאַשערן די אַרבל און — מיט אַ גרופּע יונגוואַרג, ווי יהודה בלייך, צבי סקולער, וואָלף באַרזעל און אַנדערע — אָנצופירן אַ קליין־קונסט גרופּע און שפּילן מיניאַטורן. ער איז אַ בויער און אַן אויפהאַלטער; ביין פון ביין און פלייש פון פלייש פון אונד־זער טעאַטער. דערפאַר איז ער אַזוי באַליבט אין דעם ענגן קרייז פון ייִדישע שוישפּילער און ייִדישע טעאַטער־מענטשן. אַז דימאָוו קאָן ניט שרייבן פאַרן לעבעדיקן טעאַטער, אַז ער קאָן ניט רעזשיסירן אין איינעם פון די עקסיסטירנדיקע טעאַטערס, וועט ער זיך ניט ערגערן און וועט

שרייבן פאַר ראַדיאָ און וועט אויפפירן אויך יענעמס זאַכן אויף דער „לופט".

בלויז צוויי מאָל האָט ער פאַר די פיר און אַ האַלב צענדליק יאָר וואָס ער איז אין אַמעריקע פאַרלאָזט אונדזער בינע און איז אַוועק צו „זיי". צו די „גוייִם". דאָס ערשטע מאָל איז עס געווען אין 1924 ווען זיין ערשטע פּרווי איז געשטאָרבן און מאַקס ריינהאַרדט האָט אים מיטגענומען קיין בער־לין, ווו ס'איז אויפגעפירט געוואָרן „בראָנקס עקספּרעס", „די לעצטע געליבטע" און אַנדערע ווערק זיינע. ער האָט דעמאָלט פאַרבראַכט אין דייטשלאַנד ביז היטלערס אָנקומען און האָט דאָרט געשריבן פאַר די פיל־מען און פאַר טעאַטער. זיין פילם „ראַספּוטין" מיט קאָנראַד ווהייט אין דער הויפּט־ראָל, לאָזט זיך עד היום ניט אויסמעקן פון זכרון. זיין פּיעסע „שאָטנס איבער האַרלעם", וועלכע האָט באַהאַנדלט די ראַסן־פראַגע, איז ערב היטלערס איבערנעמען די מאַכט אויפגעפירט געוואָרן אין שטוטגאַרט און האָט שיִער־ניט געקאָסט דימאָוון דאָס לעבן. אין 1932 האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין ניו־יאָרק — אָבער בלויז צוויי יאָר איז ער דעמאָלט פאַרבליבן. אין 1934 איז ער אַראָפּגעבראַכט געוואָרן קיין לאָנדאָן, ווו ער איז פיר יאָר געווען פאַרבונדן, אַלס שריפטשטעלער און אַלס רעזשיסער, מיט פילמען וואָס זיינען דאָרט אויפגעפירט געוואָרן.

איצט צו זיבעציק איז דימאָוו פונקט אַזוי שעפעריש ווי צו זעכציק און צו פופציק. אויסער דעם וואָס ער איז טעטיק ביי ראַדיאָ — איז ער אויך פאַרבונדן מיט דער ראַדיאָ סטאַנציע דאַבליו. אי. ווי. די.; איז ער פאַרנו־מען מיט שרייבן אַ נייע אַמעריקאַנער קאָמעדיע, אין יידיש, און אַ דראַמע אין ענגליש, וואָס ער שרייבט אין ווייסע פערזן, „עפּיזאָד אין באַקינגהעם פּאַלאַס". ער אַליין כאַראַקטעריזירט דעם דאָזיקן פאַרזוך אין ענגליש אַלס „לאָנדאָן וויזאַווי תל־אָביב". שעפעריש איז דימאָוו נאָך ניט אַריינגעטראָטן אין די עלטערע יאָרן, אין די זיבעציקער. ער טראָגט זיך אַרום מיט סו־זשעטן פאַר נייע דראַמאַטישע ווערק, מיט פּלענער פאַר ווייטערדיקע אַר־בעטן, מיט טעמעס פאַר דערציילונגען, און ראָמאַנען. ס'וועט נאָך נעמען

לכל הפחות אַ דרייסיק יאָר ביז אָסיף דימאָוו וועט אָנהייבן אַלט ווערן און וועט נעמען טראַכטן פון אַוועקלייגן די פעדער און אויסרוען זיך.

*

אָסיף דימאָווס שיקזאַל איז אַן אייגנאַרטיקער. ער האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע אין פעטערבורגער „אַקאַדעמיע פון קונסט" אַלס אַ צייכענער, און שפּעטער געוואָרן אַ באָטאַניקער (וואַלד אינזשעניר), באַלד געוואָרן אַ שרייבער, און ערשט איצט, נאָך פופציק יאָר, האָט ער אויסגעקליבן אַ גאָר נייע קאַריערע; ער איז געוואָרן אַ סקולפּטאָר. ער נעמט זיין נייע ראָל ניט ווי אַ „האָבי", נאָר ווי אַן אמתע פּראָפעסיע.

אין אַטראַן קולטור הויז האָט מען געקאָנט זען דימאָווס סקולפּטור־אויסשטעלונג. אַלע אַרבעטן זיינען אויסגעגאָסן אין גיפּס. דימאָוו דער שרייבער און דימאָוו דער סקולפּטאָר גייען צוזאַמען האַנט און האַנט. די־מאָוו האָט ליב זיינע העלדן. ער קען זיי גוט. ער ווייס זייער לעבן און זייער שיקזאַל. אין זיינע אַרבעטן פילט זיך געזונטער אָפּטימיזם, פאַרבונדן מיט לייכטן הומאָר און צאַרטע ליריק.

ייִדיש טעאַטער היינט־צו־טאָג

ייִדיש טעאַטער אין אַמעריקע — ס׳איז ניט קיין לייכטע טעמע, און אויך ניט קיין צו־פריילעכע טעמע. מיט אַ צענדליק יאָר צוריק האָט מען געקאָנט ריידן וועגן אַ טוץ ייִדישע טעאַטערס אין ניו־יאָרק אַליין. מ׳האָט געקאָנט דעמאָלט ריידן וועגן צוגעקומענע קינסטלער און וועגן נייע דראַמאַטורגן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויפן ייִדישן טעאַטער־הימל. מ׳האָט געקאָנט דערציילן וועגן דערגרייכונגען און וועגן ווייטערדיקע אויסזיכטן.

ס׳איז דעמאָלט געווען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער ייִדישער טעאַטער דאָ האָט זיך באַנייט און באַפרישט מיט נייע כוחות אויף אַלע געביטן, מיט נייע קינסטלער, וועלכע זיינען אַהערצו געקומען פון אייראָפּע און האָבן באַרייכערט אונדזער ייִדישן קולטורעלן לעבן דאָ.

אין יענע יאָרן האָבן ייִדישע שוישפּילער זיך פאַרגינען דעם לוקסוס צו זיין זייער אויסקלייבעריש — צו־אויסקלייבעריש, וואָלט איך זאָגן — און ס׳איז אָנגעקומען זייער שווער פאַר יונגע מענטשן אַריינצוקומען אין דעם געגאַרטן היכל פון ייִדישער טעאַטער־קונסט.

מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק איז געווען דער אויפבלי־פּעריאָד פאַר טעאַטער־בענעפיטן און טעאַטער־אונטערנעמונגען. ייִדישע לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין דעם יאָך פון העלפן צוריק אויפבויען די חרוב געוואָרענע אַלטע היים, און דער ייִדישער טעאַטער איז געוואָרן אַן אינסטרומענט, אַ ווירקנדיקער מיטל אויף צו שאַפן פאָנדן.

דעמאָלט זיינען נאָך די טירן פון אַמעריקע ניט געווען אין גאַנצן, אָדער כמעט אין גאַנצן, פאַרהאַקט קעגן אימיגראַציע. ייִדישע אָרגאַניזאַציעס זיינען געוואַקסן ווי אויף הייוון, האָבן זיי געזוכט נייע און ברייטע

געביטן פון טעטיקייטן, און מ'האָט גענומען בויען אינסטיטוציעס, אויס־שפרייטן זיך — שפּיטעלער, מושב־זקנימס, תּלמוד־תּורהס, קאָמיוניטי־צענ־טערס, בתּי־מדרשים, פאָלקס־שולן — און דער ייִדישער טעאַטער איז צונויף געקומען, געווען אַ מיטבויער און אַ מיטשאַפער, ווייל ער איז געווען אַ קוואַל פון פינאַנציעלע רעזערוון.

אין יענע יאָרן איז די ייִדישע גאַס געווען יונג — פּאַרמאָגט אַן איי־גענע יוגנט, אַן אַריבערגעקומענע, און אויב אַפילו אַ הי געבוירענע — איז זי נאָך געשטאַנען אונטער דער דירעקטער השפעה פון די אַריבערגעקו־מענע. דער ייִדישער טעאַטער איז נאָך געווען באַהויכט מיט דער ראָמאַנ־טישקייט אין וועלכער די יוגנט הילט איין טעאַטער. די ייִדישע בינע איז געווען איינגעוויקלט אין טיול פון געהיימעניש. שטראַלנדיקע טיולן האָבן געלאָקט און געצויגן די יוגנט. און די בינע האָט טאַקע אויך פאַרמאָגט יונגוואַרג.

זינט דעמאָלט האָט דאָס ייִדישע לעבן אין אַמעריקע זיך אַ סך, אַ סך געענדערט, און ניט דווקא צום ערגערן. דער אַמאָליקער עמיגראַנט, וואָס איז אין די ערשטע יאָרן געשטאַנען מיט די פיס דאָ, און מיטן האַרצן, מיט אַלע בענקשאַפטן און געדאַנקען, דאָרט, אין דער אַלטער היים, איז איצט אַ היגער. די אַלטע בענקשאַפטן האָט ער לאַנג אָנגעוווירן. די אַלטע היים האָט פאַר אים ניט יענע באַדייטונג, יענעווירקלעכקייט פון די ערשטע יאָרן. דער הייגטיקער ייִד, אַפילו ווען ער איז אַליין אַמאָל געווען אַן אי־מיגראַנט, פילט זיך און באַטראַכט זיך ווי אַן אַמעריקאַנער תּושב. און אויב ס'האָט נאָך ביז דער לעצטער וועלט־מלחמה געטליִעט אין אים אַ פונק פון בענקשאַפט צו די קרובים אין דער אַלטער היים, האָט איצט, נאָך דער אויסראָטונג פון די ווייטע און נאָענטע קרובים, די דירעקטע קרובה־שאַפט, די נאָענטע פאַרבינדונג מיט דער אַלטער היים, זיך אין גאַנצן אי־בערגעריסן. דער אַמעריקאַנער ייִד איז איצט כּולו, הונדערט פּראָצענט אַמעריקאַנער ייִד.

איך דערמאָן דאָס, ווייל איך גיי איצט אַריבער צו איינער פון די הויפּט־פּראָבלעמען פון ייִדישן טעאַטער — זיין ניט־צוגעבונדנקייט צו

דער ייִדישערווירקלעכקייט, זיין אָפּגעפרעמדקייט פון ייִדישן לעבן. דאָס ייִדישע לעבן אין אַמעריקע איז אין פיל פּרטים געוואָרן דאָס פאַרקערטע פון דעם וואָס עס איז געווען מיט פופציק און מיט דרייסיק יאָר צוריק. דאָס ייִדישע טעאַטער איז אָבער מיט אים ניט מיטגעגאַנגען.

צום ביישפּיל — די טעמאַטיק פון די פּיעסן וואָס ווערן געשפּילט אין די ייִדישע טעאַטערס. גאָרדינס דראַמעס זיינען אַלעמען באַקאַנט. זייערע „העלדן" — די מענטשן אין זיי, די סוזשעטן — זיינען פון דער אַלטער היים. פאַר יענע יאָרן — פופציק, פערציק און דרייסיק יאָר צוריק — זיינען יעקב גאָרדינס פּיעסן געווען אין פולן „איינקלאַנג" מיט דער צייט און מיט דער סביבה. פאַרקערט, פאַר יענע יאָרן וואָלט עס געווען אומנאַטירלעך צו געבן דער בינע פּיעסן פון נייעם לעבן אין אַמעריקע. דער ייִדישער טעאַטער־גייער האָט מיט אַלע חושים געלעבט אין דער אַלטער היים, דאָ האָט ער געזען בלויז וואָכעדיקייט, אַ שווערן לעבן אין שאַפּ. דער טעאַטער איז פאַר אים געווען אַן אויסלייזונג פון דער גרויער, אומאינטערעסאַנטער וואָכעדיקייט. די פּיעסן, די סוזשעטן פון די פּיעסן, האָבן דערנענטערט דעם אימיגראַנט, פאַרבונדן אים מיט יענער „ווירקלעכקייט", צו וועלכער ער האָט זיך געפילט צוגעבונדן.

דער ייִדישער טעאַטער איז געווען די אָפּשפּיגלונג פון דעם פּסיכאָלאָגישן צושטאַנד פון זיין צושויער אין יענע אַמאָליקע טעאַטער־יאָרן, אַזוי ווי יעדער טעאַטער איז עס. דער איצטיקער ייִדישער טעאַטער איז עס ניט.

*

טעאַטער, בכלל, דאַרף מען אויך אין זינען האָבן, שטרעבט שטענדיק צו געפינען אַן אָפּקלאַנג ביים בעסטן, ביים אינטעליגענטסטן שיכט פון זיין עולם. און איך מיין טאַקע דעם „קאָמערציאַנעלן טעאַטער". ס'איז ניטאָ קיין אַנדער טעאַטער ווי נאָר דער וואָס זוכט זיך אַליין אויסצוהאַלטן. אין טעאַטער — אָפּגעזונדערט פון וואָדעוויל, בורלעסק — רעכנט מען זיך מיטן אינטעליגענטן טייל פון דעם עולם. מען זוכט אים צו אַמוזירן און פאַרוויילן — טעאַטראַליש, נאַטירלעך. מען רעדט צו אים — טעאַטראַליש —

אויף זיין שפּראַך און ניט אויף דער שפּראַך פון דעם נידעריקן טייל, פון דעם צוריקגעשטאַנענעם טייל פון דעם עולם.

זעען מיר אויף דער אַמעריקאַנער בינע ווי אַפילו די מוזיקאַלישע קאָמעדיע און די אָפּערעטע זוכן און צילן צו די סאַמע אינטעליגענטסטע קרייזן פון די טעאַטער־גייער. אַזאַ דערפאָלגרייכע מוזיקאַלישע אויפפירונג ווי „פיניאַנס רענבאָו" פאַרמאָגט אינהאַלט, באַרירט אַ פּראָבלעם, ראַסן־פּראָבלעם, וואָס באַאומרויִקט די איידלסטע שיכטן פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק. די שטימונגען און שטרעמונגען פון דעם אַמעריקאַנער טעאַטער, און אויך פון דעם וועלט־טעאַטער, איז צו פאַרבינדן אין אַ נענטערן קאָנטאַקט מיט דערווירקלעכקייט פון לעבן, זוכן די טעמאַטיק און די פּראָבלעמען און ענינים פון דער רעאַליטעט, און דאַן אויסטייטשן זיי אַזוי פאַרשיידנאַרטיק און אַזוי פילפאַרביק ווי נאָר מעגלעך.

אַ טעאַטער וואָס פאַרלירט דעם קאָנטאַקט מיט דער גייסטיקער, אָדער פּסיכאָלאָגישער, ווירקלעכקייט פון זיין פאָלק, אַ טעאַטער וואָס דערלויבט זיך הינטערשטעליק צו ווערן, מוז ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ זומפּ פון אומבאַהאָלפנקייט און ער פאַרלירט מיט דער צייט די אינטעליגענטערע קרייזן פון דעם עולם, די קרייזן אָן וועלכע קיין טעאַטער קאָן ניט עקסיסטירן. טעאַטער אָן אינטעליגענץ איז וואָדעוויל פון ביליקערן סאָרט; אַזאַ טעאַטער זינקט צו דער שטופע פון בורלעסק און באַלאַגאַנשטשינע.

אין יִדישן טעאַטער דערלאַנגט מען אונדז מאכלים וואָס זיינען אפשר לויטן געשמאַק פון די קוכערס און שעפן, וועלכע גיבן זיך אָפּ מיטן טעאַטער־אויוון, אָבער גאָרניט צוגעפּאַסט צו די אַפּעטיטן און גאָרניט באַטעמט פאַרן טעאַטער־עולם. און איך מיין יִדיש טעאַטער אָן אויסנאַם. ניט מאָריס שוואַרץ און ניט די מוזיקאַלישע טעאַטערס אינטערעסירן זיך מיט דעם יִדישן אַמעריקאַנער לעבן, מיט דעם גייסטיקן און פּסיכאָלאָגישן צושטאַנד פון די מענטשן וואָס גייען און וואָס וואָלטן געגאַנגען אין די יִדישע טעאַטערס. זיי הערן זיך אפשר צו צו די עטלעכע צענדליק מענטשן, וואָס פאַרטרעטן די בענעפיט־קויפנדיקע אָרגאַניזאַציעס — און אויך דאָס איז ביי

מיר אַ פּראַגע — זיי האָבן אָבער קיין שום מגע־ומשׂא ניט מיט די אַלע טעאַטער־גייער, וועלכע מיידן אויס דעם ייִדישן טעאַטער און וועלכע קו־מען בלויז ווען מען פאַרקויפט זיי אַ בענעפיט־טיקעט.

אַוודאי זיינען פאַראַן אַ סך ייִדן וועלכע לויפן צו די ביליקסטע אויפ־פירונגען. פיל לויפן ווייל זיי האָבן ליב דאָס ייִדישע וואָרט און קאָנען ניט אויסקומען אָן ייִדישן טעאַטער. נאָך מער, מוז מען צוגעבן, זיי לויפן ווייל זיי זיינען ניט איבערקלייבעריש. דער ייִדישער טעאַטער־געשעפטסמאַן קוקט אויף די מענטשן און באַשליסט, אַז דאָס ווילן זיי און דאָס דאַרף מען זיי געבן. ווייטער גייט ניט זיין אָפּשאַצונג; ווייטער גייט ניט זיין השגה.

און יאָר נאָך יאָר, סעזאָן נאָך סעזאָן גיט מען אין ייִדישן טעאַטער זאַכן וואָס זיינען אַן אָפּשפּיגלונג ניט פון דעם וואָס דער עולם וויל, נאָר פון דעם וואָס דער טעאַטער־אונטערנעמער דענקט אַז דער עולם וויל. די מוזיקאַלישע קאָמעדיעס, ניט נאָר האָבן זיי קיין שום שייכות מיט די אַנט־וויקלונגען און ענדערונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דעם ייִדישן לעבן, אין דעם געשמאַק פון ייִדישן עולם — טאַקע דעם אינטעליגענטן און פיי־נעם ייִדישן עולם — נאָר זיי פאַרמאָגן קיין שום חן, קיין שום רייץ, קיין שום שפּילעוודיקייט אין זיך.

בלויז איין קליינער ביישפּיל: ווער געדענקט ניט די אָפּערעטעס מיט וועלכע מאָלי פּיקאָן, יעקב קאַליך און יוסף רומשינסקי האָבן מיט אַנדערט־האַלבן צענדליק יאָרן צוריק באַשיינט און באַצירט דעם ייִדישן טעאַטער? ס'פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן זייערע אויפפירונגען דערלאַנגט לויט די מעגלעכקייטן, די באַשרענקטע מעגלעכקייטן, פון ייִדישן טעאַטער. זיי האָבן אָבער באַוויזן, אַז מיט די באַשרענקטע מעגלעכקייטן פון ייִדישן טעאַ־טער קאָן מען געבן באמת פיינע, פּלאַטערנדיקע, טעאַטראַליש מחיהדיקע אויפפירונגען. איך געדענק נאָך עד היום „אוי, איז דאָס אַ מיידל“, „מאַ־מעלע“ און אַנדערע אָפּערעטעס. ס'איז געווען אינהאַלט, גוטער געשמאַק און בינע־אַמביציע אין די אויפפירונגען. און די אָפּערעטעס האָבן גע־בראַכט אַן עולם, אַ גרויסן עולם אין טעאַטער. עד היום ריידן ייִדישע טעאַטער־גייער מיט ליבשאַפט און מיט בענקשאַפט פון יענער צייט ווען

די קאַליך־פּיקאָן־רומשינסקי טריאָ איז טעטיק געווען אין יידישן טעאַטער.

וואָלטן זיי געגעבן ביליקע מאַכערייקעס, וואָלט, אָן צווייפל, געווען געגוג עולם וואָס וואָלט געלאָפן זען די ביליקע זאַכן. אָבער — טעאַטער, אין דעם עכטן זין פון וואָרט, צילט ניט צום ביליקסטן טייל פון דעם עולם, און דער טעאַטער ווערט ניט באַרייכערט פון אויפפירונגען וואָס האָבן ניט קיין אינהאַלט, קיין אַמביציע, קיין פונק פון אַ געדאַנק און במילא קיין שום חן און קיין שום רייץ. טעאַטער אָן אַמביציע, אָן דעם קלענסטן פּאַר־זוך עפּעס צו געבן, אָן חשק אַפילו צו אַ נייעם פּראָזשעקטאָר, אַ נייע שאַ־טירונג פון בינע־עפעקטן צו געבן — אַזאַ טעאַטער איז ניט ווערט דעם נאָמען וואָס ער טראָגט.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז וועגן שוואַרצס קונסט־טעאַטער דאַרף מען ריידן מיט אַן אַנדער טאָן. אָבער מאָריס שוואַרץ, טאַקע ווייל ער איז אַלע מאָל געווען איינער פון די גאָר קנאַפּע ביים יידישן טעאַטער וואָס האָבן גע־זוכט און אַפילו עקספּערימענטירט, מוז מען שטעלן העכערע פאָדערונגען. אים מעג מען קריטיקירן, און ער דאַרף זיך פילן געשמייכלט וואָס מען פאָדערט פון אים און וואָס מען קריטיקירט אים. און זאָל מען ניט מיינען, אַז מיט קריטיק שעדיקט מען דעם יידישן טעאַטער. מען שעדיקט מיט פאַר־שווייגן און פאַרקוקן. דער יידישער טעאַטער־עולם, און אויך דער רוב פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס, זיינען אינטעליגענט גענוג צו פאַרשטיין דעם חילוק צווישן קריטיק און פאַראַכטונג, צווישן פאַרדראָס און חוזק.

און וועגן קונסט־טעאַטער מוז מען זאָגן, אַז ער געפינט זיך אין די לעצטע יאָרן אין אַ צושטאַנד פון איזאָלאַציע, פון אָפּגעזונדערט זיין פון יידישן עולם. ווען מאָריס שוואַרץ האָט אויפגעפירט „שווער צו זיין אַ ייד", „שמאַטעס", „וועלף", „אַנאַטעמאַ", איז ער געווען נענטער אויסגעבונדן מיט זיין צייט און מיט דעם יידישן עולם, ווי ווען ער פירט אויף בינע־ספּעקטאַקלען. דער היינטיקער עולם איז צו פיל צעווייטיקט און צו פיל באַאומרויִקט אַז ער זאָל זיך צופרידנשטעלן אין דעם ערנסטן יידישן טעאַ־טער מיט אַ שאַבלאָנעם ספּעקטאַקל, מעג דער ספּעקטאַקל זיין אַפילו פון אַזאַ דערהויבענער זאַך ווי פּרצעס אַ גרויסע דערציילונג.

פאַר וואָס האָט דער ייִדישער טעאַטער אין אַמעריקע פאַרלוירן די שייכות מיט דער ייִדישערווירקלעכקייט ?

ס'איז ניט גרינג צו ענטפערן אויף דער פראַגע. איך בין ניט גרייט צו וואַרפן די שולד אויף די אַקטיאָרן. דער אמת איז, אַז זיי, די אַקטיאָרן, שטייען עלנטע ביים טעאַטער. אויב יאָ זוכן אַ שולדיקן, דאַרף מען אים זוכן אין די רייען פון דער אינטעליגענץ וואָס איז פאַרבליבן ביי אונדז. זי האָט אָנגענומען די פּאָזע פון דער נגידה וואָס שטייט ווי אַ יחסנטע און וואַרט, אַז מ'זאָל איר קומען איינלאָדן.

ביי לייטן, אַז מען איז ניט צופרידן מיט די פּאַטראָנעס וואָס די טעאַ־טערס גיבן, פאַרקאַשערט מען די אַרבל און מען נעמט זיך אַליין צו דער אַרבעט. דער טעאַטער־גילד אין אַמעריקע איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון אַזאַ מין אומצופרידנקייט מצד דער אַמעריקאַנער אינטעליגענץ (געדאַרפט אפשר זאָגן: מצד דער ייִדיש־אַמעריקאַנער אינטעליגענץ). ביי „זיי" קומט מען ניט אָפּ מיט ביטערע אַרטיקלען און מיט וואַרפן די שולד אויף דעם אָדער יענעם טעאַטער־אונטערנעמער.

*

דער איצטיקער פּעריאָד אין ייִדישן טעאַטער איז אַ קריטישער און דאָך ווייזט דער טעאַטער סימנים פון אויפלעבונג.

דאָס צוקומען אַהער פון אַזאַ רעזשיסער ווי דוד ליכט איז אַ גוטער סימן. די נייע שוישפּילער און קינסטלער, סיי הי־געבוירענע און סיי צוגעקומענע, וועלכע זיינען גרייט זיך איינצושפּאַנען אין וואָגן און פאַר־קירעווען אים אויף אַ נייעם שליאַך, זיינען ניט קליין אין צאָל. עס פעלט בלויז דער אָרגאַניזאַטאָר, דער מענטש מיטן טיפן גלויבן און מיט דער אייזערנער עקשנות — דער מרדכי מאַזע פון דער „ווילנער טרופּע". וואָלט אַזאַ פּערזאָן זיך באַוויזן, גלייב איך, אַז די ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט איז גרייט אים צו העלפן, ווייל ס'איז גרויס די ליבע וואָס ייִדן פאַרמאָגן צום טעאַטער.

מיי, 1947

חיים עהרענרייך

די גרויסע פאָלקס־קאָנפערענץ פאַר אַ בעסער ייִדיש טעאַטער

זונטיק ביי טאָג, דעם 21סטן דעצעמבער, 1947, וועט אין צענטראַל פּלאַזאַ זאַל, אויף צווייטער עוועניו און זיבעטער גאַס, ניו יאָרק, פאָרקומען אַ גרויסער יום־טוב, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער ניו־יאָרק וועלן זיך פאַרזאַמלען פאָרשטייער פון ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, — אַרבעטער רינג ברענטשעס, נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד ברענטשעס, לאַנדסמאַנשאַפטן, יוניאָנס, און אַנדערע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, וועגן אַן ענין וואָס איז ביז גאָר ניט לאַנג צוריק, באַטראַכט געוואָרן ווי מחוץ למחנה פון ייִדישע זאָרגן און ייִדישע כלל־טעטיקייטן. איך מיין די פאָלקס־קאָנ־פערענץ פאַר אַ בעסערן ייִדישן טעאַטער.

עס איז אַ יום־טוב. ענדלעך ווערט טעאַטער באַטראַכט ווי אַן ענין וואָס איז ווערט די אויפמערקזאַמקייט פון דעם ברייטן ייִדישן עולם, דעם עולם וואָס אינטערעסירט זיך מיט ייִדישן לעבן און ייִדישן אויסלעבן זיך אין אַמעריקע. די וואָרטזאָגער פון דער ייִדישער גאַס האָבן ענדלעך דער־פילט די געפאַר, וואָס לויערט אויף אונדזערע עלטסטע ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס און האָבן גענומען קלאַפּן טרעוואָגע און פאַררופן אַ פאַר־זאַמלונג פון די פאַראַנטוואָרטלעכע טוער אין ייִדישן לעבן, כדי זיך אין איינעם מיישב צו זיין און געמיינזאַם אָננעמען מיטלען קעגן דער סכנה. ס'איז ענדלעך געקומען דער מאָמענט אין ייִדישן לעבן ווען טעאַטער איז אָנערקענט געוואָרן אין רשות פון יעדן איינעם וואָס באַציט זיך מיט ליב־שאַפט צום ייִדישן טעאַטער. און ניט בלויז פון דעם אַקטיאָר און דראַמאַ־טורג און טעאַטער־אונטערנעמער. דערפאַר איז עס אַ יום־טוב!

די קאָנפערענץ ווערט אָבער ניט פאַררופן כדי צו יובלען און פרייען

זיך. דערווייל איז ניטאָ אויף וואָס אָנצווייזן, אויב עס איז פאַראַן איין בע־סערער ייִדישער טעאַטער אין ניו־יאָרק, דער קונסט־טעאַטער, איז עס ניט די שולד פון דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט. דערווייל האָבן געטראָגן דעם יאָך פון אַ בעסערן ייִדישן טעאַטער איין יחיד און איין אָרגאַניזאַציע — מאָריס שוואַרץ און די ייִדישע אַקטיאָרן־יוניאָן, וועלכע האָט אין די באַלד דריי צענדליק יאָר, וואָס דער קונסט־טעאַטער עקסיסטירט, אים גע־האָלפן אויסהאַלטן מיט אירע קאָנצעסיעס און מיט אירע הנחות. די ייִדישע געזעלשאַפט האָט דערווייל נאָך ניט געמאַכט אַן ערנסטן פאַרזוך צו קומען דעם בעסערן טעאַטער צוהילף אויף אַ פּלאַנמעסיקן, אָרגאַניזירטן אופן.

דער איצטיקער פאַרזוך איז דער ערשטער און ער קומט שפּעטלעך — לאָמיר האָפן, אַז ניט צו שפּעט!

די געפאַר, וואָס לויערט און דראָעט דעם ייִדישן טעאַטער, איז אַ טאָפּלטע — פון אינעווייניק און פון דרויסן. פון אינעווייניק — ווייל ער איז פאַרקראָכן אין אַ „בלינדן ווינקל" און טאָפּטשעט זיך אין ייִאוש, אין ניט־גלויבן און עם־הארצות, און דאָס ערגסטע — אין גלייכגילטיקייט. די ייִדישע אינטעליגענץ — אונדזערע שריפטשטעלער, אונדזערע כּלל־טוער, אונדזערע פאַראַנטוואָרטלעכע געזעלשאַפטלעכע וואָרטזאָגער — האָט זיך אָפּגעקערט פון ייִדישן טעאַטער מיט דער ברוגזדיקייט פון יחסנים און מיט זעלבסט־איינגערעדטער באַרעכטיקונג. אַוודאי האָט אונדזער אינטעליגענץ אַ סך קריוודעס — און גערעכטע קריוודעס — קעגן דעם ייִדישן טעאַטער. אַוודאי האָט זי וואָס צו קריטיקירן און שטאַרק קריטיקירן. אָבער אָפּקערנ־דיק זיך פון דעם טעאַטער האָט זי פאַרברעכעריש פאַרנאַכלעסיקט אַ וויכ־טיקן טייל פון ייִדישן קולטורעלן לעבן. אונדזער אינטעליגענץ האָט אַן אָנגעבלאָזענע, געוואַרט אַז מען זאָל איר צוטראָגן דעם ייִדישן טעאַטער אויף אַ טעלערל. און דער סוף איז — ס'איז ניט אָנגענעם, ס'איז פּיינלעך צו ריידן וועגן דעם.

אויך פון „דרויסן" איז די געפאַר ניט ווייניקער שווער און ניט ווייניקער ווייטיקדיק. די אַסימילאַציע האָט זיך אַריינגעריסן אין די ברייטסטע

קרייזן פון אונדזער יידישער געזעלשאַפט און רייסט אָפּ שטיקער פון אונדז.

די טענות זיינען, אַז דער יידישער טעאַטער איז פול מיט חסרונות. און דער בראָדווייער? — איז ער גאָלע מעלות? די איינשטעלונג פון אונדזערע אָרגאַניזאַציעס איז געוואָרן אַן אַסימילאַטאָרישע. זיי זיינען גרייט צו פאַראַרעמען די יידישע גאַס, אַנשטאָט צו העלפן איר באַרייכערן, פאַר־שענערן און פאַרטיפערן.

די פאָלקס־קאָנפערענץ וועט דאַרפן זוכן וועגן און מיטלען צו בודק־חמץ־זיין פון אינעווייניק, אויף צוריקברענגען די יידישע אינטעליגענץ צו איר יידישן טעאַטער. די פאָלקס־קאָנפערענץ וועט דאַרפן געפינען אין זיך די מאָראַלישע קראַפט און דעם שטאַרקן געזעלשאַפטלעכן דרוק, וואָס זאָל צוריקברענגען די יידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס צוריק צו זיך.

מיר אַלע האָבן די געוווינהייט אַ סך צו ריידן וועגן יידיש טעאַטער, קריטיקירן, אָנווייזן נאָר אויף פּגימות און חסרונות. ס'איז שוין צייט צו נעמען זיך עפּעס טאָן, צו העלפן באַזייטיקן די פעלערן.

איצט, ווען מיר לעבן דורך אַ פעריאָד צו שטאַרקן דעם אייגענעם „פאַרקאָן" פון איינזאַמלען און אָפּשפּאָרן יעדן כּוח אין יידישן לעבן, מוזן מיר צוריק אויפבויען דעם יידישן טעאַטער. איצט, ווען ריזיקע רעסורסן — מאָראַלישע, פּסיכאָלאָגישע — מוזן אויפגעזוכט ווערן אויף צו בויען יידיש לעבן ניט נאָר אין ארץ ישראל, נאָר אין יעדן ווינקל וווּ יידן גע־פינען זיך. מוזן מיר געפינען אין זיך דעם שׂכל, די מיטלען, פשוט דעם טאַלאַנט אויף איינצושפּאַנען דעם יידישן טעאַטער אין אונדזער נאַציאָנאַלן וואָגן. ס'איז דער „מוז" פון איצטיקן מאָמענט.

האָפן מיר, אַז הונדערטער און הונדערטער יידישע אָרגאַניזאַציעס פון די גרעסטע ביז די קלענסטע, וועלן שיקן זייערע פאָרשטייער צו דער פאָלקס־קאָנפערענץ. און מיר ווינטשן יעדער אָרגאַניזאַציע און יעדן יחיד, מיר ווינטשן די איניציאַטאָרן פון דער קאָנפערענץ: געבענטשט זאָלן זיין אייערע הענט! אין דער גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון איצטיקן מאָ־מענט זאָלט איר אין זיך געפינען די בייטיקע אחריות און קלוגשאַפט און

די געזעלשאַפטלעכע מיטלען צו לייגן אַ פעסטן פונדאַמענט פאַר אַן אָר־גאַניזירטער באַוועגונג לטובת אַ בעסערן ייִדישן טעאַטער!

מיר האָפן אַז די טיפע ליבשאַפט צום ייִדישן פאָלקס־לעבן, וועט אייך פירן אויפן ריכטיקן וועג.

זאָלן באַגריסט ווערן אַלע אָנטיילנעמער אין דער פאָלקס־קאָנפערענץ פאַר אַ בעסערן ייִדישן טעאַטער אין אַמעריקע!

דעצעמבער, 1947

חיים עהרענרייך

מען מעג אַ מאָל זיך דורכריידן צווישן זיך

די דאָזיקע שורות ווערן געשריבן פאַר מענטשן פון דער ייִדישער טעאַטער־וועלט — שוישפּילער, מוזיקער, פּיעסן־שרייבער — די אייגענע משפּחה. מעג מען צווישן זיך אַ מאָל דורכריידן זיך וועגן אַן עניין, אָדער ענינים, וואָס ערגעץ אַנדערש־ווּ, פאַר אַ גרויסן עולם, וואָלט ניט געפּאַסט, אָדער ס'וואָלט געווען אומבאַקוועם.

איך וויל דאָ באַרירן אַ פּונקט וואָס וועגן אים לוינט זיך דורכצוריידן זיך, צווישן זיך. איך מיין די לייכטע באַציִונג, די נאַכלעסיקייט און גלייכ־גילטיקייט מיט וועלכע אַקטיאָרן און אַקטריסעס פאַרהאַלטן זיך צו זייער אייגענער פּראָפעסיע. ס'איז ניט שווער צו פאַרשטיין די אורזאַכן וואָס פירן צו דעם דאָזיקן צושטאַנד. די שווערע עקאָנאָמישע אומשטאַנדן אין דער פּראָפעסיע האָבן אָפּגעריבן דעם רייץ, אָפּגעשוואַכט דעם „גלעמאָר" פון שוישפּילער. פּסיכאָלאָגיש האָט דאָס געפירט צו דעם אַז דער אַקטיאָר און די אַקטריסע — מיט זייער קליינע אויסנאַמען — זאָלן דערפילן אַ ביטול צו זייער אייגענעם באַרוף און דער אינערלעכער צושטאַנד זייערער זאָל זיך אָפּרופן אויף זייער אויסערלעכער באַנעמונג.

מען קאָן די אויסערלעכע באַנעמונג מערקן גאַנץ קלאָר. לײדער איז זי אַזוי קלאָר, אַז אַפילו מענטשן פון דער ניט־טעאַטער וועלט מערקן זי אויך און — ס'האָט אויף זיי אַ ווירקונג, ניט צום גוטן... אין די איצטיקע אומשטאַנדן איז עס גאָרניט קיין ווירקונג צום גוטן — זי רופט זיך אָפּ זייער ניט גינסטיק אויף דעם אַלגעמיינעם צושטאַנד פון ייִדישן טעאַטער.

ביים געוויינטלעכן מענטשן וואָס שטייט דערווייטערט פון דער טעאַ־טער־וועלט איז דער אַקטיאָר (אויך די אַקטריסע, פאַרשטייט זיך) אַ מענטש

פון אַן אַנדער וועלט, אַן אַנדער מין מענטש. דער געוויינטלעכער מענטש הילט איין דעם שוישפּילער אין אַ וואָל פון ראָמאַנטיזם. ס'איז אים שווער זיך פאָרצושטעלן דעם מענטשן וואָס היינט איז ער האַמלעט און מאָרגן איז ער אייקעלע מזיק אַלס אַ געוויינטלעכן מענטשן מיט געוויינטלעכע מענטשלעכע שוואַכקייטן און חסרונות. אַזאַ מענטש איז איבער אַזוינע „פּראָסטע" זאַכן ווי איינקויפן זאַלץ מיט פּוטער אין גראָסערי־סטאָר, ווי אַ צאָנווייטיק, ווי נעמען אַ צעריסענע פּאָר שיך צום שוסטער, ווי בייטיקן זיך אין עטלעכע דאָלאַר אויף צו באַצאָלן דירה־געלט. און ווען דער געוויינטלעכער מענטש דערוויסט זיך אַז זיין באַליבטער סטאַר אָדער אַפילו פּשוטער אַקטיאָר, דאַרף צוטראָגן זיין פּעקל צום שניידער אויף צו פאַרבייען דעם אונטערשלאַק, אָדער אַז די פּרימאַדאָנע וועלכער ער האָט לעצטע וואָך אַזוי באַוואונדערט אין „די זילבערנע חופּה־קלייד" שטייט אין דער היים ביים אויוון און קאָכט געפילטע פיש, ווען ער דערוויסט זיך, הייסט עס, אַז זיי זיינען פּשוטע בשר ודמס, לעבט ער דורך — אַליין ניט באַנעמענדיק עס אפשר — אַן אַנטוישונג, ס'קומט אין אים פאָר אַן איבערטויש פון אַנגענומענע „ווערטן".

און פאַר וואָס בלויז דער „געוויינטלעכער מענטש"? אויך דער אייגענער מענטש וואָס פאַרנעמט זיך מיט טעאַטער און שטייט נאָענט צו דער פּראָפעסיע, פילט זיך שאָקירט ווען ער דערוויסט זיך אַז די פּרימאַדאָנע איז צו־שטאַרק פאַרטאָן אין איר היימישער ווירטשאַפט. אַ געוויסער קריטיקער האָט מיר איין מאָל דערציילט:

ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו אַ יונגער סוברעטין וועלכע האָט אין יענער צייט געהאַט גרויס דערפאָלג אויף דער בינע. ס'איז געווען אַ „ריין־סוביעקטיווע" שוואַכקייט. ער האָט פון איר זייער געהאַלטן — פון איר טעמפּעראַמענט, פון איר דינאַמישער פּערזענלעכקייט, פון איר זעלטענעם טאַלאַנט צו שטיפן, אימיטירן, טאַנצן און זינגען. אַוודאי האָט ער געוווסט אַז זי איז פאַרהייראַט, אַז זי האָט אַ היים מיט אַ קינד און אַז זי גיט זיך אָפּ מיט דער היים. פון דעסטוועגן ווען זי איז איין פרייטיק־צו־

נאַכט אַרויף אויף דער בינע מיט אַ פאַרבונדענעם פינגער אויף דער רעכ־טער האַנט, האָט עס אים שטאַרק שאָקירט.

ניט־ווילנדיק האָט ער דערזען איר קיך: ווי זי איז דאָרט פאַרהאַוועט אין אַ ברודיקן פאַרטעך, איר פּנים פאַרשוויצט, די האָר צעשויבערט און זי האַקט ציבעלע מיט פיש — די פאָרשטעלונג איז שוין פאַר אים געווען אַ צעשטערטע. מיט איר פאַרבונדענעם פינגער האָט זיך אויך אַרויפגעשלעפּט די קיך אויף דער בינע...

ס'קאָן זיין, גיט ער צו, אַז זי האָט דעם פינגער זיך צעקאַליעטשעט ניט אין קיך נאָר אין גאַרדעראָבע... אָבער — ס'איז געווען פּרייטיק־צו־נאַכט, און, ער קאָן שווערן, אַז יעדער איינער אין טעאַטער האָט געהאַט די זעלבע געדאַנקען ווי ער, ווען מען האָט דערזען דעם באַנדאַזשירטן פינגער ביי דער אַקטריסע...

ווייסן מיר אויך אַז אַקטריסעס גייען אין מאַרק און קויפן איין עסנ־וואַרג און אַנדערע נויטווענדיקייטן פאַר דער שטוב. ס'איז אָבער ניט גוט פאַר דער אַקטריסעס פאַך און ניט גוט פאַרן טעאַטער ווען מען דערקענט איר אין גאַס מיטן שווערן קאָשיק אין האַנט...

*

מיר איז איין מאָל אויסגעקומען צו פאַרברענגען אַ פּאָר וואָכן אין אַ האָטעל — ניט קיין טייערן האָטעל — אין די בערג, דאָרט איז אויך איינ־געשטאַנען אַ באַוווסטער יידישער אַקטיאָר. אויך ער האָט זיך ניט געקאָנט פאַרגינען דעם לוקסוס פון אַ מער טייערן, אַ מער באַקוועמען האָטעל. פון דעסטוועגן איז ער יעדן טאָג געווען געקליידט אין „עסיק און אין האָניק". ער איז תמיד געווען ראַזירט, תמיד ספּאָרט־פראַנטיש געקליידט, עלע־גאַנט, יום־טובדיק, אַזוי ווי ער וואָלט געשפּילט אַ ראָל.

ס'איז מיר אינטערעסאַנט געווען צו זען ווי אַלע אַנדערע געסט אין האָטעל האָבן זיך פאַרהאַלטן מיט דרך־ארץ צום אַקטיאָר. אמת, די מענער האָבן פּרובירט פון אים אָפּלאַכן. אָבער, זעענדיק די באַציִונג פון די פרויען צום אַקטיאָר, דערפילנדיק די ווירדע מיט וועלכער ער האָט זיך געהאַלטן,

האָבן אויך זיי פאַרלוירן זייער ביטול און גענומען אַרויסווייזן אַפּשיי צום שוישפּילער. דער ייִדישער טעאַטער האָט אַ סך געוווּנען אַדאַנק דער טאַק־טישקייט פון יענעם שוישפּילער, אַדאַנק זיין דרך־ארץ צו זיך און זיין פּראָפעסיע.

מיר דאַכט זיך, אַז ייִדישע אַקטיאָרן און אַקטריסעס דאַרפן „רעווידירן" זייער אייגענע אויפפירונג, זייער פאַרהאַלטן זיך צום אייגענעם פאַך און — צו זיך אַליין. אַכטונג, פאַרערונג מצד דעם צושויער מיינט זייער אַ סך פאַרן אַקטיאָר, אַפילו ווען עקאָנאָמיש איז אים ניט זייער גוט. אויב דער אַקטיאָר קאָן ניט געניסן איצט אַזוי ווי אַמאָל פון דעם עולם־הזה, זאָל ער כאָטש איינהאַלטן דעם יִראת הכּבוד פון דעם געוויינטלעכן בשׂר ודם וועלכער וויל זען אין זיין שוישפּילער ניט דעם געוויינטלעכן מענטשן, נאָר אַן אָפּ־שפּיגלונג פון דעם העלד וועלכן ער האָט נעכטן געשפּילט.

יעדנפאַלס, איך האָף אַז קיין קינסטלער וועט אויף מיר ניט פאַראיבל האָבן פאַר די אָפנהאַרציקע שורות. אויב אַפילו איך בין אומגערעכט, איז די כּוונה מיינע אַ גערעכטע. און, ווי געזאָגט, מען מעג אַ מאָל זיך דורכ־ריידן צווישן זיך...

*

איך וויל בלויז צוגעבן אַז איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז ניט אויס וויל־טאָג „פּראָוואָכעדיקט" זיך די אַקטריסע אָדער דער אַקטיאָר. די שווערע עקאָנאָמישע אומשטאַנדן טרייבן דערצו. דאָס לעבן פון דעם שוי־שפּילער, אַפילו דעם וואָס שפּילט אויף דער רייכער בראָדווייער בינע, איז אַלע מאָל אַ שווערע, איבערהויפּט נאָך איצט. איבערהויפּט איז ניט גרינג דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון דעם אַקטיאָר וועלכער שפּילט אין ייִדישן טעאַטער.

און דאָ טאַקע „קומט צונוץ" — קומט שטאַרק צו הילף אַזאַ אָרגאַני־זאַציע ווי דער „טעאַטריקל אַלייענס". ער האָט אַ סך געהאָלפן אין די עט־לעכע צענדליק יאָר פון זיין עקסיסטענץ דער טעאַטער־פּראָפעסיע, אי־בערהויפּט דעם יחיד אין דער פּראָפעסיע. ער באַזאָרגט שוישפּילער מיט

דאָקטוירים, מיט מעדיצין, מיט דערהאָלונגס־פלעצער און — אויב מיינע ידיעות זיינען ריכטיקע — מיט פשוטער פינאַנציעלער הילף.

אַזאַ קערפּערשאַפט ווי דער „אַלייענס" דאַרף אויסברייטערן זיינע טעטיקייטן לטובת די קינסטלער. באַזאָרגן אַן אַקטריסע מיט אַ נוירס, אַפילו מיט אַ בייבי סיטער, איז נאָך מיין מיינונג, אַ מאָל פונקט אַזוי וויכטיק ווי אַרויסהעלפן איר ביים ברענגען, חלילה, איר מאַן צו קבר ישראל... דער „טעאַטריקאַל אַלייענס" איז דער סאָציאַלער אינסטרומענט וואָס די טעאַטער־פּראָפעסיע האָט פאַר זיך אַליין אויסגעשמידט. דאַרף דער דאָזיקער אינסטרומענט פאַרפאָלקאָמט ווערן. ער דאַרף אויסגעברייטערט ווערן מיט איין כוונה און איין ציל — צושטעלן וואָס מער הילף דעם פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער־מענטש.

שווער צו געפינען אַ מענטשן וואָס זאָל זיין אַזוי הילפלאָז און אומבאַהאָלפן ווען ס׳קומט צו זעלבסטהילף ווי דער אַקטיאָר אָדער דער מוזיקער. מיט זייער קליינע אויסנאַמען, קאָן ער „אַ קאָץ אַן עק ניט פאַרבינדן" ווען ס׳קומט אַרויסצוהעלפן זיך אַליין, אויך דאָס איז, מיינסטנס, אַ רעזולטאַט פון דעם ספּעציפישן אַקטיאָרישן לעבן ווו פּאָזע איז אַ טייל פון דעם טעאַטער־קינסטלערס נדן.

אין אַזוינע פאַלן דאַרף און קאָן דער „טעאַטריקאַל אַלייענס" שפּילן די ראָל פון אליהו הנביא. דער אַלייענס קאָן זיין די אָרגאַניזאַציע וואָס „האַקט האָלץ און שעפּט וואַסער" פאַרן קינסטלער. ניט אויסצומעסטן און ניט אויסצורעכענען די ראָל וואָס די אַלייענס קאָן שפּילן אין דעם לעבן פון די שוישפּילער.

יולי, 1949

ענטפערס אויף די פראַגן פון מרדכי ירדני וועגן ייִדישן טעאַטער

פ ר אַ ג ע: וואָס האָט געפירט צו דער ירידה פונעם ייִדישן טעאַטער?

ע נ ט פ ע ר: דער פּראָצעס פון ירידה איז געווען אַ לאַנגזאַמער. צו ערשט אַ קוים מערקבאַרער, אַזוי ווי אין דער קאַנסער קראַנקייט... ס'האָבן דערביי געווירקט אַ סך סיבות, אַ סך מאָמענטן און דערשיינונגען. די הויפּט־צרה איז באַשטאַנען אין דעם וואָס אונדזער אינטעליגענץ, אויף וויפל זי האָט זיך איינגעהאַלטן ביי אונדז, איז פּאַקטיש קיין מאָל ניט צו־געשטאַנען צום ייִדישן טעאַטער, קיין מאָל ניט „שלום געמאַכט" מיט אים. טעאַטער איז ניט געווען איר ענין. און כאָטש דער טעאַטער האָט איר אַלע מאָל געלאָקט און האָט געוווּנקען צו איר מיט זיינע „אומריינע אויגן", האָט זי, די וועלט פון אונדזערע אינטעלעקטואַלן, ניט געוואָלט זיך איינריכטן די הענט מיט אים...

אַז אַ ייִדישער דראַמאַטורג האָט אָנגעשריבן אַ פּיעסע און האָט שוין געפּועלט ביי זיך אַראָפּצונידערן מיט איר ביז צו לייענען זי פאַר אַן אַק־טיאָר אָדער פּאַרוואַלטער, האָט ער נאָך דעם געוואַשן די הענט און גע־לייענט זיין ווערק מיט אַ מינע פון אַ פּלאַטאָ און מיט אַ טאָן פון אַ די־סערטאַציע — יעדעס וואָרט איז געקומען פון אָלימפּוס. דאָס האָט איינגע־פלאַנצט אין אונדזערע שוישפּילער אַ ווידערווילן צום ייִדישן שרייבער וואָס וואַרפט נאָך עד היום אַ שווערן שאָטן אויף אונדזער טעאַטער־וועזן. אַנשטאָט דעם, אַז ביידע זאָלן דערגאַנצן איינער דעם צווייטן, זיינען זיי זיך פּאַרבליבן פרעמד, אַנטאַגאָניסטיש און פול מיט קעגנזייטיקע חשדים. דאָס האָט געמוזט פירן, און האָט געפירט צו דעם, אַז אונדזער טעאַטער איז פּאַראָרעמט און פּאַרווילדעוועט געוואָרן, איינגעטונקט אין עם־הארצות.

בעת דער טעאַטער ביי אַנדערע פּעלקער איז געגאַנגען פאָרויס, איז אונד־זער בינע געבליבן אַן אומבאַהאָלפענע, אַ בלוט־אָרעמע, אַ פאַרנאַכלעסיק־טע מצד די יעניקע וועלכע האָבן איר געדאַרפט שטאַרקן און דערציִען און באַחנען.

האָט דער ייִדישער טעאַטער ניט קיין פּיעסע, ניט קיין דראַמאַטורג, אויך ניט קיין רעזשי און קיין רעזשיסער — די אַלע נייטיקייטן וואָס נאָר די אינטעליגענץ קאָן צושטעלן. דער טעאַטער אונדזערער — ער איז פאַר־בליבן אין די זעלבע אומבאַהאָלפענע הענט וועלכע האָבן זיך מיט אים מטפל געווען ביי זיין געבורט מיט אַ קנאַפּן יאָרהונדערט צוריק... אַנשטאָט מאַכן שריט פאָרויס איז ער געגאַנגען צוריק. דער עולם באַזוכער האָט אים געלאָזט היִנטער זיך... און אויב אונדזער טעאַטער וועט זיך ניט אָנגאַרט־לען, באַלאָדן מיט נייע כוחות, וועט ער באַלד שפּילן פאַר די היִנטערשטע־ליקסטע און אומוויסנדיקסטע.

פּראַגע: בדרך כלל, האָט די ייִדישע אַקטיאָרן־יוניאָן געזוכט צו באַשיצן די אינטערעסן פון אירע מיטגלידער. זי האָט אָבער, ווייזט אויס, ניט געקאָנט ביי זיך אַליין פּועלן צי זי איז אַן אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער אָדער אַרטיסטן. אָט די אומבאַשטימטקייט, אָט די ניט־קלאָרקייט האָט אויך געשעדיקט דער אַקטיאָרישער פּראָפעסיע און דעם גאַנצן פאַך. צום ביי־שפּיל: דער פּיינלעכער פּראָצעס פון ניט צולאָזן נייע מיטגלידער. די כוונה דערביי איז געווען, צו פאַרוואַנדלען די יוניאָן אין אַ געשלאָסענעם, אָדער כמעט אַ געשלאָסענעם פאַך און באַשיצן די חיונה פון אַקטיאָר. פּאַקטיש האָט אָט דער שפּיצל שטאַרק געשעדיקט דער פּראָפעסיע. ס׳איז געווען אַ קורצזיכטיקער און שמאָל־קעפּיקער שוץ־מיטל.

איך מוז אָבער גלייך צוגעבן, אַז איך געהער ניט צו די יעניקע וועלכע וואַרפן די שולד פאַר דעם „אימיגראַציע געזעץ" אויף דעם פאַרשטאָרבע־נעם פאַרוואַלטער פון דער ייִדישער אַקטיאָרן־יוניאָן, ראובן גוסקין. ער האָט דעם געזעץ געפונען אויף די ביכער פון דער יוניאָן ווען ער איז אָנגעשטעלט געוואָרן אויף זיין פּאָזיציע. ער האָט דעם דאָזיקן „געזעץ" ניט באַוויזן אָפּצושאַפן; מ׳קאָן אָבער אויך ניט לייקענען אַז אין דער צייט

פון גוסקינס אַדמיניסטראַציע זיינען אַ סך נייע און גרויסע טאַלאַנטן אַריינ־געקומען אין דער יוניאָן. איצט דאַרף מען אָנווייזן, אַז די יוניאָן איז אַוועק אין אַ פאַרקערטער ריכטונג; זי איז גרייט אַריינצונעמען שיִער־ניט אַבי־וועמען. אַן אַנדער צרה: ניטאָ קיין שולע, ס׳פעלט אַפילו אַ דראַמאַטישע סטודיאָ ווו יונגוואַרג זאָל קאָנען לערנען. און שפּילן טעאַטער דאַרף מען זיך לערנען, פונקט אַזוי ווי שרייבן, ווי מאָלן, ווי זינגען און טאַנצן...

פ ר אַ ג ע: וואָס איז אייער מיינונג וועגן דעם ייִדישן אַקטיאָר? וואָס זיינען זיינע מעלות און חסרונות, וואָס איז זיין חלק, זיין בייטראָג צום ייִדישן טעאַטער? צו דער עליה אָדער צו דער ירידה פון ייִדישן טעאַטער?

ע נ ט פ ע ר: קיינער — און איך זאָג דאָס מיט דער גרעסטער אויפ־ריכטיקייט — האָט ניט אַזעלכע גרויסע פאַרדינסטן ביים ייִדישן טעאַטער ווי דער אַקטיאָר. אַזוי ווי ביי יעדער אַנדער אומה, איז ער געווען דער, וואָס האָט זיך גענומען צום טעאַטער און ער האָט אים אויסגעטראָגן. ניט דער פּיעסן־שרייבער, ניט דער טעאַטער־פאַרוואַלטער, נאָר דער אַקטיאָר איז געווען דער בויער און דער אויפהאַלטער פון טעאַטער ביי ייִדן.

איך האַלט זייער פון דעם ייִדישן אַקטיאָר. פאַרגעסט ניט, אַז מיט זייער קליינע אויסנאַמען, זיינען ייִדישע אַקטיאָרן קיין דראַמאַטישע שולעס ניט דורכגעגאַנגען. ס׳וועט ניט זיין איבערטריבן צו זאָגן, אַז זיי זיינען אַרויף אויף דער בינע און האָבן געשפּילט און זיינען געוואָרן אַקטיאָרן אינעם שפּילן — און נאָך וואָס פאַר אַ אַקטיאָרן! מ׳דאַרף נאָר דערמאָנען, פון די סאַמע לעצטע, אַזעלכע נעמען ווי לאַזאַר פריד, יחיאל גאָלדשמיט, גרשון רובין, איזידאָר קעשיר, סעמועל גאָלדינבורג. אמת, אייניקע פון זיי האָבן יאָ געשפּילט אַמאָל אין דעם פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב, אונ־טער יואל ענטינס רעזשיסערישער השגחה. קיין סיסטעמאַטישע דראַמאַ־טישע אויסבילדונג איז עס אָבער ניט געווען. אויך איצט וואָלט איך גע־קאָנט אויסרעכענען אַ היפּשע צאָל נאָך גאַנץ יונגע, העכסט באַגאַבטע שוישפּילער. זיי זיינען אַלע, די לעבעדיקע ווי די אַוועקגעגאַנגענע, „גע־בוירענע טאַלאַנטן״, וואָס האָבן אַ סך געגעבן, אַ סך געשאָנקען דעם טעאַטער.

אָבער — איך האָב צוויי טענות קעגן אונדזער היינטיקן יידישן אַק־טיאָר. ער איז, ערשטנס, געוואָרן זייער פויל, אויפגעהערט צו אַרבעטן איבער זיך אַליין, אויפגעהערט צו זוכן, אויפגעהערט צו שטייןביים שפּיגל און אויספּרובירן, אויפגעהערט צו פּאָלירן און שלײַפן. איך פאַרשטיי די פּסי־כאָלאָגישע סיבות. דער איצטיקער מצב פון יידישן טעאַטער האָט אים אָפּהענטיק געמאַכט און ביז צו אַ היפּשן גראַד דעמאָראַליזירט. אָבער די אַקטיאָרישע פוילקייט, די פּראָפעסיאָנעלע אָפּגעלאָזנקייט, איז ניט פון היינט און נעכטן. זי איז, פאַרשטייט זיך, אַ רעזולטאַט פון אַ ריי פאַקטאָרן וואָס ניט איצט איז די צייט זיך פאַנאַנדערצוקלייבן אין זיי. הויפּטזעכלעך וואָלט איך געזאָגט, איז שולדיק אין דעם, די אַלגעמיינע גלייכגילטיקייט פון דער יידישער גאַס און פון דער איצטיקער יידישער סביבה. איך באַ־רעכטיק ניט אָט די פּראָפעסיאָנעלע נאַכלעסיקייט פון דעם יידישן אַקטיאָר — איך רייד שוין ניט וועגן קינסטלערישער באַציִונג צו זיין באַרוף — איך קאָנסטאַטיר אים בלויז.

מיין צווייטע טענה צום אַקטיאָר איז זיין עקסטרעמע „פּראַקטישקייט". אַן אַמאָליקער אַקטיאָר האָט אפשר אויך ניט פאַרמאָגט קיין צו שטאַרקע דאָזע אידעאַליזם; ער האָט אָבער מיט לייב און לעבן ליב געהאַט זיין פּראָפעסיע. ביי אים איז שפּילן טעאַטער געווען מער ווי פּרנסה. דאָס איז ביי אים געווען אַ באַרוף. לאָמיר דאָ טאַקע נוצן דאָס וואָרט — אַן אי־דעאַל, פאַר וועלכן ער איז גרייט געווען זיך מקריב צו זיין. דער אַמאָ־ליקער יידישער אַקטיאָר האָט געוואַנדערט ווי אַ ציגיינער. האָט געקאָנט הונגערן ווי אַ הייליקער — און האָט געהונגערט; האָט איינגעשטעלט אַלע פּראַקטישע אויסרעכענונגען, אַבי נאָר צו שפּילן טעאַטער. דער איצטיקער אַקטיאָר איז געוואָרן אַ רעאַליסט, רחמנא־ליצלן... דער איצטיקער אַקטיאָר וועט זיצן און וואַרטן ביז מ'וועט אים צוטראָגן אַ טעאַטער. ער איז גרייט צו שפּילן יאָרן־לאַנג אין קאָרטן, ביז מ'וועט פאַר אים צוגרייטן אַ בינע. זי, די אַקטריסע, איז גרייט צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַ סעקרעטאַרשע, ביז עמעצער וועט איר קומען בעטן שפּילן טעאַטער. ניטאָ מער קיין בויער אין די רייען פון די יידישע שוישפּילער; ניטאָ אויך קיין גלייבער.

איך וואַרף עס זיי ניט פאָר. איך ווייס, אַז אויך דאָס איז אַ מאַניפעס־טאַציע פון אונדזער צייט און די ספּעציפֿישע אומשטאַנדן אין וועלכע מיר לעבן אין אַמעריקע. דער ניט־גלויבן איז פאַרשטייט זיך, אַ סימפּטאָם פון דעם אַסימילאַציע־זשאַווער וואָס עסט זיך איין אין אונדזער קולטור־קער־פּער. דער יידישער אַקטיאָר מאַכט, אָבער, לײדער, ניט קיין פאַרזוך צו באַקעמפן, קעגנשטעלן זיך דעם פאַרדאַרבנדיקן פּראָצעס. ער גייט מיטן שטראָם. בעסער געזאָגט, ער גייט אַפילו ניט, ער ווערט מיטגעשלעפּט. ס'איז פאַרשטייט זיך זייער שטאַרק צו באַדויערן, ווי ס'איז אַלע מאָל צו באַ־דויערן, ווען יורשים פאַרנאַכלעסיקן און צעטרענצלען אַ גרויסע ירושה...

פ ר אַ ג ע: וואָס איז געוועזן דער אויפטו פון יידישע דראַמאַטורגן? האָבן זיי ריכטיק פאַרשטאַנען דעם יידישן טעאַטער, די מאַסן באַזוכער, די אַקטיאָרן און דעם גאַנצן קלאַפּערגעצייג פונעם יידישן טעאַטער?

ע נ ט פ ע ר: ס'איז מיין מיינונג, אַז מיר האָבן געהאַט, און האָבן אַ סך גוטע שריפטשטעלער וועלכע האָבן פאַרמאָגט דראַמאַטורגישע פעי־קייטן; דער דראַמאַטורג אַזוי ווי יעדער קינסטלער, לעבט און אָטעמט מיט זיין קונסט, מיט טעאַטער. ער זעט געשעענישן אין טערמינען פון דראַ־מאַטורגיע, פון דראַמאַטישער אַנטוויקלונג, אַזוי ווי דער פּאָעט זעט אַלץ אין דער פאָרעם פון יאַמבן צי פרייע שורות. אָבער ניט בלויז דראַמאַטור־גיע — די בינע איז זיין מיסיע. ביים אמתן דראַמאַטורג איז אַ פּיעסע, „אַן און פאַר זיך" גאָרניט — ער זעט זי אין ליכט פון דער בינע, פון דער אויפפירונג. בלויז ווען זי איז ראוי איבערזעצט צו ווערן אין דער פאַר־קערפּערונג פון אַ ממשותדיקער אויפפירונג האָט זיין פּיעסע אַ ווערט. דער עכטער דראַמאַטורג ווייסט, אַז זיין שאַפונג מוז זיך פאָרן מיט די „ברע־טער". און ער וועט זי שרייבן און איבערשרייבן און פאַרריכטן און צו־פּאַסן בעת די פּראָבן. ער וועט ניט אַראָפּנידערן מיט זיין פּיעסע אַזוי ווי פון הר סיני — אָט אַזוי, און ניט אַנדערש!... ביי אונדז אָבער, ווילן ניט די וואָס קאָנען שרייבן, אַז מען זאָל זיי העלפן צופּאַסן זייער ווערק צו די באַדינגונגען פון דער בינע. און די וואָס לאָזן זיך איבערשרייבן זיינען, לײדער, כמעט אַלע „בעזגראַמאַטנע" מענטשן. זיי גיבן זיך אין גאַנצן

איבער אין די הענט פון דעם אַקטיאָר וועלכער איז אַליין דער „בעזגראַ־מאַטנער" אָדער געוויסנלאָז אין זיין זוכן בלויז אַ ראָל.

דער ייִדישער שרייבער האָט אַלס דראַמאַטורג אַלע מאָל שטאַרק אונ־טערגעהונקען. טעמאַטיש איז ער געווען מיט דעם קאָפּ אין די הימלען. ער האָט געהאַט ווייניק מגע־משׂא מיטן לעבן פון די מאַסן, מיט דערווירק־לעכקייט, מיט דער סביבה. געווען אויסנאַמען, פאַרשטייט זיך, ווי ה. לײ־וויק מיט זיין „שאָפּ" און מיט „שמאַטעס"; גאָטעספעלד מיט זיין „פּרנסה" און „מחותּנים" און אויך פּרץ הירשביין, וואָס איז געווען דער ראָמאַנטי־קער פון אונדזער טעאַטער — איז געווען כּולו טעאַטער. ער איז געקומען אין אַ צייט פון גרויסער בענקשאַפט נאָכן ייִדישן לעבן פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. און ער האָט די בענקשאַפט געשפּילט און געזונ־טיקט.

פ ר אַ ג ע: וואָס איז געווען די ראָל פון דעם ייִדישן טעאַטער־קרי־טיקער? אויף וויפל האָט ער געהאָלפן דעם ייִדישן טעאַטער? צי האָט ער אַלע מאָל געקאָנט שרייבן דעם אמת?

ע נ ט פ ע ר: ס׳וואָלט געווען נאַיִוו צו פאַרגלייכן ייִדישע טעאַטער־קריטיק מיט טעאַטער־קריטיק ביי אַנדערע פעלקער. דער טעאַטער־קריטי־קער קאָן ניט זאָגן אַלע מאָל וואָס ער וויל; ס׳איז גוט כאָטש וואָס ער קאָן ניט זאָגן וואָס ער וויל ניט זאָגן... ס׳איז ניט דערפאַר וואָס אַ רעדאַק־טאָר פון אַ צייטונג אָדער זשורנאַל דערלויבט ניט. פּונקט פאַרקערט. אין דער היינזיכט, האָט דער ייִדישער טעאַטער־קריטיקער ניט ווייניקער און אפשר מער פרייהייט ווי זיין קאָלעגע אין דער ניט־ייִדישער פּרעסע. דער ייִדישער טעאַטער־קריטיקער איז אָבער אַ ייִדישער גזלן. ער ווייסט וועגן וועמען ער שרייבט און אויך פאַר וועמען ער שרייבט. אויב ער וויל אַז זיינע ווערטער זאָלן האָבן אַ ווירקונג, מוז ער מאַכן קאָמפּראָמיסן מיט זיך אַליין. צי ער וויל, צי ער וויל ניט, מוז ער זיך רעכענען מיט איצטיקע אומשטאַנדן אין ייִדישן טעאַטער. דער קריטיקער און די קריטיק איז אַ פּראָדוקט פון דער ווירקלעכקייט אַרום זיי. נאָר יואל ענטין, א. גאָרין, אב. קאַהאַן, און אַנדערע פון דעם קאַליבער, האָבן געקאָנט ריידן ווי זיי האָבן

גערעדט, ווייל ס׳איז געווען אַ גאַנג פון באַרג־אַרויף. ווייל טעאַטער־גייער האָבן געשטראָמט אַהערצו דורך עליס־איילאַנד.

דער קריטיקער האָט אַלע מאָל געקאָנט שרייבן דעם אמת אין דער ייִדישער צייטונג. ער האָט אָבער ניט אַלע מאָל געוואָלט. ניט אַלע מאָל געקאָנט זיך אַליין דערלויבן דעם לוקסוס.

פ ר אַ ג ע: וואָס איז לויט אייער מיינונג געווען מער צוגעפּאַסט פאַרן ייִדישן טעאַטער־באַזוכער: ערנסטע דראַמען, פאָלקס־שפּילן, קאָמעדיעס, ספּעקטאַקלען, אָפּערעטעס, צי מעלאָדראַמעס?

ע נ ט פ ע ר: מ׳האָט אויף דער ייִדישער בינע געשפּילט ערנסטע פּיעסן, קאָמעדיעס, מעלאָדראַמעס, מוזיקאַלישע אויפפירונגען, און זיי זיינען געווען גרויסע דערפאָלגן. בדרך כלל, וואָלט איך געזאָגט, קאָן אויף דער ייִדישער בינע ניט האָבן קיין דערפאָלג אַ פּיעסע אָן אַן אינהאַלט. אַזאַ מין פּוסטע זאַך ווי „דיר טשאַרלס״ אויף בראָדוויי, איז גאַרניט מעגלעך אויף דער ייִדישער בינע. אָוודאי פּרעזענטירט מען אויף דער ייִדישער בינע אין ייִדישן טעאַטער קינדיש אומבאַהאָלפענע זאַכן. זיינען זיי טאַקע גרויסע דורכפאַלן. טאָ פאַר וואָס פּירט מען זיי אויף? צוליב דער אומוויסנקייט פון דעם סטאַר וועלכער קאָן קיין בעסערס ניט באַנעמען. צווייטנס, פאַר־מאָגן פון דעסטוועגן אָט די דאָזיקע „ווערק״ באָבע־מעשׂיות וועלכע אַפּעלירן צו דער נאַיִווקייט פון די אַקטיאָרן וואָס שפּילן זיי, און צו די צושויער פון זייער גלייכן. די אַקטיאָרן פילן, אַז מען דאַרף עפּעס געבן וואָס זאָל רײדן צו די עמאָציעס פון עולם. די מאָס זייערע פאַר דעם „עפּעס״ איז זייער אייגענער גייסטיקע און עמאָציאָנעלע הייך.

דאָס וואָס „יאָשע קאַלב״ האָט אַזוי אויסגענומען ביים ייִדישן עולם, איז געווען צוליב און אַדאַנק זיין טיף־דראַמאַטישן אינהאַלט און טיף רירנדיקער מענטשלעכקייט. „כעלעמער חכמים״, אַ קינסטלעריש פאַר־טראַכטע און קינסטלעריש אויסגעהאַלטענע אויפפירונג, האָט פון דעסט־וועגן ביים ייִדישן עולם ניט אויסגענומען. פאַרן ייִדישן צושויער איז אַזאַ פינקלדיקע שפּילעוודיקייט צו לייכטער „באַגאַזש״.

פ ר אַ ג ע: וואָס איז אייער אייגענער קוק אויף טעאַטער בכלל און ייִדישן טעאַטער בפרט?

ע נ ט פ ע ר: טעאַטער איז, פאַרשטייט זיך, קודם כּל פאַרווײַלונג. טעאַטער אין היינטיקע צייטן איז אויך דער באַראָמעטער פון דעם גייסטיקן און קולטורעלן לעבן פון אַ פאָלק. דערפאַר האַלט איך אין איין רופן און מאָנען און בעטן זיך ביי אונדזערע גייסטיקע פירער, אַז זיי זאָלן זיך ווענדן מיטן פּנים צו אונדזער טעאַטער, אָפּטרייסלען זיך פון זייער סנאָביזם, און טאַקע צולייגן אַ האַנט און אַ פּלייצע, כּדי צוריק אויפשטעלן דעם בנין פון אונדזער טעאַטער. אונדזער אומגליק איז, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן פון אונדז דער גלויבן. און ווייל עס האָט זיך אָפּגעטאָן דער גלויבן, זיינען מיר אַזוי אַפּאַטיש, אַזוי אָפּהענטיק געוואָרן. טעאַטער גלייב איך, איז נאָך מער ווי פאַרווײַלונג. טעאַטער איז אַן אומגעהייער און ווירקזאַמער כּלי־זין אין קאַמף פאַרן קולטורעלן קיום פון אַ פאָלק. עס לוינט זיך צוליב דעם פאַרקאַשערן די אַרבל און טאָן עפּעס, אויב נאָר מען איז ניט אין אונדזערע רייען, אין גאַנצן פאַרצינישט און פאַרטעמפּט געוואָרן.

פעברואַר, 1955

די באַציִונג פון די טעאַטער־יוניאָנס צו ייִדישע אַקטיאָרן און צום ייִדישן טעאַטער

ס'איז אַ פאַקט, אַז כּמעט יעדער איינער וואָס האָט אַ שייכות מיט טעאַטער, האָט געהאַט „זיין אָנהייב" און דעם ווונטש אָדער דעם טרוים צו ווערן אַ שוישפּילער, אויסלעבן זיך קינסטלעריש אויף דער בינע, מעג עס זיין דער פּרעס־אַגענט, דער בינע־דעקאָראַטאָר, דער פּראָפעסיאָנעלער דראַמאַטורג, דער פאַרוואַלטער — אַמאָל־אַמאָל איז עס געווען די אַמבי־ציע צו שפּילן טעאַטער, וואָס האָט אים צוגעצויגן צו זיין פאַך. אַפילו אַזעלכע „פּראָזאַיִשע" בעלי־מלאכות ווי בינע־אַרבעטער, די וואָס שטייען ביי דער טיר און לאָזן אַריין די מענטשן אין טעאַטער, די וואָס גיבן אין טעאַטער די פּלעצער פאַר די באַזוכער, — אויב מ'זאָל שטאַרק בודק־זיין ביי זיי, וועלן אויך זיי אויסזאָגן דעם סוד, אַז אין די יונגע יאָרן זיינען זיי געווען פאַרכאַפּט פון דעם צויבער פון די „בינע־קעפּלעך"... וואָס דאַרפט איר מער, אמתע טעאַטער־קריטיקער, אַזעלכע וואָס האָבן „טעאַ־טער־בלוט" אין די אָדערן און ניט וואַסער אָדער וויטריאָל, האָבן אַמאָל געפלירטעוועט מיט דער בינע און האָבן קיין מאָל ניט פאַרלוירן זייער ערשטע באַהאַווע ליבע צו איר...

קעגן וואָס זאָגן מיר עס? מיר זאָגן עס אין פאַרבינדונג מיט געשעע־נישן און אַנטוויקלונגען אין ייִדישן טעאַטער וואָס דראָען אים לעצטנס מיט לעבנס־סכּנה. אמת, די געשעענישן זיינען ניט אַ זאַך פון היינט און נעכטן, זיי זאַמלען זיך שוין יאָרן און יאָרן. אַ סך האָבן געזען די סכּנה און האָבן געוואָרנט קעגן איר. ס'איז אָבער ניט געווען אָנגענעם דאָס צו הערן, און מען האָט געזוכט ווי אויסצומיידן דער וואָרענונג, איגנאָרירן, אַזוי ווי מען פאַרמאַכט די אויגן בעת אַן אומגעזונטער סיטואַציע. איצט,

אָבער, קאָן מען מער ניט איגנאָרירן און די ייִדישע אַקטיאָרן־יוניאָן ראַנגלט זיך מיט דער סכנה. לאָמיר האָפן אַז פון דעם געראַנגל וועט אַרויסקומען עפּעס ממשותדיקס.

יוניאָנס זייַנען געקומען אויף דער וועלט כּדי צו פאַרבעסערן דאָס לעבן פון אַרבעטער. זיי האָבן אין זיך געטראָגן די קערנער פון אידעאַ־ליזם, פון גלויבן אין אַ בעסערן, יושרדיקן לעבן. זיי האָבן געפּריידיקט אַרבעטער־סאָלידאַריטעט און אַרבעטער־קאָאָפּעראַציע. איבערהויפּט אין די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר, האָבן זיי געלאָזט הערן, אַז דער ווילזיין פון דעם אַרבעטער איז פאַרבונדן מיטן ווילזיין פון דער אינדוסטריע וווּ ער איז באַשעפטיקט. דאָס איז פאַרשטייט זיך דער אַלף־בית וואָס אַפילו ניט־ספּעציאַליסטן ווייסן איצט און באַנעמען. ס׳איז דעריבער זייער און זייער שווער צו פאַרשטיין די באַציִונג פון די טעאַטער־יוניאָנס און עס איז נאָך שווערער, פּשוט אוממעגלעך, צו פאַרשטיין די שטעלונג און די באַציִונג זייערע צו דער ייִדישער אַקטיאָרן־יוניאָן, זייערס אַ שוועסטער־אָרגאַניזאַציע.

דער שרייבער פון די שורות האַלט, פאַרשטייט זיך, אַז עס דאַרפן און ס׳מוזן זיין יוניאָנס אין דעם טעאַטער־פאַך. אָבער די יוניאָן מוז זיין צו־געפּאַסט צו די אומשטאַנדן פון טעאַטער, און בנוגע ייִדיש טעאַטער מוז די יוניאָן זיין אַ ספּעציפיש ייִדישע. זי מוז נעמען אין באַטראַכט און מוז זיך צופּאַסן צו די באַזונדערע אומשטאַנדן פון ייִדישן טעאַטער. אַפילו אַ קינד קאָן דאָך פאַרשטיין, אַז אָנווענדן אויפן ייִדישן טעאַטער די זעלבע כּללים און די זעלבע מאָס און דעם זעלבן צוגאַנג אַפילו, ווי צום טעאַטער אויף בראָדוויי, איז ניט יושרדיק, אומרעאַליסטיש און בלינד־שעדלעך. דאָס מיינט אונטערגראָבן דעם יסוד, דעם בנין, די עקסיסטענץ־מעגלעכקייט פון דעם דורך די יאָרן אַזוי אויך אָפּגעשוואַכטן ייִדישן טעאַטער.

וואָס וועלן די בינע־אַרבעטער, די מוזיקער, די פּאַרוואַלטער, די פּרעס־אַגענטן, די אָשערס און „דאָרמענס״, די „דרעסערס״ געווינען פון דעם וואָס זיי וועלן אַרויפשיטן די לעצטע לאָפּעטע ערד אויף דעם ייִדישן טעאַטער? זיי וועלן האָבן אפשר די גאָר קנאַפּע „טרייסט״ — זיי האָבן

אָפּגעהיט זייערע שטרענגע „יוניאָן־געזעצן״... זיינען זיי אָבער גערעכטע, מענטשלעכע, סאָלידאַרישע אַרבעטער געזעצן? צעברעכן זיי ניט דערביי אַ פּיל העכערן און וויכטיקערן יוניאָן־פּרינציפּ — אַרבעטער־סאָלידאַריטעט, אַרבעטער־קאָאָפּעראַציע, אַרבעטער־איינהייטלעכקייט? ביז די לעצטע יאָרן האָבן די אַרבעטער־יוניאָנס נאָך געהאַט דעם אויבערפלעכלעכן תּירוץ, אַז די ייִדישע טעאַטערס ליגן אין די הענט פון פּריוואַטע אונטערנעמער, און זיי דאַרפן אָנווענדן קעגן זיי די געזעצן פון אַרבעטער קעגן אַרבעטס־געבער. דאָס איז געווען אַ פלאַכער תּירוץ, ווייל אויך דעמאָלט האָבן די יוניאָנס געדאַרפט נעמען אין אַכט די לאַגע פון דעם גאַנצן פאַך, האָבן אין זין די אומשטאַנדן און זיין אָפּגעהיט ניט צו שעדיקן דעם „טרעיד״, פון וועלכע אַזוי פּיל אַרבעטער־פאַמיליעס ציִען זייער חיונה. איצט, אָבער איז דער תּירוץ אויך אָוועקגעפאַלן. — ניטאָ קיין פּריוואַטע אונטערנעמער ביים ייִדישן טעאַטער, כמעט ווי ניטאָ. די עטלעכע פּריוואַטע אונטערנעמער זיינען ייִדישע אַקטיאָרן, וועלכע ווערן פינאַנסירט, מי־שטיינס געזאָגט, פון דער אָרעמער אַקטיאָרן־יוניאָן. ווען ניט די „הלוואות״ פון דער אַקטיאָרן־יוניאָן, וואָלטן ייִדישע אַקטיאָרן אויסגעגאַנגען פון הונגער, און דאָך — —

דאָך באַציִען זיך די מיטגלידער פון די אַנדערע טעאַטער־יוניאָנס צו זיי מיט דער גרעסטער קאַלט־בלוטיקייט, גלייכגילטיקייט און — נאָך ערגער, די באַציִונג פון די טעאַטער־יוניאָנס צו די ייִדישע אַקטיאָרן — אויך יוניאָן מיטגלידער. — איז עס ניט צו פאַרשטיין און ניט צו דערקלערן. דאָס איז דאָך אַן אָפּלייקענונג, אַ פאַרגוואַלדיקונג פון דער אַרבעטער־סאָלידאַריטעט וועגן וועלכער מען רעדט און אויף וועלכער מען האָפט.

*

לעצטנס זיינען זיך פאַרלאָפן צוויי געשעענישן, וואָס זיינען פּשוט הימל־שרייענדיק!:

יעדער איינער ווייסט, אַז ייִדישע אַקטיאָרן זיינען אומבאַשעפטיקט. אויך די וואָס זיינען באַשעפטיקט פאַרדינען אַ סך ווייניקער ווי די אַרבע־

טער וואָס זיינען מיט זיי צוזאַמען באַשעפטיקט אין זעלבן טעאַטער. אָנ־שטאָט סימפּאַטיזירן מיט יידישע אַקטיאָרן, רייצן זיך די אַנדערע אָנגע־שטעלטע מיט זיי, לאַכן פון זיי אָפּ — ווייזן אַרויס אמתע ברוטאַלקייט צו זייערע קאָלעגן פון דער זעלבער יוניאָן וואָס אין אַן אַנדערן לאָקאַל...

יידישע אַקטיאָרן האָבן צוזאַמענגענומען און געשאַפן אַ קאָאָפּעראַ־טיווע טרופּע און אָנגעהויבן שפּילן אין ברייטאָן ביטש קאָמיוניטי צענ־טער. געשפּילט האָט די טרופּע בלויז אין סוף וואָך. די אַקטיאָרן האָבן גוט געוווּסט, אַז פון סוף־וואָך פאָרשטעלונגען וועט מען ניט נתעשר־ווערן אָבער מען שפּילט, ווייל מ׳וויל עפּעס טאָן און ניט אַרומגיין און גאָרניט טאָן. איז געקומען צו דער טרופּע אַ „פּראַנטממען״ פון זיין לאָקאַל און גע־פאָדערט מען זאָל אים אָנשטעלן און אים צאָלן די רעגולערע שׂכירות ווי אין אַן אמתן, גרויסן טעאַטער. פאַר פיר פאָרשטעלונגען האָט ער זיך גע־הייסן געבן פינף מאָל אַזוי פיל וויפל די אַקטיאָרן האָבן פאַרדינט אין די פיר פאָרשטעלונגען.

אַמאָל־אַמאָל זיינען די „פּראַנטמען״ — די מענעדזשערס, די טי־קעטס־פּאַרקויפער, די פּובליסיטי־אַגענטן, — אויך געווען יונג און האָבן געחלומט פון טעאַטער. וואַרשיינלעך האָבן זיי אויך געשטרעבט צו ווערן אַקטיאָרן און אויסלעבן זיך אויף דער בינע. האָט זיי דער גאָט פון טעאַ־טער אויסגעהיט פון אַזאַ דאָליע. איז אָט אַזוי רעכענען זיי זיך איצט אָפּ מיט יידיש טעאַטער, מיט יידישע אַקטיאָרן. אַרט זיי לחלוטין ניט וואָס עס ווערט מיט יידיש טעאַטער אין אַמעריקע... איז עס ביי זיי בלויז אַן ענין פון אַריינכאַפּן וויפל מ׳קאָן !...

אויב יאָ, איז ווּ זשע יוניאָן, אַרבעטער־סאָלידאַריטעט ? ווּ איז דער באַגריף פון „ברידער אַרבעטער״ ? איז ביי טעאַטער־יוניאָנס אין גאַנצן ניטאָ קיין יושר ? קיין מענטשלעכקייט ! קיין איינזעעניש מיט אַרבעט־געבער, חלילה, נאָר מיט אייגענע ברידער אַרבעטער ? מעגן אַרבעטער אויסנוצן די פּיקעט־לאַין כּדי צו פאַרגוואַלדיקן אַנדערע יוניאָן אַרבע־טער ?...

נאָוועמבער, 1955

דער איצטיקער מצב אין דעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע

געווען אַ צייט ווען מען האָט פון דעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע געקאָנט ריידן מיט באַוווּנדערונג. דאָס איז געווען די צייט פון די ראשונים, פון די גרויסע טעאַטער־געשטאַלטן פון דער יידישער בינע — דוד קעסלער, יעקב פּ. אַדלער, זיגמונד מאָגולעסקאָ, קעני ליפּצין, בערטאַ קאַליש — גרויסע פֿאָלקס־קינסטלער וואָס זיינען אַרויסגעשפּרונגען פון די טיפענישן פון יידישן מאַסן־לעבן אין רוסלאַנד, אין רומעניע, אין גאַליציע און פוילן, און האָבן געשאַפן אַ יש מאין דאָ אין אַמעריקע.

געווען אַ צייט ווען מ'האָט פון דעם יידישן טעאַטער ביי אונדז געקאָנט ריידן מיט אַ געפיל פון שטאָלץ און אַפילו באַרימעריי. מיר האָבן פאַרמאָגט אַ קונסט־טעאַטער, אָנגעפירט פון אַ גרופּע יונגוואַרג, מיט מאָריס שוואַרץ בראש, אין אירווינג פּלייס טעאַטער, און אַ קונסט טעאַטער פון נאָך אַ גרופּע יונגוואַרג, אָנגעפירט פון יעקב בן־עמי, אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן טעאַטער. יענע טעאַטערס האָבן זיך געקאָנט פאַרגלייכן מיטן בעסטן וואָס בראָדוויי האָט געהאַט צו געבן אין יענע יאָרן, אין דער ערשטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן.

איצט אַז מען רעדט פון דעם יידישן טעאַטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז עס מיט טרויער וואָס גרענעצט זיך מיט יאוש, מיט טיפן רחמנות וואָס איז ניט אָן אַ באַפאַרבונג פון ביטול.

דער אמת איז, אַז מיר פאַרמאָגן ניט מער — „יידיש טעאַטער". אַלס אַן אינסטיטוציע איז דער טעאַטער שוין ניטאָ ביי אונדז, זינט דער יידישער קונסט טעאַטער האָט אָפּגעשפּילט זיין לעצטן סעזאָן אין דעם פּאָבליק טעאַטער — איך מיין ווי אַ קולטור אינסטיטוציע, צו וועלכער מען האָט

געקאָנט האָבן אַן ערנסטע באַציִונג, וועלכער מען האָט געקאָנט שטעלן פֿאָדערונגען, פון וועלכער מען האָט געקאָנט מאָנען, צו וועלכער מען האָט געקאָנט צוטרעטן מיט דער מאָס פון קריטיק.

יעדער איינער וואָס לעבט זיך אויס ייִדיש, שטעלט זיך די פראַגע: וואָס האָט געפירט צו דעם טראַגישן מצב, צו דער וויסטער ירידה אין דעם ייִדישן טעאַטער, וואָס האָט, דאַכט זיך, ערשט נעכטן געבליט? איז דער חורבן טאַקע אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דער אָפּגעשטעלטער אימיגראַציע? איז דער ייִדישער טעאַטער דער ערשטער קרבן פון דער שפּראַך־אַסימילאַציע?

עס פאַרשטייט זיך, אַז די אָפּשטעלונג פון דער אימיגראַציע האָט קיין געזונט דעם קאָמערציעלן ייִדישן טעאַטער ניט צוגעגעבן. עס איז אויך אמת, אַז דער הי־געבוירענער ייִד איז שפּראַכלעך גענוג איינגעבירגערט אין היגן לעבן, אַז ער זאָל זיך צופרידנשטעלן מיט בראָדוויי און, לעצטנס, מיט דעם „הינטערלאַנד פון בראָדוויי״, די „אָף־בראָדוויי״ טעאַטערס.

אָבער די איבער צוויי מיליאָן ניו־יאָרקער ייִדן פאַרמאָגן נאָך, אָן שום ספק, לכל הפחות, אַ מיליאָן צווישן זיך וואָס פאַרשטייען גוט ייִדיש — העכסט וואַרשיינלעך מער ווי אַ מיליאָן. און מענטשן וועלכע וויסן — פירער פון קאָמיוניטי צענטערס, ראַביים פון טעמפּלס, געזעלשאַפטלעכע עסקנים פון „וועלפער באָאַרד״ — זאָגן עדות וועגן דער נאַציאָנאַלער נאָסטאַלגיע, וועגן דער בענקשאַפט צום אייגענעם מקור, וואָס באַהויכט איצט די שטימונגען און דאָס גייסטיקע אויסלעבן זיך פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער יוגנט. דאַרף מען זיך ניט איילן און אָפּמעקן מיט אַ פאַרטיקן אַנאַליז אָדער תירוץ.

מיר דוכט זיך, אַזז די הויפּט־שולד אין דער ירידה פון ייִדישן טעאַטער דאַרף מען זוכן ניט אויסער אים, נאָר אין אים גופא. די זאָמען פון זיין חורבן האָט אונדזער טעאַטער געטראָגן פון זיין סאַמע אָנהייב. וואָלט דער צופלוס פון נייע באַזוכער — אימיגראַנטן פון יענער זייט — זיך ניט אָפּגעשטעלט, וואָלטן די באַצילן ניט אַזוי שנעל צעפרעסן אונדזער טעאַטער־וועזן. און אויך דאָ שטעלט זיך אַ פראַגע, צי איז עס טאַקע אַזוי?

דער אימיגראַנט פון איצט איז ניט דער אימיגראַנט פון פופציק יאָר צוריק. דער איצטיקער ניי־געקומענער איז ניט קיין עם־הארץ אין ענין טעאַטער. ער האָט שוין געזען און פאַרזוכט. אַפילו ווען די אימיגראַ־ציע וואָלט איצט געשלאָגן מיטן פולן שטראָם, וואָלט אונדזער טעאַטער דאָך איצט דורכגעלעבט אַ שאַרפע ירידה. די באַצילן אין אים וואָלטן שוין געווען אַקטיוו.

ס'איז, פאַרשטייט זיך, ניט מעגלעך אַרומצורײדן אַלע אַספּעקטן פון דער איצטיקער סיטואַציע אין ייִדישן טעאַטער, אָבער אַ צאָל פון די הויפּט־סיבות וואָס האָבן געפירט צום חורבן קאָן מען באַרירן.

מיט יאָרן צוריק איז אין דער אַלגעמיינער טעאַטער־וועלט געווען אָנ־גענומען, אַז די דריי גרונט־עלעמענטן פון טעאַטער זיינען די פּיעסע, דער אַקטיאָר און דער עולם. האָט איר אָט די דריי באַשטאַנד־טיילן, האָט איר אַ טעאַטער.

פון די דריי עלעמענטן האָט דער ייִדישער טעאַטער אַלע מאָל געהאַט צוויי — דעם אַקטיאָר און דעם צושויער. אין דעם פּרט פון דער פּיעסע האָט ער אָפּט אונטערגעהונקען, צו־אָפּט. דער עולם וואָס איז געקומען אין טעאַטער איז אָבער געווען טעאַטעריש־הינטערשטעליק, מיינסטנס אַ קליינ־שטעטלדיקער, איז „די וויסטע יתומהלע" אויך געווען אַ פּיעסע, און „באַרג מיר דיין ווייב" האָט אויך געגילט ווי דראַמע.

מיט דער צייט האָט דער וועלט־טעאַטער דורכגעמאַכט אַ רעוואָלו־ציע — אַ סך רעוואָלוציעס. איינע פון די וויכטיקסטע פון זיי איז געווען די אָנערקענונג, אַז טעאַטער באַשטייט ניט פון דריי נאָר פון פיר גרונט־עלעמענטן. דער פערטער איז דער רעזשיסער — רעזשי. און דער רעזשי־סער קאָן ניט, טאָר ניט זיין דער „סטאַר" פון דער טרופּע. ביי די אומות העולם איז אָט די פערטע טעאַטער־אינסטיטוציע — רעזשי — איינגע־פירט געוואָרן נאָך מיט יאָרן און יאָרן צוריק. אויך אין אַמעריקע ווו דער „סטאַר" פון דער אויפפירונג איז אַמאָל געווען אויך איר רעזשיסער, איז דער רעזשיסער געוואָרן דער צווייטער וויכטיקסטער עלעמענט — נאָך דער פּיעסע — אין טעאַטער.

אין אונדזער ייִדישן טעאַטער איז עס ניט געשען — איך רייד וועגן דעם פּראָפעסיאָנעלן ייִדישן טעאַטער. דער הויפּט־ראָליסט, דער „סטאַר״, וועלכער איז אָפט אויך געווען דער שותּף אין דער אונטערנעמונג, איז פאַרבליבן דער רעזשיסער. איז דאָך ניט נייטיק דאָ צו פאַרלירן אַ סך צייט און אָרט אויף אָפּצושטעלן זיך אויף די איבלען פון אָט דער סיס־טעם. ס׳איז גענוג זיי אויסצורעכענען:

דער געשמאַק און די אינטעליגענץ פון דעם סטאַר האָבן גורם געווען אויף דעם אויסוואַל פון דער פּיעסע, אויף דער אויפפירונג זעלבסט, אויף דעם איינטיילן פון די ראָלן. דער הויפּט־ראָליסט האָט אַלע מאָל פאַרנו־מען דעם צענטער פון דער בינע. ער האָט זיך איינגעטיילט די „פעטסטע״ ראָל; ער האָט פאַר זיך אויסגעקליבן די „שלאָגנדיקסטע פראַזע״ — ער האָט זיך אָפילו דערלויבט איבערצושרייבן די פּיעסע.

דער פּועל־יוצא איז געווען, אַז ס׳איז ניט געווען קיין מענטשלעכע פּיעסע און ס׳איז ניט געווען קיין אויפפירונג, וואָס זאָל קאָנען באַצייכנט ווערן מיטן נאָמען טעאַטער. ס׳איז מיינסטנס אַרויסגעקומען זינלאָזיקייט. אין מיטן פון אַ דראַמאַטישער סצענע, האָט מען גענומען זינגען אַ ליד, גע־שפּילט האָט מען רעאַליסטיש; די אויפפירונג איז געווען קינדעריש, פּראָ־ווינציעל, פאַרשימלט...

אין כּל־זמן די שוישפּילער זיינען געווען יונג, האָבן זיי מיט אַ סך חנעוודיקייט און בינע־שמד־שטיק פאַרדעקט דעם „טשעפּוכאַ״ פון דער פּיעסע און די אומבאַהאָלפנקייט פון דער „רעזשי״. כּל־זמן דער עולם איז געווען אַן אימיגראַנטן־עולם פון די קליינע שטעטלעך אין רוסלאַנד, פּוילן און גאַליציע, האָט ער זיך מחיה געווען מיט יעדער געשמאַקלאָזער פּאַ־טראַווע וואָס מען האָט אים דערלאַנגט אויף דער בינע.

צייטן בייטן זיך אָבער. דער עולם האָט זיך „אויסגעגריבט״ קולטורעל, טעאַטעריש. דער אַקטיאָר — ניט. דער גרויסער עולם האָט גענומען לאַכן, ניט מיט דער פּיעסע, נאָר פון איר. דער אַקטיאָר איז געבליבן ביי זיינס.

לעצטנס זיינען יאָ געמאַכט געוואָרן שוואַכע פאַרזוכן איינצופירן רעזשי אין ייִדישן טעאַטער. דער סטאַר וויל אָבער ניט פאַרשטיין וואָס

דאָס איז אַזוינס און וויל ניט אויפגעבן אַ טראָפּן פון זיין „סוווערעניטעט״. מען שטעלט פּלומרשט אָן אַ רעזשיסער, אָבער אַפילו ווען דער רעזשיסער ווייסט יאָ מער פון די הויפּט־שוישפּילער הילכת־טעאַטער, איז ער אומבאַהאָלפן, ווייל זיי טוען זיך זייערס, יאָ־רעזשי, ניט רעזשי...

אין דער טעאַטער געבליבן אָן אַן עולם. דער עולם איז פון אים אַוועק. דער עולם וויל קאָנען אַרויפבליקן צו זיינע קינסטלער, ניט אַראָפּקוקן אויף זיי... ער האָט זיך דערוווּסט, דער עולם, אַז דער קינסטלער איז אומוויסנד, פויל און געשמאַקלאָז, און אַז אָט די „מעלות״ שרייבט ער צו אויף דעם עולמס חשבון... דער אַקטיאָר זאָגט, אַז ער שפּילט נאַרישע פּיעסן, ווייל דאָס וויל דער עולם... ער זינגט געשמאַקלאָזע לידלעך אָן אַ פּאַרוואָס, אָן אַ פּאַרוועז, ווייל דאָס וויל דער עולם...

וועלכער עולם? אָט דער איינגעשרומפּענער עולם וואָס קומט נאָך אין טעאַטער; אָט דער עולם וואָס לאַכט ווען דער קאָמיקער ווידערהאָלט צום וויפלטן מאָל אַ קונצעלע, וואָס האָט געהאַט חן מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק.

*

ווייס איך, אַז איך האָב דעם ענין באַרירט נאָר פון אויבן־אויף. מען וואָלט געקאָנט אָנווייזן אויף אַנדערע כּוחות וואָס האָבן אומדירעקט, אָבער גאַנץ עפעקטיוו געהאָלפן אונטערגראָבן דעם ייִדישן טעאַטער. די יוניאָנס, די בענעפיטן און, גוזמאדיק, ווי דאָס קאָן קלינגען, איז עס דאָך אַ פאַקט, די שטעלונג פון מדינת ישׂראל צו ייִדישן טעאַטער — דאָס זיינען אַלץ וויכטיקע פאַקטאָרן אין דער וויסטער דאַליע וואָס איז באַפאַלן אונדזער בינע אין אַמעריקע.

דאָס טרויעריקסטע, דאָס טראַגישסטע פון דעם אַלץ איז די איזאָלאַציע פון דעם ייִדישן אַקטיאָר. זיין עלנט — און ער איז אַ היפּש ביסל אַליין שולדיק אין דעם — איז ניט איבערצוגעבן. מיט דעם באַנוצן זיך געוויסנלאָזע עלעמענטן אין דער טעאַטער־וועלט; זיי באַנוצן זיך מיטן אַקטיאָרס נאַיִוויטעט, אומבאַהאָלפנקייט, און אומבאַוווּסטזיניקערהייט העלפט ער זיי

— קעגן זיינע אייגענע אינטערעסן — אָנהאַלטן דעם „סטאַטוס קוואָ" אין דעם יידישן טעאַטער...

מאין יבוא עזרי?

געדאַרפט האָט געשאַפן ווערן אַ פּאַראייניקטער פראָנט צווישן דעם אינטעליגענטן, באַוווסטזיניקן יידישן שוישפּילער און דעם יידישן שרייבער. ביי אַנדערע פעלקער האָט אַזאַ פּאַראייניקונג געפירט צו באַנייונג און אויפלעבונג אין זייער טעאַטער.

דאָס איז אָבער אַ טעמע פאַר זיך אַליין.

דערווייל האַלט עס זייער שלעכט מיטן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע. די פּאָר שוואַכע פּאַרזוכן וואָס זיינען אין אָנהייב פון דעם סעזאָן געמאַכט געוואָרן מיט די צוויי קליינע טעאַטערס — עדיוקיישאַנעל אַלייענס און לייבאָר טעמפּל — האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרניט. זיי זיינען געווען פאַראורטיילט צו דעם נאָך איידער זיי זיינען געמאַכט געוואָרן. אַ „קליינער טעאַטער" אויב ער האָט ניט קיין אידייע, אויב ער וואַקלט זיך אָן אַ ריכט־שנור — מוז זיין אַ מפּיל. די פּאַרזוכן זיינען געמאַכט געוואָרן בלויז פון אַקטיאָרן און בלויז כדי צו באַזאָרגן „יוניאָן מעמבערס" מיט אַרבעט...

*

די שורות ווערן געשריבן ניט קאַלטבלוטיק און ניט אָן ווייטיק. מען דאַרף זיי אָבער ערגעץ זאָגן, אָט די שמערצלעכע, גרויזאַמע ווערטער.

מיר זעען פאַר זיך אַ טיפע מענטשלעכע און אַ טיפע קולטורעלע און נאַציאָנאַלע טראַגעדיע. מיר האָבן שרייבער וואָס ווילן שרייבן און קאָנען שרייבן פּיעסן, מיט ווערט און באַדייטונג, און זיי האָבן ניט פאַר וועמען צו שרייבן...

מיר האָבן אַקטיאָרן וואָס זיינען פאַרהעלטענישמעסיק יונג — און אויך גאָר יונגע אַקטיאָרן פאַרמאָגן מיר — און זיי האָבן ניט וווּ צו שפּילן.

מיר האָבן אַ גרויסן עולם, זייער אַ גרויסן, דאָס רוב יידן פון ניו־יאָרק, וואָס וואָלטן מיט חשק געגאַנגען זען אַווירדיקע יידישע אויפפירונג וואָס זאָל ריידן צו זייערע נשמות און ניט באַליידיקן זייער געשמאַק...

רעזשיסערן קאָן מען קריגן. אַגב האָבן מיר זיי; אפשר ניט אין אַזאַ גרויסער צאָל, אָבער מיר האָבן זיי. און דוד ליכט איז גאָר־גאָר אַ וויכטי־קער בינע־מייסטער.

שטייט די פראַגע:

וועט, קאָן עפּעס געטאָן ווערן? וועלן די ייִדיש־ייִדן פון ניו־יאָרק, וועלכע בויען שולן, האַלטן־אויס אַ לערער־סעמינאַר און טראָגן־צו גאָר אַ היפּשן חלק צו די אַלע פאָנדן וואָס ווערן געזאַמלט פאַר דער צדקה פעדע־ראַציע, פאַרן יוניווערסיטעט דזשואיש אַפּיל, וועלכע קויפן פאָנדן פון ישׂראל און פילן־אָן „מעדיסאָן סקווער גאַרדן" ביי די חנוכּה פייערונגען (ווו מען לאָזט, אַגב, ניט צו קיין ייִדישן קינסטלער־אַקטיאָר) — וועלן אָט די ייִדן לאָזן אָפּשטאַרבן אַזאַ וויכטיקע קולטור־אינסטיטוציע ווי ייִדיש טעאַטער? און וועלן די מער קולטורעלע ייִדן, די באַוווסטזיניקע, אַפילו ווען זייער לשון איז ניט ייִדיש, וועלן זיי ניט צוטראָגן אַ האַנט אויף צו באַנייען און שטאַרק מאַכן און מאָדערניזירן אַזאַ וויכטיקן אויסדרוק פון ייִדישער שאַ־פערישקייט?

פעברואַר, 1958

אין דער פֿאָרשטעלונג „יאָשע קאַלב״
אויפֿגעפֿירט פֿון הערי ראָטפּערל און „נאָסטאַלגיע־גרופּע״
פֿון רעכטס: ערשטע ריי (זיצנדיק) — רייזל באָזשיק, דוד אַפּאַטאָשו, יעקב בן־עמי, מרים קרעסין, שפּרה לערער.
צווייטע ריי (זיצנדיק) — רות וואָל, רחל יוסיפֿון, יצחק דאָגים, דוד עליִן, מרדכי יחסן, דזשעק רעכטצייט, יעקב זאַנגער.
דריטע ריי (אויבן) — אליהו פּאַטראָן, שמוליק גאָלדשטיין, חיים לעווין, העלען בליי.

די ווירקונג פון ה. לייוויקס „שמאַטעס" אויפן יידישן קינסטלערישן טעאַטער

דער גרויסער דיכטער און לערער, ה. לייוויק, איז פאַרן יידישן רע־זשיסער, פאַרן יידישן שוישפּילער — פאַרן יידישן טעאַטער, בכלל, אַ מתּנה פון זיין ליבן נאָמען. דאָס ווילט זיך זאָגן, דאָס דאַרף מען זאָגן — צו זיין זיבעציקסטן געבוירנטאָג — ווייל ס'איז דער אמת.

ס'איז, פאַרשטייט זיך, ניט מעגלעך אָפּצושטעלן זיך אויף ה. לייוויקס אַלע דראַמאַטישע ווערק אין דעם באַשרענקטן פּלאַץ פון איין אַרטיקל, וועל איך דאָ הויפּטזעכלעך זיך אָפּשטעלן אויף זיין דראַמע „שמאַטעס", מיט וועלכער ער האָט געמאַכט זיין דראַמאַטישן „דעביו" אין ניו־יאָרק.

„שמאַטעס" איז געווען דעם דיכטערס סאַמע ערשטע דראַמאַטישע ווערק אויפגעפירט צו ווערן אויף דער היגער יידישער בינע. די פּרעמיערע איז פאָרגעקומען אין יידישן קונסט־טעאַטער דעם 26סטן דעצעמבער, 1921 — אַ וויכטיקע דאַטע אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע. די דאָזיקע פּרעמיערע פאַרנעמט אַזאַ וויכטיקע פּאָזיציע אין דעם גאַנג פון יידישן טעאַטער ווי דער 13טער נאָוועמבער, 1891, ווען יעקב גאָרדינס „סיביריאַ" איז צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן אין יוניאָן־טעאַ־טער, און ווי אָקטאָבער דער 16טער, 1918, ווען פּרץ הירשביינס „אַ פאַר־וואָרפן ווינקל" האָט זיך פאַרנייגט פאַרן עולם אין דעם אירווינג פּלייס טעאַטער.

יעדע פון די דריי דערמאָנטע פּיעסן און יעדע פון די דריי פּרע־מיערעס פאַרצייכנט דעם אָנהייב פון אַ נייער תּקופה אין יידישן טעאַטער. יעדע פון זיי האָט געמיינט באַנייונג און האָט געבראַכט מיט זיך אָפּפרי־שונג און באַלעבונג.

יעקב גאָרדין איז געקומען אין אַ צייט ווען די ייִדישע בינע אין אַמעריקע איז געווען אין געפאַר פאַרזונקען צו ווערן אין דראַמאַטורגי־שער אומבאַהאָלפנקייט, אין טעאַטערישער פּרימיטיווקייט און אין זומפּי־קער עם־הארצות. ער האָט, ווי פאַר די האָר, אַרויסגעשלעפּט דעם ייִדישן אַקטיאָר פון זיין קינסטלערישער שיפלות, געוויזן דער וועלט אַז ייִדיש טעאַטער מוז ניט דווקא זיין באַלאַגאַנשטשינע און פּאַיאַצעריי און אַז ייִדיש איז ראוי צו זיין די שפּראַך פון אַ מאָדערנעם טעאַטער. יעקב גאָר־דין איז טאַקע געווען דער רעפאָרמאַטאָר פון ייִדישן טעאַטער.

מיט איבער דריטהאַלבן צענדליק יאָר שפּעטער האָט פּרץ הירשביין אויף ס'ניי אַ קירעווע געטאָן די ראָד פון ייִדישן טעאַטער, וואָס איז פון זיינע „סטאַרס" ווידער אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין דער בלאָטע פון „לעבנס־בילדער", נאַרישע מעלאָדראַמעס און געשמאַקלאָזער טרערן־צאַ־פּעריי. מיט זיין „אַ פאַרוואָרפן ווינקל", „גרינע פעלדער", „דעם שמידס טעכטער, „די פוסטע קרעטשמע" האָט הירשביין אויפגעפראַלט פאַרן דער־שטוינטן אויג פון דעם ייִדישן — און ניט נאָר ייִדישן — טעאַטער־גייער, אַ פאַרבאָרגענע וועלט פון פאַרכאַפּנדיקער שיינקייט. מיט זיינע פאָלקס־שטיק האָט באמת זיך אָנגעהויבן די צייט וואָס ווערט באַצייכנט אַלס די צווייטע גאָלדענע עפּאָכע פון דעם ייִדישן טעאַטער אין אַמעריקע.

זי האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן, אָט די „גאָלדענע עפּאָכע". זי האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן, ווייל זי האָט זיך פאַרשפּעטיקט. דער ייִדישער אימי־גראַנט איז מיט ביידע פיס געשטאַנען פעסט אויפן אַמעריקאַנער באָדן און די בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים, וואָס הירשביינס פּאַסטאָראַלע דראַ־מאַטישע ווערק האָבן אין אים אויפגעוועקט, האָט זיך אויסגעוועפּט.

די גרינע פעלדער מיט די פוסטע קרעטשמעס האָבן זיך אָפּגערוקט אַלץ ווייטער און ווייטער פון דעם ייִדנסווירקלעכקייט. דער ייִד האָט גע־לעבט אין און מיט זיין אַמעריקאַנער אַרום, און פּרץ הירשביינס קאָמע־דיעס האָבן אָפּגעשפּיגלט אַ סביבה וואָס איז אים געווען פאַרפרעמדט און איז אים געוואָרן אַלץ פאַרפרעמדטער.

דער ייִדישער טעאַטער איז געשטאַנען פאַר דער סכנה, ער זאָל זיך

ווידער קאָנצענטרירן אויף אַ מין „כינקע־פינקע" פּיעסן און „פּינטעלע־ייִד" מוזיקאַלישע שטיק. אין דעם סעזאָן וואָס מאָריס שוואַרץ האָט אין זיין קונסט־טעאַטער אויפגעפירט ה. לייוויקס ערשטע דראַמאַטישע ווערק אין פּראָזע, „שמאַטעס" (צום אונטערשיידן פון לייוויקס דראַמע אין פערזן) האָט מען אין די יידישע טעאַטערס אין ניו־יאָרק געשפּילט אַזוינע ליטע־ראַריש־דראַמאַטישע „פּערל" ווי „דאַרף מען חתונה האָבן?", „העלאָ, שמענדריק", „דער שרעקלעכער אמת", „יאָשע כוואַט", „יעדער פּרויס פּאַר־לאַנג", „אַ מיידל אָן אַ הארץ", „איינע פון יענע" און אַנדערע שאַפונגען פון דעם מין.

שוואַרצס קונסט־טעאַטער און רודאָלף שילדקרויטס אירווינג פּלייס טעאַטער האָבן זיך מוטיק פאַרמאָסטן קעגן אָט דער פאַרפלייצונג מיט די אויפפירונגען פון „דער דיבוק", „אייקעלע מזיק" און מיט פּרץ הירשביינס רעפּערטואַר.

דער אמת איז, אַז די צוויי טעאַטערס וועלכע האָבן געוואָלט געבן — און האָבן געגעבן — ערנסטערע, קינסטלערישע פּיעסן האָבן קיין ברירה ניט געהאַט און האָבן געמוזט זיך אַרויסהעלפן מיט שטיק פון דעם וועלט־רעפּערטואַר. זיי האָבן, אָפט בעל כרחם, זיך באַנוצט מיט בערנאַרד שאָוס, ראָמען ראָלאַנס, גאָרקיס, אַנדרייעווס, טשעכאָווס דראַמאַטישע ווערק. דראַמאַטיזאַציעס פון שלום אַש און שלום עליכמס דערפאָלגרייכע ראָ־מאַנען זיינען אַריין אין דער מאָדע אַ סך שפּעטער.

אין יענער צייט האָט זיך באַוויזן אויף דער טעאַטער־אַרענע ה. לייִ־וויקס דראַמאַטישער ערשטלינג „שמאַטעס". די דראַמע איז געווען פריש און ניי און „אַ מ ע ר י ק אַ נ י ש" — יידיש־אַמעריקאַניש, אַ פּראָדוקט פון איר צייט, דאַכט זיך, און דאָך — אפשר טאַקע דערפאַר — אַ דויערנ־דער ביישטײַער צום בעסערן טעאַטער־רעפּערטואַר, און צו דער דראַמאַטי־שער ליטעראַטור.

איך גלייב אַז אין אַ גוטער איבערזעצונג וואָלט „שמאַטעס", אַזוי גוט ווי לייוויקס „שאָפּ", „די אָרעמע מלוכה", „הירש לעקערט", געוואָרן אַ טייל פון ענגלישן און וועלט־טעאַטער רעפּערטואַר, ווי „דער גולם" איז

דאָס געוואָרן. די טעמעס פון די אַלע פּיעסן זיינען אוניווערסאַלע. די מענטשן זיינען טאַקע יידישע אין דער האַנדלונג, און אויבן־אויף קאָן זיך דאַכטן, אַז די „פּראָבלעם" וואָס ווערט אין דער פּיעסע באַהאַנדלט — דער פאַרביסענער ווידערשטאַנד פון אַן עלטערן ייִדן, מרדכי מאַזאַ, קעגן דער פרעמדער, מאַטעריאַליסטישער סביבה, וואָס זוכט אים צו פאַרשלינגען — איז אַ ריין ייִדישע. אָבער דאָס איז בלויז אויבן־אויף אַזוי.

די טעמע קאָן פּונקט באַנעמען און עמאָציאָנעל דורכלעבן אַן אימיגראַנט פון וואָס פאַר נישט איז אַנדערער נאַציאָנאַליטעט. ריכטיק ווייזט אָן ש. ניגער אין זיין וואָגיקן ווערק „ה. לייוויק" אַז „אין תּוך" איז די דראַמע, „ניט קיין סאָציאַלע נאָר אַן אינדיווידועל פּסיכאָלאָגישע". אַלס אַזעלכע איז זי נאָענט יעדן מענטשן, ייִד און ניט־ייִד.

„שמאַטעס" איז טאַקע „אין תּוך גענומען" ניט קיין אַמעריקאַנער ייִדיש טעאַטער־שפּיל. גיכער איז עס, פאַרקערט, די דראַמע פון אַ שטאָלצן אַלט־היימישן ייִדנס אַנטקעגנשטעלן זיך דעם גייסט אָדער, ריכטיקער, דער גייסטלאָזיקייט פון דער אימיגראַנטיש ייִדישער אַמעריקע. אַנטקעגנשטעלן דער גרויער וואָכעדיקער רעאַליטעט, אַ רעאַליטעט וואָס איז מער געלייטערט און דערהויבן — אין דעם באַשטייט לייוויקס רעאַליזם". („ה. לייוויק", זייט 209).

טאָקע דערפאַר ווייל די טעמע איז אַ טיף מענטשלעכע, אַ יחידס פאַרצווייפלטער קאַמף קעגן דער אַרומיקער ווירקלעכקייט, איז עס אַזוי אוניווערסאַל און רעדט צום האַרצן און מוח פון יעדן מענטשן, צו וואָסער פאָלק און לאַנד ער זאָל ניט געהערן.

„שמאַטעס", ווען זי איז אויפגעפירט געוואָרן אין קונסט־טעאַטער מיט זיבן־און־דרייסיק יאָר צוריק, האָט גלייך געפאַנגען די הערצער און צוגעצויגן די טיפסטע אויפמערקזאַמקייט פון ברייטע מאַסן ייִדישע טעאַטער־גייער, צווישן זיי אַ היפּשע צאָל אויך ניט־ייִדישע. אפשר צום ערשטן מאָל איז אויף דער ייִדישער בינע אין אַמעריקע באַהאַנדלט געוואָרן אַ ברייט־מענטשלעכע טעמע אין אַ מאָדערנעם, גרויס־וועלטלעכן אידיאָם, אַן

װעלכע ס׳איז הנחות צום אָפּגעשטאָרבענעם און פאַרעלטערטן טעאַטער־גייער.

„שמאַטעס״ איז געװען אַן ערנסטער פאַרזוך אַרויסצוברענגען אויף דער ייִדישער בינע די ייִדיש־אַמעריקאַנער װירקלעכקייט אין טעאַטער־טערמינען, ערנסטע טעאַטער־טערמינען. פאַר דעם אַליין, פאַרשטייט זיך, קומט דעם מחבר אַ בכּבודיק אָרט אין דער געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער אין אַמעריקע. ה. לייװיק האָט מיט „שמאַטעס״ באַװיזן, אַז די ייִדישע בינע פאַרמאָגט אַלע נייטיקע טעאַטער־מכשירים אַזאַ װערק צו פּראָדוצירן און אַז ס׳איז דאָ אַ ייִדישער טעאַטער־עולם װאָס איז מסוגל אַזאַ װערק אויפֿצונעמען — און אָפּשאַצן.

מיט דעם אַליין, פאַרשטייט זיך, שעפּט זיך ניט אויס ה. לייװיקס פאַרדינסט אַלס דראַמאַטורגישער אינאָװאַטאָר אין ייִדישן טעאַטער. זיינע טעאַטער־דראַמעס פון „דער גולם״ ביז צו „קייטן״ פאַרמאָגן אַלע מער װי איין פלאַך. די קאָנקרעטע פלאַך פון „שמאַטעס״ װי אויך פון „שאָפּ״ און „די אָרעמע מלוכה״ און אַפילו פון „הירש לעקערט״ — טראָגט דעם װאָס זי איז געשריבן אין פערזן — איז דער רעאַליזם. די מענטשן זיינען בולטע געשטאַלטן; זיי קעמפן פאַר רעאַלע ממשותדיקע װערטן — סאָציאַלע, עטישע, פּאָליטישע, און זייער לשון — אַ פּאָעטיש־בילדלעכער. די דראַמעס, געשאַפן פון אַ גרויסן דיכטער — אָטעמען מיט דער לופט פון װירקלעכקייט.

און גלייכצייטיק, שפּילט זיך „שמאַטעס״ אָפּ אויף אַ צװייטער פלאַך, װאָס איז אַזוי װי אַן עכאָ צו דעם װאָס מיר זעען אויף דער בינע. סיי די מענטשן, סיי זייערע האַנדלונגען און קאַמפן, סיי זייער לשון רופן זיך אָפּ מיט אַ סימבאָלישקייט װאָס גיט צו לייװיקס דראַמע אַ טיפקייט און אַ פאַרטיפונג װאָס דערהייבן זי איבער דער טאָג־טעגלעכקייט פון אַ געװיינטלעכן רעאַליסטישן טעאַטער־שטיק.

ס׳איז אַזוי װי פאַרנט פון דער בינע, (אונטן איז די ליכט־ראַמפּע), װאָלטן געװען פאַרשטעקט שטאַרקע רעפלעקטאָרן און זייער ליכט װאָלט געװאָרפן פאַרגעסענע שאָטנס אויפן הינטערגרונט. די זשעסטן און די

באַוועגונגען פון די מענטשן שפּילן זיך אָפּ דורך די שאָטנס אויפן הינטער־גרונט און ווייען אָן שטימונג און צוויי־דייטיקייט וואָס די פיגורן אין זיך אַליין פאַרמאָגן אפשר ניט. און אַדאַנק אָט די שאָטנס באַקומען זיי אַ טאָפּלטן זין, אַ סימבאָלישקייט וואָס פאַרטיפט און אַקצענטירט די האַנדלונג און גיט איר אַ צווייענדיקן ווערט.

אָט אַזאַ „שאָטן־שפּיל" פאַרמאָגט ה. לייוויקס „שמאַטעס". אַזאַ „שאָטן־שפּיל"־טיפקייט פאַרמאָגן „שאָפּ" און „קייטן" און „די אָרעמע מלוכה" און אַלע אַנדערע טעאַטער־שאַפונגען זיינע. זיי זיינען געשריבן „רעאַליסטיש", אין גוסט פון זייערע אַקטועלע סוזשעטן. זיי טראָגן, אָבער, אין זיך — אַלע אָן אויסנאַם — אַ סימבאָלישע אַטמאָספערע וואָס דערהייבט זיי — און טראָגט די דראַמאַטישע פּגימות וואָס זיי פאַרמאָגן דאָ און דאָרט — צו די הויכקייטן פון וועלט־דראַמעס.

*

עס איז נאָך בולט איינגעקריצט אין זכרון יענער סוף יאָר 1921 ווען „שמאַטעס" איז אויפגעפירט געוואָרן אויף דער בינע פון מאָריס שוואַרצס קונסט־טעאַטער. עס האָט אויף דער יידישער טעאַטער־גאַס אַן אָטעם גע־טאָן מיטן רושם פון נייקייט און אייגנאַרט און דער עיקר — מיט קינסט־לערישער דערגרייכונג. אַפילו דער פשוטסטער טעאַטער־גייער, אַפילו אַ יינגל, אַ סטודענט פון טעאַטער אין ניו־יאָרק אוניווערסיטעט, ווי דער שרייבער פון די שורות איז דעמאָלט געווען, האָט געמוזט דערפילן, אַז אַ גרויסע, אַ וויכטיקע געשעעניש קומט פאָר אויף „די ברעטער" פון גאַרדן טעאַטער. יענע נאַכט איז אַ נייער דראַמאַטורג, אַ דראַמאַטורג פון דריי דימענסיעס צוגעקומען צו דער יידישער בינע.

דער יידישער טעאַטער־עולם איז געווען ראוי צו דער פּיעסע און דער אויפפירונג. מען האָט זי געשפּילט, אויב איך מאַך ניט קיין טעות. פּופּצן וואָכן כסדר. און אַז זי האָט שטאַרק געהויבן דעם פּרעסטיזש פון דער „לי־טעראַרישער פּיעסע" אויף דער יידישער בינע, איז איבעריק צו זאָגן.

ווי שטאַרק עס איז געווען דער רושם וואָס די אויפפירונג האָט גע־

מאַכט, קאָן מען פאַרשטיין פון דעם וואָס „דער פאָרווערטס״ האָט אויף זיינע שפּאַלטן אָפּגעדרוקט די גאַנצע דראַמע, אין פאָרזעצונגען, אַ זעל־טענע דערשיינונג אין דער געשיכטע פון טעגלעכע צייטונגען אין אַמעריקע.

„שמאַטעס״ איז נאָך דעם געשפּילט געוואָרן אין וואַרשע, און אין אַנדערע שטעט מיט געדיכט־יידישע באַפעלקערונגען, און אומעטום האָט זי געמאַכט אַ טיפן, אַ דויערנדן רושם. טראָץ איר „אַמעריקאַנישקייט״, האָט זי געווירקט אויף דעם צושויער מיט איר טיף־מענטשלעכער טראַגע־דיע פון מרדכי מאַזאַ.

„שמאַטעס״ ווערט עד־היום אויפגעפירט אין די ווייניק־פאַרבליבענע יידישע שטעט איבער דער וועלט.

*

פאַרן רעזשיסער איז ה. לייוויקס „שמאַטעס״ אַן אמתער אוצר, ער קאָן זיך אין דער דראַמע צעשפּרייטן אויף ווי ווייט זיין טאַלאַנט און זיין פאַנטאַזיע לאָזן אים. טאַקע דערפאַר ווייל דער דראַמאַטורג רעדט דאָ און „זאָגט״ אויף צוויי פלאַכן, טאַקע ווייל די פּיעסע, אַזוי ווי אַלע לייוויקס דראַמאַטורגישע שאַפונגען, „אָפּערירן״ איינצייטיק מיטן רעאַליסטישן סטיל און מיט סימבאָלישע אָפּקלאַנגען. „שמאַטעס״ איז אַן אמתער שעדעווער פאַרן קינסטלערישן רעזשיסער. ער קאָן „טייטשן״ און „אויסטייטשן״, ניו־אַנסירן מיט ליכט־עפעקטן און מיט וואָרט־קלאַנג און פילן, אַז ער האָט צוגעטראָגן זיין ערלעכן קוק צום דראַמאַטורגס שאַפערישן פּראָצעס.

וועגן דעם אַקטיאָר איז שוין אָפּגערעדט. לייוויקס דראַמעס זיינען רייך מיט געשטאַלטן וואָס לאָזן זיך שוישפּילעריש באַקליידן און באַפּוצן. אַפילו יענע פון זיי וואָס זיינען בלויז געצייכנט, לאָזן זיך שוישפּילעריש מאָלן, ווי בלאָס אָדער שפּאָרעוודיק זיי זיינען ניט אַרויס פון די הענט פון לייוויק דעם דראַמאַטורג, איז דאָך אויף זיי געפאַלן אַ פונק פון לייוויק דעם דיכ־טער און האָט זיי באַלויכטן און באַלעבט.

מרדכי מאַזאַ און עליע און רחל לאה, אין „שמאַטעס״; מאַרקוס און

לוריע און קאַהאַן, אין „אַנדערש״; מלך און יונה קאַסאַקע און מירל אין „די אָרעמע מלוכה״, אָדער „בעטלער״, ווי די פּיעסע האָט געהייסן ווען מאָריס שוואַרץ האָט זי אויפגעפירט; וואולף און לייזער און גוירדי אין „שאָפ״, אויפגעפירט פון יעקב בן־עמי אין אורווינג פּלייס טעאַטער — ס׳איז גענוג צו דערמאָנען בלויז עטלעכע פון די כאַראַקטערן פון לייוויקס פּיעסע וואָס זיינען אויפגעפירט געוואָרן אין ניו־יאָרק, אַז דער לייענער זאָל זיך דערמאָנען ווי מזל־ברכהדיק זיי זיינען פאַרן שוישפּילער־קינסטלער.

*

וואָלטן מיר איצט פאַרמאָגט אַ שאַפערישן יידישן טעאַטער מיט ערנסט־שאַפערישע קינסטלער, וואָלט ער נאָך אַ סך אַ סך געקאָנט געניסן פון ה. לייוויקס רייכן, שוין אויפגעפירטן און נאָך ניט אויפגעפירטן דראַמאַטישן רעפּערטואַר. אָט איז שוין אוועק אַ דור זינט זיין ערשטע דראַמאַטישע ווערק, „שמאַטעס״, איז צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן, און די טעמע איז איצט אַזוי „אַקטועל״ ווי מיט קנאַפּע פיר צענדליק יאָר צוריק. זי איז איצט רייף פאַר אַ נייער אויסטייטשונג און פאַר אַ נייער רעזשיסערישער באַלייכטונג.

יעדער דור וועט ה. לייוויקס ווערק זען און פילן אין ליכט און אין דער ראַם פון זיין אייגענער צייט, ווייל דער דיכטער דראַמאַטורג האָט באַרירט וואָגיקע, כ׳וואָלט געזאָגט, אייביקע מענטשלעכע קאָנפליקטן און האָט זיי געשילדערט אין טרעפלעכע דראַמאַטישע טערמינען און זיי באַהויכט מיט זיין וויזיאָנערישן גייסט און מיט זיין פּאָעטישן לשון.

לייוויקס דראַמאַטישע שאַפונגען געהערן צום וועלט־טעאַטער אַזוי גוט ווי צום יידישן רעפּערטואַר. ער האָט באַרייכערט די יידישע בינע מיט וואָגיקע, קינסטלערישע דראַמאַטישע שאַפונגען. — זאָל ער אונדז לאַנג לעבן און זאָל ער דערלעבן אַ געזונט געוואָרענעם, באַנייטן יידישן טעאַטער.

מערץ, 1959

יואל ענטין
דער טוער, בעל־חלומות און טעאַטער־מענטש

יואל ענטין, וועלכער איז געשטאָרבן אין טיפן עלטער פון איבער פיר־און־אַכציק האָט נאָך ביים לעבן אָוועקגעשטעלט דויערנדע מאָנומענטן נאָך זיך. דווקא ער, וועלכער האָט אַזוי ווייניק געזאָרגט זיך וועגן זיינע אייגענע ווערק, אַז זיי זיינען געבליבן צעוואָרפן און צעשאָטן איבער צענדליקער צייטונגען און זשורנאַלן, בלייבט פאַראייביקט דורך מעשׂי ידיו, דורך פיל קולטור־ און דערציִונגס־אינסטיטוציעס וואָס ער האָט געלייגט זייער פונדאַמענט, דורך די באַוועגונגען אין וועלכע ער איז יאָרן־לאַנג געווען אַ וואָרט־זאָגער און טאָקע אַדאַנק זיין לאַנג־יאָריקער ליטעראַרישער אַרבעט וואָס אַנדערע וועלן איצט דאַרפן זאַמלען און צונויפקלייבן.

עס איז ניט גרינג אויסצומאָלן זיין געשטאַלט. הגם ער איז געווען גראַדליניק און פּאָזיטיוו־אויסגעשפּראָכן, איז ער אויך געווען אַ מענטש פון שטימונגען. קאָן מען אין די ראַמען פון אַ קורצן אַרטיקל בלויז אָנצייכענען די קאָנטורן פון זיין פּערזענלעכקייט און אָנדייטן עטלעכע הויכפּונקטן פון זיין פיל־אומפאַסנדער געבענטשטער טעטיקייט.

יואל ענטין איז געווען די אויפריכטיקייט אַליין — אויפריכטיק אַפילו ווען ער האָט געדאַרפט וויי־טאָן — און אָן יעדן שמץ פון אָנשטעל. אַזוי איז ער געווען אַלס שריפטשטעלער, אַזוי אַלס טעאַטער־קריטיקער. אַלס געזעלשאַפטלעכער וואָרט־זאָגער און אַרבעטער־ציוניסט; אַזוי איז ער אַוודאי און אַוודאי געווען אַלס דערציִער און אַלס לערער אין די ערשטע ייִדישע וועלטלעכע שולן, וועלכע ער האָט געשטויסן דעם ייִדיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד צו גרינדן אונטערן ערשטן נאָמען פון „ייִדישע נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שולן".

ער איז געווען אַ גרויסער מאמין. איינער פון אַ דור פון גרויסע מאמינ׳ים, אַ דור פון בויער און עקשנים־קעמפער. זיי האָבן געבויט שולן, געבויט אַ יידישע פּרעסע, געגרינדעט פּאַרטייען און פראַטערנאַלע אָרגאַ־ניזאַציעס, אַוועקגעגעבן זייערע כּוחות אויף בנין הארץ, ארץ־ישׂראל. פון יענעם דור איז יואל ענטין געווען איינער פון די סאַמע שטאַרקסטע, שטאַ־ליק־פעסט אין זיין גלויבן, פעלדזיק אין זיין עקשנות. די טרייב־קראַפט פון זיין גלויבן, פון זיין שטענדיקער אומאויפהערלעכער פּראַצע אויף אַלע געביטן פון זיינע פיל טעטיקייטן, איז געווען זיין ענדלאָזע ליבע צום יידישן לעבן, צו אַלץ וואָס איז יידיש אין תּוך און אין פּאַרעם, אין אינ־האַלט און אין סטיל. ער האָט געגלייבט באמונה שלמה אין דעם קיום פון יידישער שעפערישקייט, פון יידיש־לשון, פון דער יידישער ליטעראַטור, פון יידיש טעאַטער. די אמונה זיינע איז געווען פעסט ניט נאָר אין יענע יאָרן ווען די יידישע אימיגראַציע האָט געשטראָמט קיין אַמעריקע און יידיש לעבן האָט געבליט אין פּוילן, אין רומעניע און גאַליציע, נאָר אויך נאָך דעם שוידערלעכן חורבן איירָאָפּע, נאָך דעם אומקום פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, ווען ייאוש און ספקות האָבן גענומען אונטערגראָבן די זיילן פון אונדזער פאָלקס־לעבן.

*

ערשט עטלעכע געציילטע וואָכן פאַר ענטינס טויט האָט דער אַקטיאָר אַנאַטאָל ווינאָגראַדאָוו אים אָנגעטראָפן אין גאַס און האָט אים באַגריסט. ענטין ווּעמענס ראיה איז אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געווען שוואַך (ניט פון עלטער, האָט ער געזאָגט, נאָר פון צו פיל אָנשטרענגונג) האָט דעם שוישפּילער צו ערשט ניט דערקענט. ער האָט זיך אָבער באַלד גע־כאַפּט און האָט געפרעגט:

— נו, און וואָס הערט זיך מיטן יידישן טעאַטער, אַנאַטאָל?

— ניט גוט, חבר ענטין, ס׳איז אַ שטאַרקע ירידה... — האָט ווינאָ־גראַדאָוו שטיל געזאָגט.

— הערט וואָס איך זאָג אייך: דער ייִדישער טעאַטער וועט נאָך בלײַען! געדענקט — ער וועט נאָך בלײַען! — האָט יואל ענטין פעסט אויסגערופן.

דאָס זײַנען אפשר געווען די לעצטע ווערטער זײַנע וועגן דער אינ־סטיטוציע, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט און וועלכער ער האָט אָוועקגע־שענקט אַזוי פיל פון זײַן שעפערישקייט און פון זײַנע כּוחות און חלומות.

*

יואל ענטין איז ניט געווען קיין פלאַטאָנישער ליבהאָבער. האָט ער געגלייבט אין אַ זאַך, האָט ער איר געווידמעט ניט בלויז זײַן פען און כּוח הדיבור. צוזאַמען מיט ד"ר חיים זשיטלאָווסקין איז ער געווען דער פאָטער פון די ייִדישע וועלטלעכע שולן אין אַמעריקע. האָט ער ניט באַנוגנט זיך מיט שרייבן טעאָרעטישע אַרטיקלען, מיט אַגיטירן ביי עפנטלעכע פאַרזאַמ־לונגען און מיט ריידן ביי קאָנפערענצן. ער האָט בפועל ממש פאַרקאַשערט די אַרבל און געטאָן טאָג־טעגלעכע אַרבעט דערביי. ער איז געווען דער ערשטער פּרינציפּאַל פון דער ערשטער ייִדישער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול. ער האָט יאָרן לאַנג אָנגעפירט מיט די לימודים פון ייִדישער דראַמע, פון ייִדישער ליטעראַטור און מיטן לימוד פון דער געשיכטע פון די גרוי־סע פּאָליטישע באַוועגונגען צווישן ייִדן.

ער איז ניט געווען קיין אָראַטאָר, ניט קיין שיין־רעדנער. ער איז ניט געווען פון די רעדנער וואָס אַפּעלירן צו די עמאָציעס פון די צוהערער. דאָך זײַנען די תּלמידים אין קלאַס געזעסן שטונדן לאַנג אויף די בענקלעך, פאַרכּישופטע. מיט זײַן גלײַענדער ליבע צו דער ייִדישער דראַמע, צו דער ייִדישער ליטעראַטור, צו די פּאָליטישע באַוועגונגען און פּאַרטייען אין ייִדישן לעבן, האָט ענטין אָנגעצונדן די קינדערשע הערצער. ער האָט פאַר זיי בייע וועלטן אָנגעצונדן אין יענע אָרעם־געקאַלכטע, פינצטערע חדרים־לעך פון דער ערשטע שולע אויף מעדיסאָן סטריט — וועלטן פון אינער־לעכער פּראַכט און גייסטיקער דערהייבונג — און דער אָפּגלאַנץ פון יענע וועלטן — פון פּרצעס חסידישע מעשׂיות, פון הירשביינס דאָרפישע אידי־

ליעס, פון מענדעלע מוכר ספרימס בייסיקע סאַטירעס — לעבט עד־היום אין די הערצער פון די אַמאָליקע תּלמידים זיינע.

*

מיט ליידנשאַפט איז יואל ענטין געווען פאַרליבט אין דעם ייִדישן טעאַטער. ער האָט, אָבער, טראָץ זיין ליבע — ניין, אַדאַנק זיין ליבע — געזען די חסרונות און די ניט־דערוואַקסנקייטן פון דער ייִדישער בינע פון אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק. וואָלט אַן אַנדערער זיך צופרידנגעשטעלט מיט שרייבן מוסר־קריטיקן און וואָלט געפילט, אַז ער טוט זיין חוב מיט שטראָף־אַרטיקלען. אַן אַנדערער, אָבער ניט יואל ענטין. ער האָט גע־קנעלט מיט אַמאַטאָרן אין דעם פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב, געלערנט זיי שפּילן טעאַטער, אויפגעפירט און אַליין רעזשיסירט פּיעסן, געהאַלטן ערנסטע און באמת וואָגיקע לעקציעס וועגן דראַמע און טעאַטער, און —

אַדאַנק אָט דער דערציִערישער טעאַטער־אַרבעט, וואָס יואל ענטין האָט במשך פון אַ סך יאָרן אָנגעפירט אויף דער ייִדישער גאַס, האָט אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן אויפגעבליט דער ייִדישער טעאַטער מיט אַ פּלע־יאַדע יונגע שוישפּילערישע כּוחות, מיט ערנסטע דראַמאַטורגן, מיט אַן עולם וואָס האָט געוואָלט און האָט אָפּגעשאַצט די נייע שטרעמונג אויף דער אָפּגעפרישטער ייִדישער בינע.

און די יעניקע וואָס זאָגן איצטער, אַז ענטין איז געווען אַלטמאָדיש, פאַרעלטערט אין זיין צוגאַנג צו ייִדיש טעאַטער און וואַרפן־אויף זיין „אייב־געליבטקייט״ אין יעקב גאָרדינען, קייען איבער וואָס אַנדערע „חכמים״ האָבן אַמאָל געזאָגט, אָדער זיי זיינען בכלל ניט באַקאַנט מיט ענטינס וועג אין טעאַטער. ייִדיש טעאַטער דאַרף זיין און איז מסוגל צו זיין אַ פאָלקס־אינסטיטוציע, איז געווען ענטינס טעאַטערישער אני־מאמין. גע־רעכט צי אומגערעכט, דאָס איז געווען זיין גלויבן. די דראַמאַטורגן וואָס האָבן אָנגערירט פּראָבלעמען פון ייִדישן פאָלקס־לעבן, וואָס האָבן גע־שעפּט זייער טעמאַטיק פון די טיפענישן פון אונדזער לעבן האָבן לויט

ענטינס אָפשאַצונג געשטאַרקט די יידישע בינע, צוגעשטעלט די אמתע שפּייז פאַרן יידישן טעאַטער־באַזוכער.

קאָן מען מיט דער שטעלונג ענטינס יאָ אָדער ניט זיין מסכּים. אָבער זאָגן, אַז ער איז געווען „אָפּגעשטאַנען", „אַלטמאָדיש", איז גע־פלאַפּלט. איך ווייס ניט צי מען קאָן אין אונדזער יידיש־וועלט אָנציילן אויף די פינגער פון איין האַנט פאַכלייט און טעאַטער־חסידים ווי יואל ענטין. זיין באַהאַוונטקייט אין דער דראַמאַטישער ליטעראַטור — דראַמאַ־טישער וועלט־ליטעראַטור — איז געווען אַ פענאָמענאַלע. דאָס ווייסן די וועלכע האָבן געלערנט וועגן טעאַטער ביי יואל ענטינען און שפּעטער ביי אַנדערע.

וועגן ענטינס וועג אין און צוגאַנג צום טעאַטער וואָלט זיך געפאָ־דערט אַ לענגערער און אַ באַזונדערער שטודיום.

*

ער איז ניט געווען געקנאָטן פון דעם ליים פון אַ פּאָליטיקער. ער איז צו־אויפריכטיק, צו־אייגנאַרטיק און צו־אומאָפּהענגיק געווען אין זיין דענ־קען. ער איז, אָבער, געווען אַ געזעלשאַפטלעכער מענטש און ער האָט אָפּגעשאַצט די פּאָזיטיווע מאָמענטן פון די יידישע פּאָליטישע קערפּער־שאַפטן. אַמבאַוואונטסטן צו זיין געדאַנקען־גאַנג איז געווען די פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציע, איז ער יאָרן־לאַנג געווען אַ טעטיקער חבר אין אירע רייען און אַ מיטגליד אין איר צענטראַל־קאָמיטעט.

דער הויפּט־כּוח וואָס האָט אים צוגעצויגן צו די פּועלי־ציון און צום נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד איז געווען זייער אַרבעט אויף דעם פעלד פון יידישער דערציִונג, יידישע שולן, יידישן לערער סעמינאַר. ווען ענטין איז מיט זיי געווען „צעקריגט", האָט מען געקאָנט זאָגן אויף זיכער, אַז זיי גיבן זיך ניט אָפּ מיט די יידישע שולן געהעריג ענערגיש, מיט דעם גע־העריקן חשק, לויט זיין אָפּשאַצונג.

ס'קאָן גאָר קיין ספק ניט זיין, אַז ענטין דער שרייבער, דער ליטעראַ־טור־קריטיקער, האָט אַ סך, גאָר אַ סך מקריב געווען צוליב ענטין — דעם

דערציִער, דעם טעאַטער־רעזשיסער, דעם געזעלשאַפטלעכן טוער. ער האָט פון זיך געגעבן שטיקער גאַנצע פאַרן ייִדישן קינד, פאַרן ייִדישן אַקט־אָר, פאַרן ייִדישן פאָלקס־מענטשן — געגעבן באהבה, מיטן גאַנצן הארצן און מיטביידע הענט. ליטעראַטור־קריטיק איז געווען זיין שטילע, זיין סוב־יעקטיווע ליבע, דער נחת־רוח, ווען יואל ענטין איז געבליבן מיט זיך אַליין, אויסגעשפּאַנט פון זיינע אַנדערע, פון זיינע געזעלשאַפטלעכע התחייבותן. לייענט מען זיינע לענגערע ליטעראַטור־אָפּהאַנדלונגען, לירישע אויסגוסן פון אַ מענטשן וואָס איז פאַרליבט אין אַ גאַנצער ליטעראַטור און אין דעם לשון אויף וועלכן זי איז געשאַפן געוואָרן, דערזעט מען אַ גאָר אַנדערן יואל ענטין, אַ מענטשן מיט אַ טיפן קינסטלערישן אויג, אַליין אַ מענטש וואָס קאָן אַריינדרינגען אין דעם חדר מיוחד פון קינסטלערישן שאַפן.

נאָך איין וואָרט, טראָץ דעם באַגרענעצטן פּלאַץ. מען פּרובירט איינ־וויקלען יואל ענטינס נאָמען אין „אומטאָלעראַנץ צום קעגנער״. ענטין איז טאַקע געווען אַ קנאי, בעסער געזאָגט, אַ פאַרברענטער חסיד. אין צייטן פון קאַמף איז ער ניט געווען קיין קאָמפּראָמיסלער, בשום אופן ניט. ער האָט אָבער געקאָנט זיין, און איז געווען, אָביעקטיוו און אָפּגעהיט מיט זיין אָפּשאַצונג פון באַוועגונגען, וועלכע זיינען אים געווען פרעמד און אַפילו דערווידער. ער האָט, צום ביישפּיל, אין זיין סעריע וועגן פּאָליטישע באַוועגונגען ביי ייִדן, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר די קינדער פון עלטסטן קלאַס אין דער „ערשטער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול״ גערעדט וועגן דעם „בונד״. דאָס איז געווען מיט אַן ערך פינף־און־פערציק יאָר צוריק, ווען דער קאַמף צווישן דעם „בונד״ און די פּועלי־ציון אין פּוילן איז געווען אין סאַמע ברען. עס איז דערפאַר צום באַוואונדערן מיט וויפל דרך ארץ ענטין האָט גערעדט פון אָט דער קעגנערישער און אַפילו פיינטלעכער ייִדישער באַוועגונג. ער האָט אָביעקטיוו אַנאַליזירט אירע אידייען און פּרינ־ציפּן, אָנגעוויזן ווו זיי גייען זיך פונאַנדער מיט אַנדערע ייִדישע פּאָליטישע באַוועגונגען און מיט גרויס וואַרעמקייט גערעדט צו די קינדער וועגן אירע הויפּט־העלדן און מאַרטירער.

איצט, מיט יאָרן שפּעטער, אַז מען טראַכט פון יענער לעקציע, מוז

מען דערפילן אַ נייעם אויפשוווּנג פון באַוווּנדערונג און יראת הכּבוד פאַר דעם מענטשן וואָס האָט זיך געקאָנט אויפהייבן איבער זיין פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט און איבער זיין „אומטאָלעראַנץ".

יואל ענטין איז אַוועק פון אונדז. ס'איז אַוועק אַ הייסער ייִד, אַ רייכע פּערזענלעכקייט, אַ גרויסער קולטור־קעמפער. אַדאַנק זיין לעבן און זיין טעטיקייט איז אונדזער לעבן רייכער, שענער געוואָרן. זאָלן נאָר זיינע האָפענונגען מקוים ווערן. דאָס וועט זיין דער אמתער שׂכר וואָס ער אַליין וואָלט זיך געוווּנטשן פאַר די פיל גוטע, שעפערישע יאָרן וואָס ער האָט צוגעטראָגן צו זיין פאָלק.

1959

פיגורן און פּראָפילן

אַלעקסאַנדער גראַנאַך אין אַמעריקע

אין ניו־יאָרק, אין דעם יידישן אַנסאַמבל־טעאַטער, שפּילט איצט אַן אַקטיאָר, וואָס האָט זיך דערוואָרבן אַ זייער פּראָמינענטן אָרט אויף דער דייטשער בינע. זיין נאָמען איז גוט באַקאַנט יעדן דייטשן טעאַטער־ליבהאָבער און באַליבט ביי דער דייטשער אינטעליגענץ. מיר מיינען אַלעקסאַנדער גראַנאַך.

פאַר די לעצטע עלף יאָר האָט ער געשפּילט אין דעם לעסינג־טעאַטער, אין ריינהאַרדטס טעאַטערס, און איצט איז ער געקומען אַהער צו אונדז, מיט איין ווונטש — צו שפּילן יידיש טעאַטער.

צו דער יידישער בינע זיינען שוין ניט איין מאָל געקומען באַרימטע אַקטיאָרן. זיי זיינען אָבער געקומען ביים שלוס פון זייערע קאַריערעס, ווען זייערע שטערנס האָבן געהאַלטן ביים פאַרגיין. זיי זיינען געקומען אויסלעבן די לעצטע יאָרן ביי זייערע יידישע קאָלעגן. אַ סך פון זיי זיינען געקומען צו אונדז ווען מען האָט זיי ערגעץ אַנדערש שוין ניט געוואָלט...

אַלעקסאַנדער גראַנאַך איז נאָך אָבער אַ יונגערמאַן. זיין קאַריערע איז איצט אין סאַמע ברען. ער האָט נאָך אַ גרויסע צוקונפט סיי אויף דער דייטשער און סיי אויף דער יידישער בינע. עס איז דעריבער אינ־טערעסאַנט צו הערן, וואָס עס האָט אים באַוויגן צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד, דעם גרויסן, רייכן דייטשן טעאַטער און קומען שפּילן אויף יידיש און פאַר יידן. כּדי דאָס צו פאַרשטיין, איז נייטיק צו קענען זיין העכסט־אינטערעסאַנטע און פאַרביקע פאַרגאַנגענהייט. זי וואַרפט אַ ליכט אויף

דער פערזענלעכקייט פון דעם קינסטלער און דערקלערט די סיבות פון זיין האַנדלונג.

*

צו צוועלף יאָר האָט שייקע, ווי גראַנאַך האָט געהייסן אין שטעטל האָראָדענקאָ (גאַליציע), געקנאָטן טייג אין זיין טאַטנס בעקעריי און געאַרבעט זייער שווער. דערצו האָט ער אויך אַכטונג געגעבן אויף די קינדער, 14 קינדער האָבן זיינע טאַטע־מאַמע געהאַט. שייקע איז געווען דער 13טער.

אין האָראָדענקאָ האָט אַ מיידעלע, רבקהלע, מיט בלאָנדע האָר און בלויע אויגן, געפאַנגען שייקעס האַרץ. איז אָבער רבקהלע אַוועק קיין זאַלעשטשיקי און שייקע איז אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט נאָך איר. האָט שייקע געמאַכט פליטה אַהינצו, וווּ רבקהלע איז געווען.

פון דעם ראָמאַן מיט רבקהלען איז גאָרניט געוואָרן, דערציילט גראַנאַך, ווייל ווי האָט געקאָנט עפּעס ווערן, אַז רבקהלע האָט אַפילו ניט געוווּסט, אַז שייקע ליבט זי...

דאָס זשוואָווע יינגל, שייקע, האָט אין זאַלעשטשיקי אַ סך געלערנט. דאָס שטעטל איז געווען ניט ווייט פון דער רוסישער גרענעץ, און דאָרט זיינען געווען אַ היפּשע צאָל יידיש־רוסישע רעוואָלוציאָנערן, בונדיסטן. פון זיי האָט ער באַקומען זיין ערשטע בילדונג. אין דעם האַלבן יאָר, וואָס ער האָט זיך מיט זיי געחברט, האָט ער געלייענט אַ סך ביכער און זשורנאַלן.

דערווייל האָט דער טאַטע אויסגעפונען, וווּ זיין בנאָק געפינט זיך און איז געקומען צו פאָרן צו אים. שייקע האָט זיך געריכט אויף פּעטש. אָבער, צו זיין גרויסער איבערראַשונג, איז דער טאַטע געווען ווייך און זעלטן מילד. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, צוגערופן דאָס יינגל, אויפגעהויבן אַ מידע פאַרמאַזאַליעטע האַנט און שעמעוודיק אַ גלעט געטאָן דעם זון איבער די צעפּאַטלטע האָר:

„ווייטער, מיין קינד, אַז דו וועסט וועלן אַנטלויפן, זאָלסטו זיך

מיט מיר באַראַטן. דו מיינסט אַז איך בין דיר בלויז אַ טאַטע? איך בין דיר אויך אַ חבר, אַ פריינד. פאַר וואָס זאָלסטו אַנטלויפן? ביסט נאָך יונג, און איך קאָן דיר אַן עצה געבן.״

שייקע איז צוריק אַהיימגעקומען מיטן טאַטן אויף יום־טוב פּסח. דאַן איז ער אַוועקגעפאָרן קיין סטאַניסלאַוו. דאָרט איז שוין געווען אַ היפּשע אַרבעטער־באַוועגונג, און דער יונגער גראַנאַך, וועלכער איז נאָך קיין 14 יאָר ניט אַלט געווען, איז געוואָרן סעקרעטאַר אין דעם בעקער־פאַראיין.

קודם־כל האָט דער נייער, יונגער סעקרעטאַר אָרגאַניזירט אַ שטרייק פון די בעקער־אַרבעטער. און ווען דער שטרייק האָט זיך ניט איינגעגעבן, האָבן די אָנפירער פון פאַראיין צוזאַמען מיטן סעקרעטאַר פאַרלוירן זייערע שטעלעס. קיין באַלעבאָס פון אַ בעקעריי האָט זיי ניט געוואָלט באַשעפטיקן. האָט דאָס ייִנגל שייקע אָנגעהויבן הונגערן, אויך ניט געהאַט ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. ער האָט גענעכטיקט ווו נאָר מעגלעך און גע־קליבן סקאָרינקעס אין די הייזער...

*

מיטן ייִדישן טעאַטער האָט אַלעקסאַנדער גראַנאַך זיך באַקענט אין לעמבערג. דאָרט, ביי גימפּלען אין טעאַטער, אויף דער גאַלעריי, האָט ער ווי אַ פאַרכישופטער נאָכגעפאָלגט גאָרדינס פּיעסן. עס איז דעמאָלט געווען די גאָרדין־צייט. דאָרט האָט ער געזען די אַמעריקאַנער אַקטיאָרן־געסט פיינמאַן, היימאַן, מייזעל, און די אָרטיקע גדולים שילינג, גוטמאַן, מעלצער, מאַדאַם ראָזענבערג.

„פון קינדווייז אָן האָב איך אויף זיך געקוקט ווי אַן אַקטיאָר״ — דערציילט גראַנאַך — „דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב געזען טעאַטער, איז געווען אין עלטער פון 9 יאָר, ווען צו אונדז אין שטעטל זענען געקומען שטריק־גייער און האָבן געגעבן אַ פאָרשטעלונג אין מיטן גאַס. איך האָב נאָך דעם דורכגעפירט די זעלבע פאָרשטעלונג ביי זיך אין דער היים גייענדיק איבער אַ שטריק, וואָס איך האָב אַוועקגעלייגט אויף

דער פּאָדלאָגע. איך האָב געוואָלט דורכמאַכן דעם זעלבן ציטער, וואָס זיי, די אמתע שטריק־גייער, האָבן דורכגעמאַכט. זינט דעמאָלט האָב איך שטענדיק אינערלעך געקוקט אויף זיך ווי אויף אַן אַקטיאָר. דער ייִדישער טעאַטער אין לעמבערג, די ייִדישע אַקטיאָרן האָבן אַט דעם ווונטש אין מיר אַרויסגערופן".

גראַנאַך איז געקומען צו גימפּלען בעטן ער זאָל אים אַריינגעמען אין טעאַטער, אָבער ער האָט אים געשיקט צוריק צו דער דייזשע. דאָס האָט אים אָבער ניט אַנטמוטיקט.

„פּאַרקערט, איך בין אים איצט זייער דאַנקבאַר" — זאָגט גראַנאַך — „ווייל ווען ער נעמט מיך אַריין, וואָלט איך איצט געווען סתּם אַן אַקטיאָר, אַן פאָרבאַרייטונג, אַן שולונג. איך וואָלט ניט געהאַט די געלעגנהייט צו פאָרן קיין דייטשלאַנד לערנען דעם טעאַטער־פאַך. איך וואָלט אפשר געווען אַ גוטער אַקטיאָר, אָבער אַ צופעליקער אַקטיאָר. פאַראַן אַ סך אַזעלכע שוישפּילער ביי אונדז ייִדן. אַ מאָל כאַפּט זיך ביי אונדז אַרויס אַ קעסלער, אַן אַדלער, אַ מאָגולעסקאָ, אַ קעני ליפּצין. אָבער זיי זיינען טאַלאַנטן, וועלכע וואָלטן אויך אין יעדער אַנדער שפּראַך געווען גרויס, ווי צום ביישפּיל, שילדקרויט. אָבער יונגע טאַלאַנטן ווערן ביי אונדז ניט אַנטוויקלט, און אַ סך, אַ סך גייען אונטער."

אין ריינהאַרדטס שולע איז גראַנאַך געווען דריי יאָר. אויפן דריטן יאָר האָט דער באַרימטער רעזשיסער אַנגאַזשירט אים מיט אַן אָפּמאַך אויף פינף יאָר. אין די יאָרן 1913—1914 האָט דער יונגער גראַנאַך, אָט ערשט אַרויס פון דער דראַמאַטישער שולע, שוין געשפּילט מיט די באַ־רימטע אַקטיאָרן האַל וועגענער, מאָיסי, שילדקרויט און אַנדערע. אין שטייגן העכער, העכער, איז אויסגעבראָכן דער ערשטער וועלטקריג, און אָט וואָס גראַנאַך דערציילט:

„פראַנץ יאָסל האָט מיך אויסגעכאַפּט מיטביידע הענט. מען האָט מיך אַוועקגעשיקט צום פראָנט. פאַרגעסן ריינהאַרדטן, פאַרגעסן ס׳טעאַ־טער — איך בין געוואָרן אַ פּשוטער סאָלדאַט."

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָט ער אָנגעהויבן שפּילן אין

אַ טעאַטער אין קאָלאָמיי. דאָרט, אין יענעם קליינעם שטעטל אין מיזרח גאַליציע, האָט ער געהאַט די שענסטע חברישע סביבה. דאָרט האָט ער געשפּילט מיט אַ גרופּע פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן געהאַט אַזאַ ריינעם גלויבן, וואָס ער ווינטשט זיך אַזוינס ווידער צו באַגעגענען אין זיין לעבן.

פון קאָלאָמיי איז גראַנאַך אַוועקגעפאָרן. געקומען קיין דייטשלאַנד און צוזאַמען מיט בעכער, פּיסקאַטאָר, טאָלער א. א. יונגע קינסטלער האָט ער געגרינדעט אַ נייעם טעאַטער, וואָס האָט געשפּילט אין מינכען קלאַסישע און מאָדערנע דראַמעס. און דאַן האָט מען אים איינגעלאַדן קיין בערלין.

„ענדלעך איז געקומען די פאַרווירקלעכונג פון מיין יוגנט־חלום. מען האָט מיך גערופן צום מלוכהשן טעאַטער, וואָס האָט אַמאָל געהערט צום קייזער ווילהעלעם, און נאָך דעם צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. ריינהאַרדט האָט מיך איינגעלאַדן און אויך באַרנאָווסקי, דער דירעקטאָר פון לעסינג־טעאַטער, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו אָטאָ בראַהמס.

מיין אויפטריט אין בערלין, אין יאָר 1921, איז געווען אין „פון איבּדערפרי ביז ביינאַכט". די זעלבע פּיעסע, וואָס איך האָב פאָרגעשטעלט פאַרן יידישן פּובליקום אין ניו־יאָרק, און וואָס איז ביי דער פּרעמיערע דורכגעפאַלן. דורכגעפאַלן מיין איך, איז דאָס פּובליקום, ניט די פאָרשטעלונג..."

און ווידער באַטאָנט גראַנאַך:

„שפּילנדיק אין בערלין די לעצטע צען יאָר אין כמעט אַלע ערשטע טעאַטערס, די בעסטע קלאַסישע און נייסטע שטיק, איז מיר תּמיד געלעגן דער לעמבערגער טעאַטער־דירעקטאָר, גימפּל, אין די ביינער. איך האָב שטענדיק געהאָפט אַ מאָל צו שפּילן פאַר די מענטשן צו וועלכע איך געהער און וועלכע זיינען מיינע. און ווייל איך וויים, אַז דער מענטש לעבט ניט לאַנג, האָב איך ניט געוואָלט קומען צום יידישן טעאַטער אַן אַלטער, אַן אויסגעשפּילטער.

עס איז ניט קיין שאָוויניסטיש געפיל ביי מיר צו שפּילן יידיש טעאַ־

טער, נאָר איך וויל זען און פילן, ווי מיין אייגענע ראַסע, מיין אייגן בלוט וועט מיך פאַרשטיין".

ווי גראַנאַך זאָגט, האָט ער זיך ניט וואָס צו באַקלאָגן. די פּרעסע און די אינטעליגענץ איז געווען גאַסטפריינדלעך צו אים. „נאָר די באַרירונג מיט דער פּ ע ר ט ע ר ו ו אַ נ ט, מיטן פּובליקום, מיט יענעם אומבאַקאַנטן, אומ־היימלעכן, ברוטאַלן און ליבן ריכטער — מיט זיי האָב איך זיך נאָך ניט באַקענט, און איך פאָר ניט אַוועק פון אַמעריקע, ביז זיי וועלן מיר ניט געבן אַ קלאָרע תשובה. איך וויל הערן פון זיי, דאָס פּובליקום: גראַנאַך, ביסט אונדזערער, בלייב ביי אונדז, עס וועט דיר זיין היימיש און וואַ־רעם. אָדער: גיי דיר צוריק צו די גויים, מיר ווילן מיט דיר ניט האָבן קיין שייכות.

— וואָס פאַר אַן ענטפער זיי זאָלן מיר ניט געבן, וועט מיין באַציִונג צו זיי, צו די ייִדישע מאַסן, זיך ניט ענדערן אויף אַ האָר, ווייל קיינער קאָן ניט אַרויסקריכן פון זיין הויט".

אָט אַזוי דערקלערט אַלעקסאַנדער גראַנאַך, וואָס עס האָט אים באַ־וויגן צו פאַרלאָזן די דייטשע בינע דעם סעזאָן און קומען צו אונדז קיין אַמעריקע.

1930

מאָריס מאָשקאָוויטש

אין איינעם פון די בראָדווייער טעאַטערס האָט מען געשפּילט אַ דראַ־מע מיטן נאָמען „יאָזעף זיס". די דראַמע איז געבויט אויף אַ היסטאָרישן ראָמאַן, וואָס דער ייִדיש־דייטשער שריפטשטעלער לעאָן פויכטוואַנגער האָט אָנגעשריבן. אין ייִדישן קונסט־טעאַטער איז די זעלבע דראַמע — הגם אַ היפּש ביסל אַנדערש — געשפּילט געוואָרן דעם סעזאָן אונטערן נאָמען „ייִד זיס".

דער העלד פון דער דראַמע איז אַ ייִד מיטן נאָמען זיס, וועלכער ווערט דער הויפּט־מיניסטער ביים קעניג פון איינער פון די אַמאָליקע דייטשע מלוכות. ער איז זייער אַ קלוגער, זייער אַן ענערגישער און אַמ־ביציעזער מענטש. און מיט זיינע גרויסע פעיִקייטן באַזיגט ער אַלע שטע־רונגען און ווערט דערהויבן צום העכסטן אַמט אין לאַנד. דער קעניג איז אַ פאַרדאָרבענער מענטש און דורך אים פאַרלירט זיס זיין איינציקע טאָכ־טער. דער סוף איז אַז דער מיניסטער נעמט נקמה אין זיין האַר און ביידע ווערן זיי אומגעבראַכט. דאָס איז אין קורצן דער אינהאַלט פון דער פּיעסע.

די ראָל פון דעם ייִדן אין דער פּיעסע שפּילט אַן אַקטיאָר מיטן נאָ־מען מאָריס מאָשקאָוויטש, און וועגן אים וויל איך דערציילן.

מיטן נאָמען פון מאָריס מאָשקאָוויטש זיינען פאַרבונדן די ערשטע שיינע קאַפּיטלען פון דעם ייִדישן טעאַטער אין אַמעריקע. ער איז גע־ווען איינער פון די גאָר ערשטע אַקטיאָרן, וועלכע זיינען אַהערצו געקומען מיט איבער פערציק יאָר צוריק, ווען אין אַמעריקע האָבן זיך קוים אָנגע־הויבן ווייזן די ערשטע שפּראָצן פון ייִדיש טעאַטער. ער, צוזאַמען מיט יעקב פּ. אַדלער, דוד קעסלער, זיגמונד מאָגולעסקאָ, קעני ליפּצין, באָריס

טאָמאַשעפסקי, בערטאַ קאַליש, לעאָן בלאַנק און נאָך אַ צענדליק גאָט־געבענטשטע קינסטלער זיינען געווען פון די ערשטע פּיאָנערן וואָס האָבן דאָ אין אַמעריקע געלייגט דעם ווינקלשטיין פון דעם שיינעם ייִדישן טעאַטער־בנין.

צוזאַמען מיט זיי זיינען דאָ אויפגעקומען דראַמאַטורגן, וועלכע האָבן פאַר זיי געשריבן גוטע פּיעסן, און וועלכע די אַקטיאָרן האָבן געקאָנט אַנט־וויקלען זייער טאַלאַנט. יעקב גאָרדין, לעאָן קאָברין, ז. ליבין און אַ ביסל שפּעטער, דוד פּינסקי, זיינען שטאַרק צונויפגעקניפּט מיט יענער פּרילינג־צייט פון דער ייִדישער בינע אין אַמעריקע.

כמעט אַ האַלבער יאָרהונדערט איז פאַרלאָפן זינט דעמאָלט. פון יענע גרויסע שוישפּילער זיינען בלויז עטלעכע נאָך מיט אונדז. פון אָט די עטלעכע איז באָריס טאָמאַשעפסקי פאַרוואָרפן ערגעץ אין ענגלאַנד אָדער אין פראַנקרייך ווו ער קאָן קוים זיך דורכשלאָגן זיין חיונה ביים דאָרטיקן אָרעמען ייִדישן טעאַטער. בערטאַ קאַליש האָט אַ צייט לאַנג געשפּילט אויף דער „גוייִשער" בינע אין ענגליש. איצט שפּילט זי אין גאַנצן ניט. מען זאָגט אַפילו אַז זי וועט דעם סעזאָן יאָ אָנהייבן שפּילן אין ייִדישן נעשאַ־נעל־טעאַטער אויף סעקאָנד עוועניו. פון זאָגן ביזווירקלעכקייט איז אָבער אָפט אַ ווייטער מהלך.

צוויי זיינען בלויז פאַרבליבן וועלכע שפּילן נאָך. דאָס זיינען לעאָן בלאַנק, וועלכער שפּילט איצט אין ייִדישע טעאַטערס אויף דער פּראָווינץ, און מאָריס שוואַרץ.

מיט אַ יאָר צוועלף צוריק איז מאָשקאָוויטש אַוועקגעפאָרן פון ניו־יאָרק שפּילן ייִדיש טעאַטער אין לאָנדאָן. דורך אַ צופאַל האָט אים דאָרט געזען שפּילן אַן ענגלישער טעאַטער־דירעקטאָר און ער האָט זיך אָנגע־זעצט אויפן ייִדישן אַקטיאָר אַז ער זאָל שפּילן שעקספּירס „שיילאָק" אין ענגליש. אים זיינען געקומען זען די גרעסטע קריטיקער פון ענגלאַנד. די אינטעליגענטסטע טעאַטער־ליבהאָבער, און דער ייִדישער אַקטיאָר איז זיי זייער געפעלן געוואָרן. מען האָט אים אַזוי געלויבט פאַר זיין פיינעם שפּילן אַז זיין נאָמען איז באַרימט געוואָרן איבער גאָר דער וועלט.

זינט דאַן האָט מאָשקאָוויטש געשפּילט כּמעט אומעטום, וווּ ענגליש ווערט נאָר גערעדט: אין דרום אַפריקע, אין ניו־זעלאַנד, אין קאַנאַדע. או־מעטום האָט ער אַלעמען באַצויבערט מיט זיין טאַלאַנט.

און איצט שפּילט ער אין ניו־יאָרק, אין דער שטאָט אין וועלכער ער איז מיט איבער פערציק יאָר צוריק געקומען און געהאָלפן בויען דעם ייִדישן טעאַטער. ער שפּילט אָבער אויף בראָדוויי, אין ענגליש. די ענג־לישע צייטונגען און דער אַמעריקאַנער עולם האָבן אים זייער פריינדלעך אויפגענומען. מען לויבט זייער זיין שפּילן. מען ווייזט אָן אַז ער איז אַ געשולטער קינסטלער, וועלכער באַזיצט אַ חוש פּאַר מאָס און שיינקייט. מאָשקאָוויטש קאָן צופרידן זיין מיט זיין דערפאָלג.

ווען איר זיצט אָבער אין טעאַטער און איר זעט אים שפּילן טוט אייך וויי דאָס האַרץ וואָס אַזאַ פיינער קינסטלער איז ניט מער אויף דער ייִדי־שער בינע. די ניט־ייִדישע קינסטלער לויבן זיין איינגעהאַלטנקייט. אויף דער ייִדישער בינע שטאַלצירט מען אָבער מיט טעמפּעראַמענט, מיט דראַמאַטישן פּאַרנעם. און אָט די אייגנשאַפטן האָט מאָשקאָוויטש אַרויס־געוויזן אין אַלע ראָלן, וואָס ער האָט געשפּילט ווען ער איז נאָך געווען אויף דער ייִדישער בינע...

יאַנואַר, 1930

חיים עהרענרייך

מאָריס שוואַרץ דערציילט וועגן זיין אָנהייב אַלס אַקטיאָר

קיין מענטש אויף דער וועלט קאָן ניט אַזוי שיין, אַזוי פּאַרכאַפּנדיק דערציילן אַ מעשׂה, וואָס איז פּאַרלאָפן אין לעבן, ווי אַ שוישפּילער. וואָרום אַ שוישפּילער דערציילט ניט קיין מעשׂה, ער לעבט זי דורך, ער שפּילט זי אָפּ פאַר אייך אַזוי ווי זי איז געשען. ער גיט זי אייך איבער מיט אַלע פאַרבן און שאַטירונגען, מיט אַלע קנייטשן און שטריכעלעך און דאָס וואָס ער דערציילט, לעבט פאַר אייך ממש, אָטעמט און ציטערט...

איך וועל עס פּרווון איבערגעבן מיט זיינע ווערטער, אויף וויפל איך געדענק זיי. זיין פּאַנטאָמימע, די אויסדרוקן פון זיין געזיכט, די באַוועגונגען פון זיינע הענט און פון יעדן אבר זיינעם וועט דער לייענער זיך מוזן פאָרשטעלן...

די געשיכטע האָט, ווי מאָריס שוואַרץ דערציילט, פּאַסירט אינעם יאָר 1910:

„מיר זיינען דאַן געווען אַ חברה יונגע בחורים, ליידיקגייערס, וואָס האָבן געלעבט און געאָטעמט מיט איין ווונטש, מיט דעם איינציקן טרוים — זיין אַקטיאָרן און שפּילן טעאַטער. אונדזער מקום־מנוחה איז געווען אין אַ ייִדישן „סאַלון" אויף ברום סטריט. הונגעריקע און אַנטמוטיקטע פלעגן מיר דאָרט פאַרברענגען נעכט און טעג, אויסלייַען איינער ביים אַנדערן ציגאַרעטלעך, אָפּשפּילן איינער דעם אַנדערן ייִנגלשע שפּיצלעך, ווילדע שטיקעס, און — שטאַרבן פאַר הונגער דריי מאָל אַ טאָג מיט צו־בייסן.

געווען זיינען צווישן אונדז דווקא באַלעבאַטישע קינדער, זין פון פיינע טאַטע־מאַמע. נאָר טאַקע דערפאַר וואָס מיר זיינען געווען בנאָקלעך און

זין פון פיינע טאַטע־מאַמע, האָבן מיר זיך געשעמט מיט אונדזער פּוסט־און־פּאַסעוועץ און באַהאַלטן אונדזער הונגער און אונדזער האַרצווייטיק אין יענעם אַלט־מאָדישן „סאַלון”.

מאָריס שוואַרץ

נייטן גאָלדבערג, יוסף שוואַרצבערג — דער סופליאָר אין קונסט־טעאַטער, און אַ סך אַנדערע וועלכע זיינען נאָך קיין אַקטיאָרן ניט געוואָרן, זיינען געווען גוטע־ברידער פון יענער חברה „אַקטיאָרשטיקעס” אונדזערע.

האָבן מיר אַזוי לאַנג געהונגערט און גערויכערט פרעמדע ציגאַרעט־לעך ביז איין שיינעם נאָכמיטאָג האָבן מיר זיך אָנגעטאָן אין די שענסטע בגדים און זיך אַוועקגעלאָזט קיין ברידזשפּאָרט שפּילן טעאַטער. קיין פּיע־סע האָבן מיר ניט געהאַט, קיין טעאַטער קאָסטיומען, קיין גרים — גאָר־ניט. צוועלף בחורים, געזונטע, אויסגעהונגערטע, האָבן מיר זיך אַראָפּגע־לאָזט אויף דער אומגליקלעכער שטאָט ברידזשפּאָרט, דאָרט שפּילן טעאַ־טער.

פאַר וואָס עפּעס דווקא קיין ברידזשפּאָרט? געדענק איך אַליין ניט. אפשר דערפאַר, ווייל די רייזע אַהין איז געווען ביליק — און אפשר ווייל ייִדן זיינען דאָרט דאָ אַ היפּש ביסל. וואָס די סיבה זאָל ניט האָבן געווען, מיר האָבן זיך אַ לאָז־געטאָן אויף ברידזשפּאָרט.

געקומען קיין ברידזשפּאָרט, זיינען מיר פאַרפאָרן אין דעם ערשטן בעסטן ייִדישן האָטעל — אַן אַכסניה — און גלייך מודיע געווען, אַז מיר זיינען אַקטיאָרן. אַ ק ט י אָ ר ן! — האָט זיך דער בעל־אַכסניה שיִער ניט דערפרייט מיט אונדז און אַ פרעג געטאָן וויפל צימערן מיר ווילן.

צימערן גאָר! — האָבן מיר זיך איינגעהאַלטן ניט צו לאַכן, און אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַזוי ווי מיר דאַרפן שטודירן די פּיעסע, האָבן מיר אַ סך פּראָבן, ווילן מיר איין גרויסן צימער פאַר אונדז אַלעמען. גע־וואָלט האָבן מיר איין צימער, ווייל מיר האָבן זיך געפילט מוטיקער אין איינעם און געוואָלט האַלטן אַן אויג איינער אויפן אַנדערן.

זיך באַזעצט אין האָטעל, האָבן מיר אָנגעהויבן עסן. שטעלט זיך פאָר וויפל צוועלף געזונטע יונגע בחורעצעס מיט, קיין עין הרע, קרעפטיקע אַפּעטיטן און נאָך קרעפטיקערע ציינער, וואָס האָבן קיין מאָל קיין צווענגל פון אַ דענטיסט אויף זיך ניט געפילט, קאָנען אין איין טאָג אַריינבראָקן!... מיר האָבן געגעסן אָן אויפהער און פאַרטרונקען מיט אַלץ וואָס האָט נאָר געהאַט אַ טעם פון מילך, וויין, טיי אָדער — אין ערגסטן פאַל — ריין וואַסער.

דערביי זיינען מיר יעדן טאָג כלומרשט געגאַנגען זוכן איבער דער

שטאָט אַ טעאַטער מיט אַ בינע וווּ צו שפּילן, און בשום אופן, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט געפינען...

בקיצור, דער בעל־אַכסניה האָט ענדלעך ביי אונדז אָנעהויבן בעטן: קינדערלעך, פאַראַן דאָך נאָך יידן מיט האָטעלן אין ברידזשפּאָרט...

האָבן מיר זיך געמאַכט ניט־וויסנדיק און ווייטער געגעסן. איז שוין דער ייד געוואָרן אין כעס:

— איר עסט דאָך מיר אויף מיין האָטעל! גזלנים, ציט זיך אַרויס! איך האָב שוין קיין כוח ניט. איר האָט דאָך שטיינער, ניט קיין הערצער. איר האָט מילן ניט קיין מאָגנס, טראָגט זיך אָפּ צו אַלדי־גוטע־יאָר!...

זעענדיק אַז עס העלפט אָבער ניט, האָט ער אויפגעהערט געבן עסן. האָבן מיר אַליין גענומען. האָט ער אָנגעהויבן פאַרשליסן און באַהאַלטן. פלעגן מיר אויפשטיין פאַר טאָג, אָפּוואַרטן דעם מילך־מאַן און דעם בע־קער און דעם קצב און צונעמען ביד חזקה — קאָנפיסקירן הייסט עס — כל טוב. היינטערן האָטעל פלעגן מיר מאַכן אַ פייער און קאָכן, פרעגלען און עסן.

ווען דער חוצפהדיקער בעל־אַכסניה האָט אָבער אָנגעהויבן סטראַשען מיט פּאָליציי און מיט קלעפּ, האָבן מיר איינגעזען, אַז ער פאַרשטייט ניט קיין וויץ און מיר האָבן זיך אַריבערגעקליבן צו אַ פּרוכט־הענדלער, וועלכן מיר האָבן צוגעזאָגט פרייע „פּעסעס" פאַר אים און זיין גאַנצער פאַמיליע צו אונדז אין טעאַטער אַריין.

גלייכצייטיק האָבן מיר אויך אויפגעזוכט אַ זאַל מיט אַ בינע און האָבן אָנגעהויבן אַנאָנסירן די פּיעסע, „דער בעסטיאַלער קאָדעטניק". קיין פּיעסע האָבן מיר ניט געהאַט; קיין קאָסטיומען אויך ניט. מיר האָבן צווישן זיך איינגעטיילט, אַז דער זאָל זיין די יונגע מיידל, דער — דער געליב־טער, דער — דער שרעקלעכער קאָדעט — יעדן איינעם אַ ראָל לויטן גוסט פון די דעמאָלטיקע שטיק.

מיר האָט מען צוגעטיילט די ראָלע פון אומגליקלעכן טאַטן פון דער פאַרפירטער מיידל. האָב איך ערגעץ געקראָגן אַ ביסל פלאַקס מיט אַ ביסל קלעפּעכטס און זיך צוגעקלעפּט אַ באָרד, בין איך אַרויס אַ טאַטע מיט אַ

גרוי־בלאָנדער באָרד און שוואַרצע האָר אויפן קאָפּ... די טאָכטער מיינע האָט אויף זיך אָנגעטאָן אַ קליידל, וואָס האָט קוים דערגרייכט ביז די קני און האָט ניט געקאָנט פאַרדעקן אירע צעקנייטשטע הויזן...

נו, איז דאָס געווען אַ פאָרשטעלונג! גערעדט האָבן מיר פאַר פייער און פאַר וואַסער און געשאַפן אַ פּיעסע שפּילנדיק... דער עולם — און עס איז געקומען אַ היפּשער עולם — האָט ענדלעך פאַרלוירן די געדולד און זיך אַ לאָז געטאָן אויף דער בינע... גליקלעכערווייז האָט די בינע געהאָט טירן און פענצטער צום הויף צו... פון דעסטוועגן זיינען עטלעכע פון אונדז געקומען אַהיים צום פּרוכט־הענדלער מיט אונטערגעשלאָגענע אויגן און צעריסענע בגדים. אַמערגסטן האָט נעבעך אָפּגעשניטן מיין „טאָכטער". דאַכט זיך אַז שוואַרצבערג האָט געשפּילט די ראָל. איבער דער נאַרישער קלייד האָט „זי" לויפן ניט געקאָנט, און דער צעווילדעוועטער עולם האָט צו איר אויסגעלאָזן דעם גאַנצן געגרעכטן צאָרן.

שטאַרק געגומען זיך צום האַרצן האָבן מיר אונדזער דורכפאַל ניט. דער גוטער פּרוכט־הענדלער האָט געהאַלטן די פּרוכט אין אַ פאַרדעקטן וואָגן און קיין שוועריקייטן צוצוקומען צו די עפּל און באַרן האָבן מיר ניט געהאַט...

ביטער איז געוואָרן ווען די פּרוכט איז אויסגעגאַנגען. דער הונגער האָט אונדז אָנגעהויבן פּייניקן מיט אַזאַ אכזריות, אַז מיר זיינען פאַרחלשטע געלעגן אין צימער און בלויז געבענקט נאָך אַ שטיקל ברויט. עס איז ניט געווען קיין כּוח זיך צו רירן פון אָרט. עס איז ניט געווען קיין חשק זיך צו עמעצן צו ווענדן. בלויז אַקטיאָרן, וואָס האָבן דורכגעמאַכט דעם גיהנום פון זיין פאַרוואָרפן ערגעץ אין דער פרעמד אָן הילפס־מיטלען, וועלן קאָ־נען פאַרשטיין וואָס מיר האָבן דאַן דורכגעלעבט.

עס איז געווען אין אַ דאָנערשטיק. איך און אַפּעלמאַן — איינער פון דער „טרופּע" — זיינען געזעסן לעבן הויז. עס איז פאַרבייגעפאָרן די צירק־טרופּע פון רינגלינג בראָדערס. האַלב ברידזשפּאָרט איז נאָכגעגאַנגען דעם פּאַראַד, זיינען מיר אויך אַוועק. קוים וואָס מיר האָבן געשלעפּט

די פּיס. מיר זיינען אָבער אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם אַלגעמיינעם ענטוזיאַזם, אַז מיר זיינען געגאַנגען ניט פילנדיק אונדזער שוואַכקייט.

איך בין געגאַנגען און מיט דער לינקער האַנט געהיט די אונטערשטע קעשענע פון מיין וועסטל. ניט חלילה ווייל איך האָב מורא געהאַט פאַר דער האַרץ־קראַנקייט. איך האָב דווקא געהאַט אַ האַרץ וואָס האָט זיך אויסגעלאַכט פון הונגער און צרות. געהיט האָב איך מיין וועסטל ווייל אין איר איז געווען איינגענייט אַ פּאַפּירענער דאָלאַר. קיין בן־אָדם האָט פון דעם דאָלאַר ניט געוווּסט. ווען די בחורים ווייסן אַז אין מיין וועסטל ליגט איינגענייט אַ דאָלאַר, וואָלט מיין לעבן קיין צעבראָכענע פּעני ניט ווערט געווען. זיי וואָלטן מיך אויפגעגעסן מיטן דאָלאַר.

האָב איך זיך געשלעפּט נאָך דער מאַסע מענטשן און געציטערט, טאָמער וועט אַ גנב מיך באַזוכן מיט זיינע פלינקע פינגער.

ענדלעך האָט דער צירק זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ברייטן פעלד הינטער ברידזשפּאָרט, און גאַנס דרויסן האָט אויפגעלעבט מיט קאַרוסעלן און העלפאַנדן און קלאָונס און הייסע וווּרשטלעך.

ניין, איך האָב געשווירן, אַז איך וועל דעם דאָלאַר ניט רירן. איך וועל בעסער אויסגיין פון הונגער און דעם דאָלאַר ניט אַרויסשלעפּן. ער איז געווען מיין איינציקע האָפענונג צוריקצוקומען אַהיים, קיין ניו־יאָרק צו אייגענע. ניין, דעם דאָלאַר וועל איך ניט רירן... ער איז אויף רייזע־הוצאות...

טויטע זיינען מיר געשטאַנען... רעכטס איז געשטאַנען אַ פעטער גרעק מיט אַ רולעט־טישל און מענטשן האָבן געשפּילט. אַ מאַן איז צוגעגאַנגען, אַרויפגעלייגט אַ קוואָדער (25 סענט) אויפן ברעטל. דאָס רעדל האָט זיך אַ דריי־געטאָן, און — ער האָט גענומען דריי דאָלאַר. נאָך אים איז צוגעגאַנגען אַ צווייטער פאַרשוין, אַרויפגעלייגט אַ קוואָדער און — געוווּנען דריי דאָלאַר!

דריי דאָלאַר! אַלע צוועלף וואָלטן מיר דאָך געקאָנט צוויי מאָלציַיטן עסן! דריי דאָלאַר! און דאָ זע איך ווי אַ דריטער גוי געווינט מיט איין קוואָדער אַ דרייערל.

— אַפּעלמאַן, האָב איך קוים אַרויסגעשעפּטשעט — איך וועל איינ־שטעלן אַ קוואָדער...

— האָסט אַ קוואָדער?! — האָט ער אויף מיר אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, אַזוי ווי ער וואָלט געהערט, אַז משיח איז שוין אין בראַנזוויל.

— איך האָב אַ דאָלאַר, איינגענייט אין קעשענע. כ'האָב צוגעזאָגט דער מאַמען אַז איך וועל אים בלויז נוצן אויף צו פאָרן ווו נייטיק איז. איך קאָן אָבער ניט, איך שטאַרב עסן, — האָב איך פיבעריש גערעדט און דער ריח פון די פרישע ווורשטלעך האָט מיר געמישט די געדאַנקען.

— גוט, שטעל איין. — איז ער מסכים געווען מיט טויט־בלאַסע ליפּן.

כ'האָב אויסגעביטן דעם דאָלאַר אויף קוואָדערס, און מיט אַ טויטער האַנט אַרויפגעלייגט אַ קוואָדער אויפן ברעטל, דאָס ברעטל האָט זיך אַ דריי־געטאָן, און —

עס האָט גערויערט בלויז אַ סעקונדע. יענע סעקונדע וועל איך אָבער ניט פאַרגעסן מיין גאַנץ לעבן. באַשרייבן יענע סעקונדע איז ניט אין מיינע כוחות. איינשטיין איז גערעכט, אַ סעקונדע קאָן זיין אַן אייביקייט...

ווען דאָס רעדל האָט זיך אָפּגעשטעלט האָט דער גרעק צוגענומען דעם קוואָדער... „פאַרשפּילט!"...

— קום אַוועק, מערדער! לאָמיר קויפן אַ הייס ווורשטל! — האָט אַפּעלמאַן זיך געבעטן מיט די לעצטע כוחות.

אַ נייער חברהמאַן איז צוגעגאַנגען צום רולעט און מיט איין קוואָדער געוווּנען אַ דריי־ערל... ווער זאָל געווען וויסן, אַז די שדים זיינען געווען אונטערגעשטעלט אויף צו פאַרנאַרן קליינשטעטלדיקע יאָלדן?!

פאַרשטייט איר דאָך שוין אַז איך האָב איינגעשטעלט נאָך אַ קוואָ־דער און פאַרלוירן...

איך האָב פאַרלוירן דעם גאַנצן דאָלאַר.

ווי מיר האָבן זיך דערשלעפּט צוריק צו דעם פּרוכט־הענדלער אויפן קוואַרטיר, געדענק איך ניט. איך האָב זיך אויפן וועג געריסן די האָר פון קאָפּ, געיאָמערט פון הונגער, פון פאַרדראָס, פון ביטערער חרטה. כדי מיך

צו טרייסטן האָט אַפּעלמאַן אַ שבועה געגעבן קיינעם פון דער טראַגעדיע מיטן דאָלאַר ניט אויסזאָגן.

ווי צוויי אבלים זיינען מיר אַריינגעקומען אין שטוב. קוים מיט צרות האָבן מיר די טיר פון אונדזער צימער געעפנט און — אויסגעזעצט לעבן טיש זיינען געווען די צען קאָלעגן אונדזערע און זייערע פּנימער האָבן געלויכטן. אויפן טיש איז געשטאַנען פון כּל טוב — הערינג, ציבעלע, ברויט, טיי, מיר ביידע האָבן געגעסן און ניט אויפגעהערט וויינען. און די חברים אונדזערע האָבן געמיינט, אַז מיר וויינען פון פרייד וואָס מיר האָבן שוין וואָס צו עסן...

ווי״לט איר דאָך וויסן ווו זיי האָבן דעם כּל טוב גענומען? — אָט דאָס האָבן מיר זיי ענדלעך געפרעגט.

ביים אָרעמען פּרוכט־הענדלער האָבן זיי אין זייער גרויסער פאַר־צווייפלונג דעם טלית און תּפילין געגנבעט און פאַרזעצט...

אויף מאָרגן פאַר טאָג האָבן מיר זיך פון הויז אַרויסגעגנבעט און האָבן די באַן קיין ניו־יאָרק גענומען. אונדז איז געלונגען איבערצוריידן אַ ייִדישן לאַנדרימאַן פון ברידזשפּאָרט, אַז ער זאָל ווערן אונדזער פאַרוואַלטער אין ברוקלין.

מיר האָבן טאַקע איין נאַכט אָפּגעשפּילט אין דעם סינגרע־זאַל אין בראַנזוויל. די הכנסה איז אָבער געווען אַזאַ, אַז דער לאַנדרימאַן האָט אונדז מוחל געווען די רייזע־הוצאות וואָס ער האָט פאַר אונדז אויסגעלייגט און איז אַנטלאָפן!

דאָס אַלץ איז מיר געקומען אויפן זינען, ריידנדיק וועגן דער אַמאָ־ליקער פּראָווינץ. אויס גערעכטיקייט צו מיינע קאָלעגן מוז איך צוגעבן, אַז זיי האָבן דעם פּרוכט־הענדלער צוגעשיקט דאָס קוויטל פון לאָמבאַרד און דאָס געלט אויף אויסצולייזן דעם טלית און תּפילין״.

אַזוי האָט דערציילט מאָריס שוואַרץ...

מערץ, 1933

חיים עהרענרייך

ראובן גוסקין

א

דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב ראובן גוסקינען געטראָפן איז געווען בערך מיט אַ יאָר 3 צוריק. עמעצער האָט מיר אָנגעוויזן: דאָרט איז גוסקין. האָב איך זיך ניט געשעמט און געבעטן ביי אים אַ „פּעס" אין טעאַטער.

„רופט מיך אָפּ אין אָפיס, וועל איך אייך זאָגן צי איך האָב די טיקעטס פאַר אייך", האָט ער זייער פריינדלעך געענטפערט.

אַ ביסל שפּעטער האָב איך זיך געטראָפן מיט יחיאל גאָלדשמיט, דער איינציקער יידישער אַקטיאָר, מיט וועלכן איך האָב זיך דאַן געקענט פערזענלעך. איך האָב אים דערציילט, אַז גוסקין וועט מיר אפשר געבן אַ „פּעס" אין טעאַטער.

„וואָס עפּעס „אפשר" ?" — האָט גאָלדשמיט אויסגעשטעלט אויף מיר זיינע גרויסע אויגן, — „אַז גוסקין זאָגט „אפשר" מיינט דאָס אַז ער איז ניט זיכער, מסתמא אַן ערן־אָוונט אין יענעם טעאַטער".

גאָלדשמיט האָט געטראָפן. אין יענעם טעאַטער האָט מען יענעם אָוונט טאַקע געשפּילט אַן ערן־פאָרשטעלונג. האָט גוסקין ניט געוואָלט צוזאָגן אַז ער וועט די טיקעטס קריגן. שפּעטער האָב איך אויסגעפונען אַז ער האָט פאַר די טיקעטס באַצאָלט — ער בעט גיין ביים אַקטיאָר צונעמען צוויי פרייע טיקעטס?

איַי דער טעאַטער איז געווען ליידיק? איַי, עס וואָלט אַפילו קיין גרויסער אומגליק ניט געווען ווען דער יונגער צייטונגס־שרייבער קריגט ניט קיין „פּעס" ? — גוסקין אָבער מיינט, אַז אַ שרייבער דאַרף יאָ גיין אין טעאַטער, און זאָל אַן אַקטיאָר פאַרקויפן נאָך צוויי טיקעטס. און כדי

צו פאַרדינען אַ „דאָבל" מיצווה, קויפט ער טאָקע אַליין די טיקעטס און אַלע האָבן הנאה.

מיין צווייטע באַגעגעניש מיט גוסקינען איז געווען מיט אַן ערך אַ האַלב יאָר שפּעטער. עס איז געשטאָרבן אַ יונגע יידישע אַקטריסע, אַן אומגליק האָט פּאַסירט און זי איז דערהרגעט געוואָרן. דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" האָט מיך באַשטימט צו „קאָווערן" די לוויה וואָס איז אַראַנזשירט געוואָרן פון דער אַקטיאָרן־יוניאָן.

די לוויה איז דורכגעפירט געוואָרן אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר דער אַקטיאָרן־יוניאָן. צענדליקער „קערידזשעס", צענדליקער בוקעטן בלומען, טויזנטער — אויפן טעאַטער־לשון צענדליקער טויזנטער — מענטשן אויף די סיידוואָקס. איינעווייניק, אין אַקטיאָרן־קלוב אַ טרויעריק־פייערלעכע שטימונג. אויף דער אין שוואַרצן דראַפּירטער בינע איז געשטאַנען דער שוואַרצער אָרון. די שוישפּילער טרויעריקע, אומעטיקע, מיט פוסטקייט אין די אויגן — אָט דאָס איז דער סוף, טראָץ אַלע רעקלאַמעס, טראָץ אַלע עלעקטרישע לעמפּלעך, טראָץ אַלע גוטע קריטיקן.

פּאַרסאָפּעט בין איך צוגעלאָפן צו גוסקינען און אים געבעטן מיר געבן די נעמען פון די „גדולים", דעם נאָמען פון חזן, אַלע בייטיקע „פּאָינטערס" וואָס אַ רעפּאָרטער מוז האָבן אויב ער וויל אָנהאַלטן זיין חן אין די אויגן פון דעם רעדאַקטאָר. גוסקין איז געווען פאַרהאַוועט. עס איז אים, קענטיק, געגאַנגען אין לעבן, אַז די לוויה זאָל צוגיין וואָס פייערלעכער, וואָס אימפּאָזאַנטער. זאָלן די אומגליקלעכע עלטערן כאָטש האָבן אַ שטיקל „טרייסט" אין דער שיינקייט פון דעם פּאַראַד. פון דעסטוועגן האָט ער זיך אָפּגעריסן פון דעם עולם און מיר גענומען אויסרעכענען די נעמען פון די „גדולים".

ווען ער האָט געענדיקט, האָב איך ביי זיך געהאַט פאַרשריבן פינף בויגנס פּאַפּיר, גאַנצע צוויי הונדערט מיט פופציק נעמען. אַזוי פיל מעמבערס האָט די אַקטיאָרן יוניאָן דאַן פאַרמאָגט. גוסקין האָט זיי אַלעמען אַריינגעגעבן אין צעטל פון די „גדולים"...

עס זיינען אַוועק אַ פּאָר יאָר, איך האָב זיך נעענטער באַקענט מיטן

לעבן פון די ייִדישע שוישפּילער, מיט דער אַרבעט פון זייער ענערגישן מענעדזשער ראובן גוסקין. ניט איין שלאָפלאָזע נאַכט איז מיר אויסגעקו־מען צו פאַרברענגען ביי אַ מיטינג פון דער אַקטיאָרן־יוניאָן, אָדער ביי אַ „שאָפּ־מיטינג" פון אַ טעאַטער־טרופּע.

מיר האָט זיך גו איינגקעריצט אין זכרון יענע נאַכט, ווען דער ייִדי־שער קונסט־טעאַטער, וועלכער האָט זיך געפונען אין דעם נאָרא בעיז טעאַטער, איז געשטאַנען אין געפאַר אונטערצוגיין.

איך האָב אָפּגעמאַכט מיט גוסקינען זיך צו טרעפן מיט אים אײדער ער וועט פאָרן אין טעאַטער. ער האָט געדאַרפט קומען אַהין, געבן דאָס „וואָרט" די אַקטיאָרן אין פאַל זיי וועלן ניט באַקומען זייערע וויידזשעס. דער טעאַטער איז זיי שולדיק געווען היפּשע עטלעכע וואָכן שׂכירות.

„ווען איך קאָן איצטער אויסמיידן דעם אומגליק, וואָלט איך אַ יאָר פון מיין לעבן אַוועקגעשענקט"", האָט גוסקין, פאָרנדיק צום טעאַטער, באַמערקט.

עס איז געווען אַ געזונטער ניו־יאָרקער ווינטער־אָוונט. בראָדוויי האָט געפינקלט און גערוישט מיט טויזנטער לעמפּלעך און עלעקטרישע שילדן. און דאָך האָט זיך געדאַכט, אַז מיר פאָרן צו אַ לוויה, צו דעם אונטערגאַנג פון דעם שענסטן ייִדישן טעאַטער אין אַמעריקע. די טעאַטער־פרייד פון „ווייסן וועג" האָט בלויז שווערער געמאַכט די געמיטער.

נאָכן ערשטן אַקט האָבן די שוישפּילער זייערע שכירות ניט גע־קראָגן און גוסקין איז אַריין צו מאָריס שוואַרצן אין גאַרדעראָבע. אַן אויס־געמאַטערטער איז שוואַרץ געזעסן ביים באַלויכטענעם שפּיגל און זיך „גע־פּיקסט" דעם גרים.ביידע זיינען געבליבן שטיל, קוקנדיק איינער דעם צווייטן מיט שרעק אין די אויגן. אין צימערל איז געווען שווער און פּיינ־לעך.

„שוואַרץ, איר וועט ניט קאָנען אויפהייבן דעם פאָרהאַנג, אויב איר וועט די שוישפּילער ניט באַצאָלן", האָט גוסקין אים שטיל געזאָגט.

אַזוי איז געווען דער באַשלוס פון לעצטן מיטינג.

שוואַרץ האָט אַפּעלירט, דערקלערט אַז ער וועט מאָרגן האָבן געלט.

דרויסן, אויף יענער זייט בינע, זיצט דאָך אָן עולם אין טעאַטער. זיי וואַרטן אויפן צווייטן אַקט. עס וועט דאָך זיין אַ סקאַנדאַל אויב מען וועט זיי ניט באַצאָלן. דער דירעקטאָר האָט גערעדט, איינגעטענהט, דערמאָנט וואָס אַזאַ אַקט וועט מיינען פאַרן קונסט־טעאַטער, דער טעאַטער וועט דאָך קיין תּחית המתים ניט קאָנען אויפשטיין. און ריידנדיק האָט שוואַרץ יעדע ווילע צוגעגעבן: „איר גוסקין, ווייסט דאָך דעם אמת, איר ווייסט דאָך".

גוסקין האָט טאַקע געוווּסט, אַז אין „באַקס־אָפיס" האָט געפּוסטעוועט... ער האָט אָבער אויך געוווּסט, אַז די אַקטיאָרן האָבן שוין ניט מיט וואָס צו צאָלן דירה־געלט. שטיל, דאַכט זיך רויִק, נאָר מיט זייער אַ בלאַסן גע־זיכט האָט ער שוואַרצן ווידער דערקלערט, אַז אויב די אַקטיאָרן קריגן ניט כאָטש איין וואָך „ווייִדזשעס", קאָן מען גלייך אַנאָנסירן פון דער בינע אַז די פאָרשטעלונג וועט ווייטער ניט אָנגיין.

אַ שליח איז גלייך אַוועקגעשיקט געוואָרן צו שוואַרצס שוואָגער מיט אַ צעטל פון שוואַרצן אַז ער מוז שיקן געלט. דערווייל האָט מען גע־שפּילט דעם צווייטן אַקט. דער דריטער אַקט האָט זיך געוועגדט אָן דעם שוואָגערס ענטפער, צי ער וועט שיקן דאָס געלט.

ווען דער עולם אין טעאַטער וואָלט געוווּסט מיט וואָס פאַר אַ הערצער די שוישפּילער האָבן יענע נאַכט געשפּילט דעם צווייטן אַקט, ווען זיי ווייסן וואָס פאַר אַ דראַמע עס האָט זיך געשפּילט הינטער די קוליסן, וואָלטן זיי אפשר גאָר אַנדערש רעאַגירט אויף יענער פאָרשטעלונג. זיי וואָלטן, בין איך זיכער, טאָפּלט באַצאָלט פאַר יענער פאַרבאָרגענער דראַמאַטישער הינטער־דער־בינע פאָרשטעלונג.

גליקלעכערווייז איז דאָס געלט אָנגעקומען און די אַקטיאָרן האָבן גע־שפּילט דעם דריטן אַקט.

וואַרשיינלעך האָט מאָריס שוואַרץ באַטראַכט גוסקינען ווי אַן אמתן „צורר" יענע נאַכט, ווי אַ מענטש אָן אַ האַרץ. ער האָט אָבער מיט צוויי שעה שפּעטער געדאַרפט זיין אין אַקטיאָרן קלוב. דריי פאַר טאָג האָבן זיך פאַרזאַמלט דאָרט די שוישפּילער פון זיין טרופּע. זיי האָבן געדאַרפט באַ־שליסן צי זיי ווילן ווייטער שפּילן צי ניט. אייניקע זיינען געווען מיט דער

מייַנונג, אַז מען זאָל דעם טעאַטער שליסן — שוואַרץ האָט ניט קיין אַמ־ביציע מער, ער איז ניט ערנסט, ער וועט נאָך בלייבן די אַקטיאָרן שולדיק געלט. און דער זעלבער גוסקין, וועלכער האָט מיט עטלעכע שעה פריִער געפאָדערט ביי שוואַרצן כאַטש אַ וואָך „ווייַדזשעס" פאַר די אַקטיאָרן, האָט איצט געקעמפט קעגן די יעניקע, וועלכע האָבן געוואָלט שליסן דעם טעאַטער.

ער האָט געקעמפט און געוווּנען. די אַקטיאָרן האָבן ווייטער געשפּילט, און דער קונסט־טעאַטער האָט ווייטער אויפגעפירט זיינע פאָרשטעלונגען.

נאָך דעם מיטינג, נאָך פינף פאַר טאָג, גייענדיק איבער דער גרוילעך־פוסטער סעקאָנד עוועניו, האָט גוסקין צו מיר אַ זאָג־געטאָן: „ערשט איצט פאַרשטיי איך ווי אַזוי פיינע, באַלעבאַטישע מענטשן שיכּורן זיך פלוצעם אָן".

„זיי זיינען טויט מיד", האָב איך פּרובירט פאַרזעצן זיינע געדאַנקען.

„ביין, זיי האָבן ניט גענוג האַרצווייטיק, ווען זיי האָבן יאָ, וואָלט זיי אין קאָפּ ניט געלעגן אַזאַ נאַרישקייט".

אָט אַזוי האָב איך זיך באַקענט מיט גוסקינען.

ב

איך ווייס ניט פון קיין אַנדערן געזעלשאַפטלעכן מענטשן אין יידישן לעבן, וועלכער האָט אַזוי אָפט „אָנגענומען די פּרעסע ביי דער באָרד", אָדער „אָנגעכאַפּט דעם לייב ביים וויידל" און איז אַרויס מיט גאַנצע ביי־נער ווי ר' גוסקין, וועמענס יובל מיר פייערן איצט. אַן אַנדערער וואָלט געוואָרן צעריסן מיט אַלע שרייבער, וואָלט געוואָרן טרייף אין אַלע רעדאַק־ציעס. אַן אַנדערער, אָבער ניט גוסקין.

ער פאַרמאָגט די זעלטענע מעלה צו קאָנען זאָגן מענטשן און, וואָס עס איז נאָך שווערער, אינסטיטוציעס, וואָס ער דענקט וועגן זיי און דאָך זיי ניט אַנטאַגאָניזירן. דאָס קאָן טיילווייז דערקלערט ווערן דערמיט וואָס גוסקין פאַרמאָגט ניט אַן אַנדערע „מעלה" — ער וועט ניט און קאָן ניט באַריידן מענטשן הינטער זייערע אויגן. ער איז ניט קיין צוויי־פּנימדיקער.

געוועזן פאַלן — און אָפטע פאַלן — ווען גוסקין האָט שאַרף און ביי־טער אַטאַקירט שרייבער ביי די אָפענע מיטינגען פון דער אַקטיאָרן יוניאָן. ער וואָלט דאָס, אָבער, געטאָן אויך דאַן ווען די נוגעי בדבר וואָלטן אַליין אַנוועזנד געוועזן ביי יענע מיטינגען. ס'איז אַ פאַקט, אַז אָפט האָט ער אַ מענטשן געלאָזט וויסן פאָרויס, אַז ער וועט אים נעמען אויפן צימבל ביי אַ מיטינג, כּדי צו געבן יענעם אַ מעגלעכקייט צו קומען און הערן און ניט באַקומען „צעדרייטע ידיעות".

גוסקין האָט נאָך קיין מאָל ניט געחנפעט זיך צו קיין שרייבער. ער האָט אויך, מוז איך צוגעבן, ניט געהאַנדלט גראָב און אומהעפלעך צו אַ פאָרשטייער פון דער פּרעסע. ער איז מיט זשורנאַליסטן קאָרעקט, פריינד־לעך און אויפריכטיק. דאָס איז זייער וויכטיק. ביי אַ זשורנאַליסט אַרבעט זיך אויס אין משך פון די פּראָפעסיאָנעלע יאָרן זיינער אַ חוש פאַר אויפ־ריכטיקייט, ערלעכקייט און אמת. און גוסקין — צי אויס קלוגער אויס־גערעכנטקייט, צי ווייל אַזוי איז זיין כאַראַקטער — איז אַלע מאָל אויפ־ריכטיק און ערלעך מיט פאָרשטייער פון דער פּרעסע.

אין דעם, וואַרשיינלעך, ליגט דער גרויסער סוד פון די גוטע, איך וואָלט געזאָגט קאָלעגיאַלע, באַציונגען וואָס עקסיסטירן צווישן אים און די שרייבער, וועלכע קומען מיט אים אין באַרירונג. זיי ווייסן, אַז גוסקין וועט זיי ניט פאַרפירן, וועט זיי ניט פאַרקויפן „אַ קאַץ אין זאַק"...

גוסקין קאָן „געבן". ער קאָן אויך „נעמען". ער וועט אָפט ביטער, שאַרף, ניט קליינבנדיק ווערטער — איך האַלט עס פאַר אַ חסרון — דער־לאַנגען אַ קעגנער, איבערהויפּט נאָך ווען יענער האָט אַנגערירט ניט אים אַליין נאָר אויך זיין ליבלינג, די אַקטיאָרן יוניאָן. ער וועט אָבער עס אָנ־נעמען פאַר נאַטירלעך ווען יענער וועט געבן צוריק מיט דער זעלבער רוגזה.

גוסקין, ווייסט יעדער זשורנאַליסט, קאָן זיין אַ גוטער פריינד. און אַ גוטער פריינד איז ער דעם שרייבער אַפילו ווען יענער איז שוין אַ יורד מגדולה, און קאָן ווייניק טאָן פאַר דער יוניאָן. ס'פעלט אין זיין פריינד־

שאַפט די אויסגערעכנטקייט, דאָס מעסטן די „ס׳לוינט״ אָדער די „ס׳לוינט ניט״. אין אַ יוניאָן פירער איז דאָס אַ גרויסע, אַ זעלטענע מעלה.

ס׳איז שווער פאַר אַ מענטשן, וועלכער איז באַלד אַ פערטל יאָרהונדערט נאָענט באַקאַנט, און טאַקע באַפריינדעט מיט גוסקינען, צו געבן אַן אָביעקטיווע אָפּשאַצונג פון זיין באַציִונג מיט דער פּרעסע. ער איז אַ וואַרעמער מענטש, זייער אַ קלוגער, אַ ברייטער, אַ גוט־ברודערישער. ציי־טונגס־מענטשן האָבן ליב אַזאַ. זיי האָבן ליב אַזאַ איינעם איבערהויפּט דערפאַר, ווייל ער מאַכט ניט קיין אָנשטעל און פּרובירט ניט פּאַראַדירן פאַר זיי אַלס „גרויסער מענטש״. אוי, ווי גוט צייטונגס־שרייבער קענען די „גרויסע מענטשן״ מיט זייערע קליינינקע שוואַכקייטן...

און ווייל גוסקין איז אַזוי איינפאַך, נ אַ ט י ר ל ע ך מיט פאַרשטייער פון דער פּרעסע, זיינען זיי אים דאַנקבאַר און זיי האָבן אים גערן.



פון רעכטס: ראובן גוסקין, ראָוז פּיווער, אירווינג דזשייקאָבסאָן, מאַלי פּיקאָן, יעקב קאַליך, בעלאַ מייזעל, חיים עהרענרייך

חיים עהרענרייך

שטריכן און שטריכעלעך וועגן יוסף רומשינסקי

עס וואָלט גוט געווען ווען מען קאָן אַראָפּכאַפּן אַ בילד פון דעם אמתן רומשינסקין ווי זיינע באַעקאַנטע פריינד קענען אים, — ניט רומשינסקין דעם מוזיקער־דיריגענט, נאָר דעם רומשינסקי, וואָס מען באַגעגנט אַ מאָל אויף דער „עוועניו״, אַ מאָל אין דער קיבעצאַרניע און אַ מאָל ביי אים אין דער היים.

דער מענטש רומשינסקי איז באמת אינטערעסאַנט. שווער צו פאַר־ברענגען אין זיין געזעלשאַפט און ניט אַנגעצונדן ווערן פון אַמביציע „עפּעס״ אויפצוטאָן. ער אַליין שפּרודלט מיט איינפאַלן און געדאַנקען וואָס רעגן אָן יעדן איינעם אַרום אים.

„העלאָ, רומשינסקי, וואָס מאַכט איר?״ — באַגריס איך אים אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט אויף דער „עוועניו״.

זיין פּנים לייכט אויף. ער נעמט אייך, ווי זיין טבע איז, אונטערן אָרעם; בעסער געזאָגט, ער פאַרנעמט אייך אונטערן אָרעם, אַזוי ווי איר וואָלט איצט געוואָרן זיין שטיקל אייגנטום, און הייבט אָן שפּאַצירן מיט אייך אויף און אָפּ איבער דער גאַס. די „עוועניו״ איז גאָלדיק־רויִק, די זון, אַ צופרידענע פון אַ גוטן טאָג אַרבעט, לאָזט זיך אַ באַרויִקטע און באַרויִקנדיקע צום מערב, ביז מען פילט זיך אויך באַרויִקט און געשטילט מיט די שטראַלן.

רומשינסקי איז אין אַ גוטער שטימונג. ער פרעגט כּלומרשט וואָס איר מאַכט, אָבער אין דער אמתן איז דאָס אַלץ אַן הקדמה, אַן אַריינפיר בלויז. וואָס רומשינסקי האָט יאָ אין זינען —איז דערציילן אייך וועגן אַ סוזשעט פאַר אַן אָפּערעטע פאַר דער ענגלישער בינע, וואָס ער האָט פאַרטראַכט.

ער איז אַזוי פאַרטאָן און פאַרקאָכט אין זיין אייגענער שאַפונג, אַז ער רעדט אָפּ עטלעכע שעה צייט וועגן איר. אָט גלייך, פאַרזיכערט ער, זעצט ער זיך אַוועק שרייבן. עס ברענט אין אים די שאַפונגס־ענערגיע. איר טאַפּט ממש אָן די פיגורן און די טיפּן וואָס זיין פאַנטאַזיע שאַפט. עס וועט זיין אַ גרויסע זאַך.



יוסף רומשינסקי

אויף מאָרגן, ווען איר טרעפט רומשינסקין אין דעם קאַפע, זיצט ער שוין גאָר אַן אַנדערער. ווו אָפּערעטע, ווען אָפּערעטע — ער איז גאָר פאַר־קאָכט אין טעאַטער־פּאָליטיק און טעאַטער „גאָסיפּ". אַוועק איז די מוזע פון נעכטן, זי האָט זיך אויסגעברענט און איבערגעברענט אין דער התפּע־לות און אין פלאַם פון דעם ערשטן שאַפונגס־אָנפאַל.

וואָלט איבער רומשינסקין געשטאַנען אַ באַס־מענעדזשער און אים גע־צוווּנגען, וואָלט ער געזעסן אַ גאַנצע נאַכט מיט אַ גאַנצן טאָג און וואָלט געשריבן. נאָר אַזוי ווי קיין דירעקטאָר וואָס זאָל מאָנען איז ניטאָ און די

פאַרטראַכטע אָפּערעטע איז געווען גלאַט אַ שפּיל פון זיין פאַנטאַזיע, האָט זי זיך אויסגעלעבט און אויסגעוועפּט מיט זיין ערשטער שטימונג.

יוסף רומשינסקי איז הויפּטזעכלעך אַ שטימונגס־מענטש. וועט מען דאָס געדענקען, וועט מען פאַרשטיין יענע שטריכן פון זיין כאַראַקטער וואָס שיינען צו זיין ווידערשפּרעכיק. מען וועט דאַן פאַרשטיין פאַר וואָס אַ מענטש מיט זיין פּראַקטישן שׂכל און זיין לאַנגער בינע דערפאַרונג האַנדלט אָפט אַזוי ניט אויסגערעכנט. די שטימונג, דער טעמפּעראַמענטפולער מאָמענט איז גובר די קאַלטע אויסרעכענונג. ער האַנדלט זייער אָפט אימ־פּולסיוו.

אַזוי קאָן פּאַסירן אַז רומשינסקי וועט לייענען אין אַ צייטונג עפּעס אַזוינס וואָס — אַזוי דאַכט זיך אים — האָט אָנגערירט זיין קינסטלערישן „איך", אָדער האָט פּוגע בכבוד געווען זיין מוזיקאַלישע מוזע. אין דעם ערשטן מאָמענט פון צעקאָכטקייט איז ער גרייט אויסצוראָטן אי זיך, אי דעם אומגליקלעכן שרייבער. ער וועט יענע נאַכט ניט שלאָפן און וועט אַרומוואַנדערן איבער די גאַסן פון ניו־יאָרק.

אויף מאָרגן אין דער פרי וועט ער ווידער דורכלייענען דעם זעלבן אַרטיקל, דערזען די ווערטער און זייער זין אין גאָר אַן אַנדער ליכט און וועט זיך באַרויִקן.

ביי פּראָבעס קאָן ער אַזוי אויפגערעגט ווערן, אַז ער וועט באַליידיקן, אויסזידלען די ערשטע כאָריסטקע וועלכע קומט אונטער דער האַנט. שפּע־טער וועט ער די זעלבע כאָריסטקע אַוועקשטעלן אין פראַנט, אַפילו געבן אַ שטיקל ראָל, זיין גוט צו איר, ווי גאָרניט וואָלט פּאַסירט.

פאַר אַ פריינד איז רומשינסקי גרייט צו גיין „אין פייער און אין וואַ־סער". ער וועט זיין דער ערשטער אָנצובאָטן זיין „האָב און גוטס" אַ פריינד וואָס איז אין נויט. זאָל אָבער דער זעלבער פריינד זיך אויסדריקן פריינדלעך וועגן עמעצן וועלכער געפעלט ניט רומשינסקין, וועט רומ־שינסקי אים חושד זיין אין אַלדאָס בייז.

ווי יעדער קינסטלער פאַרמאָגט רומשינסקי אַ סך ווייבלעכס אין זיין כאַראַקטער. ער איז העכסט סענסיטיוו און קאָן זיין העכסט סענטימענטאַל.

ער איז בייגעריק ווי אַ פּרוי. ער איז פאַרליבט אין קאָמפּלימענטן ווי אַ בין אין האָניק.

רומשינסקי האָט אָבער אַזעלכע מעלות, אַז איר מוזט אים מוחל זיין די פּאָר חסרונות זיינע. ער איז איינער פון די צוויי־דריי אמתע „שאָומען" וואָס דאָס יידישע טעאַטער פאַרמאָגט. ער קאָן פאָראויסזען וואָס דעם עולם וועט געפעלן און וואָס ניט, און — ער וועט טרעפן. ניט איין שוואַכע אָפּערעטע האָט ער געראַטעוועט דערמיט, וואָס ער האָט אַריינגעשטעלט אַ קנייטש דאָ און אַ פאַלד דאָרט. ער איז אַ פאַכמאַן „פאַר עקסעלאַנס", ווי דער אייראָפּעער האָט ליב צו זאָגן.

מיט רומשינסקין פאַרברענגען איז אַ פאַרגעניגן. ער איז תמיד ביי אין זיין געשפּרעך; זיינע פאַרגלייכונגען זיינען אַזוי טרעפלעך, אַז מיט איין וואָרט זיינעם ווייזט ער אייך אַ גאַנצע סיטואַציע אין גאָר אַ נייעם ליכט.

ווען אַ געוויסער מענעדזשער האָט אים אין מיטן סעזאָן פאַרגעלייגט אַ קאָנטראַקט פאַרן קומענדיקן סעזאָן, האָט רומשינסקי אים געענטפערט:

„וייס איך וואָס... אַז מיר זאָלן איצטער שרייבן אַ קאָנטראַקט וועט עס זיין ניט צוליב אונדז און ניט צוליב דעם טעאַטער, נאָר צוליב די טעאַטער־רעפּאָרטערס. פאַר זיי וועט עס זיין אַ נייס — אָבער בלויז אויף איין טאָג צייט. עס וועט זיי קלעקן אויף איין צאָן".

רומשינסקי איז, ווי איך ווייס, צו ערשטן געוועזן קעגן אַ 50־יאָריקן יום־טוב, ווייל ער האָט זיך געשראָקן פאַרן ציפער 50. עס האָט אים גע־שראָקן און באַנג געטאָן:

שוין 50?

און עס איז טאַקע מאָדנע: רומשינסקי איז שוין פופציק יאָר אַלט. ער וואָס קאָן הוליען ווי אַ צוואַנציק־יאָריקער, וואָס האָט ליב דאָס לעבן ווי אַ דרייסיק־יאָריקער איז פופציק יאָר אַלט.

ווי זאָגט אָבער אַלשאַנעצקי — „נאַפּליעוואַט!" פופציק, שמופציק — רומשינסקי איז רומשינסקי, און אַזוי וועט ער זיין אַפילו ווען ער וועט זיין מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר עלטער.

חיים עהרענרייך

ווען אַ שיינע דאַמע וועט פאַרבייגיין וועט ער זי מיט די אויגן אָפּ־מעסטן,

ווען אַן אָרקעסטער וועט שפּילן ווערדי אָדער ראַוועל אָדער טייל אָר וועט רומשינסקי טראַכטן וועגן זיין אייגענעם אָרקעסטער.

ווען אַ קריטיקער וועט שרייבן וועגן אַן אָפּערעטע, וועט ער דורכזיפּן יעדעס וואָרט.

ווען זומער וועט קומען וועט רומשינסקי טראַכטן וועגן שרייבן אַן אָפּערעטע פאַר בראָדוויי.

און ער וועט אַלץ גיין צו בייסבאָל גיימס.

און ער וועט אַלץ דערציילן שיינע טעאַטער־מעשׂהלעך און אַלע וועלן אים אויסהערן זייער גערן.

1936

דזשען פּירס
צווישן דער אָפּערע און דער קראַנקער מאַמע

פון דער האָראָדעצער שול אויף הענרי סטריט ביז דער מעטראָפּאָלי־טען אָפּערע אויף בראָדוויי, דויערט ניט מער ווי פּופּצן אָדער 20 מינוטן צוצופאָרן. זעט איר, אָבער, פון דעם תּמימותדיקן עמוד אין דער האָראָדע־צער שול ביז דער אַריסטאָקראַטישער, מיט גאָלד און דימענטן אַרומגע־רינגלטער בינע פון מעטראָפּאָליטען אָפּערע הויז — דויערט שוין די רייזע אַ סך לענגער. לואי פּערלמוטס ייִנגעלע — דזשען פּירס, הייסט ער איצט — האָט זי דורכגעמאַכט אין 23 יאָר...

צו בר־מיצווה האָט יהושע־פּיניע געדאַוונט מיט 15 משוררים אין דער מאַקאָווער (אַזוי רופט זיין מאַמע אָן די האָראָדעצער שול) וועלכע געפינט זיך 203 הענרי סטריט, ניו־יאָרק.

דזשען פּירס האָט געמאַכט זיין דעביו אין דער אָפּערע „טראַוויאַטאַ“, און האָט געזונגען צוזאַמען מיט אַמעריקעס ערשטן באַריטאָן לאָרענס טיבעט, מיט באַרימטע זינגערינס, מיט דעם ערשט־קלאַסיקן כאָר פון דער מעטראָפּאָליטען אָפּערע אונטער דער באַגלייטונג פון אַ גרויסן, געשולטן אָרקעסטער. אין די לאָזשעס זיינען געזעסן די סאַמע „פּני“ פון דער אַמע־ריקאַנער אַריסטאָקראַטיע. די ערשטע מוזיקער און די גרעסטע מוזיק־קרי־טיקער פון לאַנד זיינען געקומען צו דער פאָרשטעלונג ווייל אַ נייער קינ־סטלער מאַכט זיין ערשטן אויפטריט, און דער גרויסער טעאַטער אין וועלכן עס האָבן נאָך דאָן ניט פאַרהילכט די טענער פון אַ נייעם קארוזאָ און אַ נייע גאַלי קורטשי, איז געווען געפּאַקט פון אויבן ביז אַרונטער מיט מענטשן וואָס ליבן מוזיק און פאָלגן נאָך יעדע פּאַסירונג אין דער וועלט פון קלאַנגען מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס.

זיי זיינען אַלע געקומען הערן יהושע־פּיניע פּערלמוט, וועלכער הייסט איצט דזשען פּירס, וועמנעס נאָמען איז איצט בולט אין דער אָפּערע־וועלט.

*

איך בין צו דזשען פּירס „דעביו" ניט געגאַנגען אין דער אָפּערע. כאָטש ס'האָט מיך געצויגן אַהין ווי מיט קלאַמערן. איך בין אַוועק אין דער אַלטמאָדישער טענעמענט־הויז אויף מעדיסאָן סטריט, געקלעטערט אויפן צווייטן שטאָק און אָנגעקלאַפּט אין איינע פון די פינף טירן אין דעם קליי־נעם קאָרידאָר וואָס איז באַלויכטן מיט אַן עלעקטריש לעמפּל פון אויבן. די טיר האָט מיר געעפנט אַ שיינע מיידל, הויך און שטאַרק געבויט, אין די קליידער פון אַ „נוירס" (קראַנקן־שוועסטער).

זי האָט מיך געפירט דורך אַ טונקל־באַלויכטענעם קאָרידאָר, וואָס אַ טיר רעכטס האָט געפירט אין אַ פינצטערער קיך. פון קאָרידאָר זיינען מיר אַריין אין אַ קליינעם עס־צימער מיט אַ רונדן טיש אין מיטן און פון דאָרט, דורך אַ ברייטער טיר — אין פראָנט־צימער. דאָרט אין בעט איז האַלב געזעסן, האַלב געלעגן הענע־רחל פּערלמוט, דעם אָפּערע־זינגערס מאַמע. צוויי שכנות, מיסעס אסתר קופערמאַן און מיסעס פּעני בראָדי — זיינען געזעסן אין צימער. און נעבן בעט, האַלטנדיק דער ווייבס האַנט, מיט אַ יאַרמלקע אויפן קאָפּ איז געזעסן דער טאַטע, לואי פּערלמוט.

אַ קליין ראַדיאָ־אַפּאַראַטל איז געשטאַנען נאָענט לעבן דער מאַמען, און זי — ווי זי וואָלט געוואָלט צוטוליען זיך צום קעסטל וואָס האָט צו איר געבראַכט איר זונס שטימע...

שוין דרייצן וואָכן ווי מיסעס פּערלמוט ליגט אין בעט און קומט צו־זיך פון נאָך אַ צווייטן האַרץ־אַטאַק. אין דעם טאָג פון איר זונס אויפטריט, האָט די נוירס מיט דער צושטימונג פון דאָקטער, דערלויבט אַ פּאָר שכנות אַריינקומען צו דער מאַמע. האָט זיך די מאַמע פאַרפוצט די האָר, אָנ־געטאָן אַ שלאַפראָק — און דער מאַמעס געזיכט שיינט מיט טויזנט מוטער־חנען. אַ קליינינקייט איר זון האָט דערגרייכט דעם סאַמע שפּיץ, דעם סאַמע

אויבנאָן — איר ייִנגעלע, איר פּיניעלע. זיינע בילדער זיינען אין אַלע צייטונגען; אין „פאָרווערטס״ — די צייטונג ליגט אונטער איר קישן וואָס איז דערשינען מיט אַ גרויס אַרטיקל וועגן איר פּיניעלען.

„איר זעט דאָך״, זאָגט זי צו מיר, דעם מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס״, „און איך בין קראַנק... איך מוז ליגן אין בעט״.

די נוירס, פּרענציס מיינהאָפער, האַלט אין האַנט די ליברעטאָ פון „טראַוויאַטאַ״ — אין אַן ענגלישער איבערזעצונג — און זי דערקלערט צו מיסעס פּערלמוט אין ייִדיש וואָס עס קומט פאָר אויף דער בינע... „און באַלד וועט ער אים וואַרפן אין פּנים דאָס געלט״... און די מאַמע שאָקלט פרום מיטן קאָפּ און נעמט די אויגן ניט אַראָפּ פון דעם קליינעם ראַדיאָ קעסטל.

— „איך האָב דעם אמת געזאָגט, ניט דערוואַרט אייך צו געפינען אין דער היים״ — זאָג איך צו מיסעס פּערלמוט.

— „ווען זי איז געזונט, מעגט איר זיכער זיין, אַז מיר וואָלטן געווען דאָרט״ — ענטפערט דער טאַטע. „מיר וואָלטן אויף איבער שבת געדונגען אַ צימער ניט ווייט פון דער אָפּערע אין אַ האָטעל. אָבער לאָזן זי אַליין אויף איבער שבת, דאָס קאָן איך דאָך ניט. און איך זאָל גיין פון דאַנען אַהינצו צו־פוס, איז דאָס פאַר מיר צו ווייט. אָבער די קינדער זיינען אַלע דאָרט״.

— „איז געווען זינגער אין אייער משפּחה?״ — פרעג איך דעם טאַטן, ווייל ס׳איז נאָכן צווייטן אַקט און מ׳קאָן ריידן.

דערציילט ער מיר, אַז זיין שוועסטער אַ ברודער און העני רחלס אַ פעטער איז אַ חזן אין בראָד. און העני רחל אַליין שלאָגט איבער:

— „איך אַליין בין געווען אַ זינגערין. יע, ווען איך בין געווען נאָך אַ מיידל, אין האָראָדעץ, פלעג איך אָפט קומען צו מיין קוזינע. זי איז געווען אַ שניידערקע, פלעגן מיר ביידע זינגען און טאַקע שיין זינגען, אַז די אָפיצירן פלעגן פאָרן אין זייערע קערעדזשעס (דראָזשקעס) פאַרביי דעם הויז פון מיין קוזינע, פלעגן זיי אָפּשטעלן די פערד הינטערן פענצטער און זיך צוהערן צו אונדזער זינגען, דורכן אָפענעם פענצטער״.

פון דעסטוועגן, וויל אויך מיסטער פערלמוט אַז מ׳זאָל וויסן אַז זיין פאַמיליע איז אויך געווען אַ מוזיקאַלישע.. אַלע זיינע ברידער זיינען גע־ווען דאַווענער ביים עמוד. „מיין טאַטע האָט געדאַוונט פאַרן עמוד און איך דאַוון אויך ביים עמוד״ — גיט ער צו מיט שטאָלץ.

— „אָבער פּיניעלע האָט געירשנט זיין שטימע פון מיין פאַמיליע, פון מיר״, זאָגט די מאַמע, און דער טאַטע שמייכלט בנעימותדיק — וואָס אַרט אים פון וועמען?

מיסעס פערלמוט איז פייערלעך געשטימט. ס׳איז יום־טוב אין דער מאַמעס הארץ. זי וויל ריידן און די נוירס גיט איר נאָך. — „איך האָב גוטע קינדער, טייערע קינדער״ — רעדט זי — „און איך בין אַזוי קראַנק. איר זעט, איך ליג אין בעט... וואָס וואָלט מיר געפעלט?... מיין פּיניעלע, ביז 17 יאָר האָט ער געלערנט ביים רבין, ביי קאַפּלאַנען פון אַשמימי. (מיס־טער פערלמוט דערקלערט מיר אַז „אַשמימי״ מיינט „אנשי־מעמד״. נאָר ביי אַ פרוי אין מויל ווערט עס „אַשמימי״)... מיין פּיניעלע קען. ער איז ניט קיין עם־הארץ... איר הערט, ווען ער איז בר־מיצווה געוואָרן האָט ער געדאַוונט פאַרן עמוד מיט 15 משוררים! ער איז געווען דער חזן!״...

פּלוצלינג דערהערט זיך אַ שטאַרקער אַפּלאָז אין ראַדיאָ. דער עולם אין דעם אָפּערע־הויז מאַכט פּירסן אַן אָוואַציע, און די אַפּלאָדיסמענטן און די אויסרופן דערטראָגן זיך אַהערצו, צו דער מאַמעס קראַנקן בעט. זי שפּאַרט זיך אָן מיטן קאָפּ אָן װענטל פון דער אַלטמאָדישער בעט און זאָגט צו די מענטשן: — „לאָזט דער מאַמען איינזאַפּן דעם נחת, דעם זיסן נחת פון איר פּיניעלע״...

*

איך בין אַוועק צו דער אָפּערע און געוואַרט ביז די פאָרשטעלונג איז אַריבער. ווען די טירן האָבן זיך געעפנט פאַרן עולם אויף צו פאַרלאָזן דעם טעאַטער, בין איך צו צו דער טיר און געוואַרט אַז עס זאָלן אַרויסקומען די קינדער פון דזשען פּירס.

איך באַמערק אַז סאָל יוראָק איז אַרויסגעקומען פון דער צווייטער

טיר, און ער מיט אַ גרופּע פון זיינע פאַרערער זיינען שטיין געבליבן, ווייל דער גרויסער עולם האָט זיך מיט אַ מאָל אָנגעהויבן צו שטופּן אויף אַרויס־צוגיין, האָט זיך די גרופּע מיט סאָל יוראָקן אַוועקגערוקט אָן אַ זייט.

סאָל יוראָק, דער באַרימטער אימפּרעסאַריאָ, דער דערפאַרענער אין די „ביזנעס״, דער וואָס ווייס אַלע סודות פון דער קינסטלערישער הינטער־קוליסן וועלט — ער איז באַווירקט פון דעם ווונדער, ווייזט אויס, וואָס ער האָט היינט בייגעוווינט.

צווישן די וואָס ווערן געשטופּט פון דעם גרויסן געדראַנג און וואָס די אויגן זיינען ביי אים רויט פון וויינען, באַמערק איך אייב עלשטיין, דעם יונגן ייִדישן מוזיקער. דאָרט זע איך אַלעקסאַנדער אָלשאַנעצקי, דזשען פּירס׳ אַן אַלטער פריינד, וועלכער שטייט אַ בלאַסער ביי דער וואַנט און קאָן קיין וואָרט ניט ריידן. איך בין אַוועק הינטער די קוליסן.

אין אַ ווינקל, ניט קאָנענדיק צוקומען צום אייגענעם טאַטן, שטייען פּירס׳ צוויי עלטערע קינדער, דער עלף יאָריקער לאַרי, וועלכער לערנט זיך אין דער ישיבה, און די אַכט יאָריקע דזשאָסי. דזשאָסי איז דערשראָקן; דער געדראַנג פון דער מאַסע מענטשן האָט איר צערודערט. און זי וויינט. לאַרי איז בלאַס אָבער ער איז אַ מאַן, ער וויינט ניט. בלויז די ייִדיש־שוואַרצע אויגן זיינע זענען ברייט צעעפנט.

פּירס׳ שוואַרץ־חנעוודיקע פרוי וויל זיך צושלאָגן צום מאַן, זי וויל אים אַרומנעמען, איינפליסטערן אין אים איר וואָרט. און זי קאָן ניט דורכרייסן זיך דורך דעם המון. ענדלעך נעמען זיך עטלעכע מקורבים אָן מיט כּוח און הייבן אָן מאַכן אָרדענונג. עס איז אָבער אוממעגלעך צו פּועלן ביי דזשאָסין צו פאָטאָגראַפירן זיך מיטן טאַטן. זי איז אָנגעשראָקן.

— „דזשען״, געלינגט מיר ענדלעך צוצוקומען צום זינגער. „די מאַמע האָט מיך געבעטן אייך אָפּגעבן אַ גרוס״.

— „די מאַמע?!״ — און כּהרף־עין איז דער קינסטלער, וואָס דער גלאַנץ פון רום רוט שוין אויף אים, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זון, אין אַ קינד! ניט אַלפרעדאָ פון „טראַוויאַטאַ״ שטייט דאָ איצט, נאָר יהושע

פיניע. „וואָס מאַכט די מאַמע?" — און טרערן באַווייזן זיך אין זיינע שוואַרצע אויגן... „איר האָט זי געזען? ווי פילט זי?"

ער וויל וויסן, ער האַלט מיך צו, איך זאָל אים זאָגן. זיינע גרויסע, שוואַרצע אויגן גראָבן זיך איין אין מיר... די מאַמע איז דאָך קראַנק...

אָבער עס קומט צו מיסטער היימס פון יוראָקס אָפיס, אַ שיינער יונגערמאַן מיט אַ שטימע פון אַ „מענעדזשער" און זאָגט שטרענג אָן:

— „מיסטער פירס, פליז, איר דאַרפט זיך איבערטאָן... מיר דאַרפן גלייך פאָרן אין וואַלדאָרף אַסטאָריאַ... מ'וואַרט".

ער האָט אַזוי געוואָלט פאָרן אַהינצו, אויף מעדיסאָן סטריט, אין דער באַשיידענער דירה, ווו די מאַמע ליגט אין בעט און דער טאַטע האַלט איר האַנט... געפאָרן איז ער אָבער אין וואַלדאָרף אַסטאָריאַ.

דעצעמבער, 1941

סעמועל גאָלדינבורג דערציילט וועגן האָליווּד

דאָס ווערטל, „אַז ס'איז באַשערט אַ צרה קומט זי אין שטוב אַריין", האָב איך איצט גוט באַנומען אין האָליווּד. וואָס איך האָב דאָרט געוואָלט טאָן, איז מיר געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ. אָט, צום ביישפּיל, האָב איך שוין דאָרט באַקומען אַ טעסט אין אַ גרויסער ראָל פון אַ גרויס-גע־פּלאַנטער פּיקטשור, „מישען טו מאָסקאָו" — אַ גרויסע דערגרייכונג אין האָליווּד. מיין פריינד דזשעק, דער וויכטיקער אָנפירער פון אַ סטודיאָ, פאַרזיכערט מיר, אַז איך בין איינער פון די מזלדיקסטע מענטשן... עפּעס אַ קלייניקייט? דאַרף איך דאָך זיין צופרידן, וויל איך דאָך זיין צופרידן — מישט זיך אַריין דער שׂטן און ס'קומט מיר אָן אַ טעלעגראַמע פון גוס־קינען, דער לייטער פון דער אַקטיאָרן־יוניאָן, אַז אויף מיר וואַרט אַ טעאַ־טער אין ניו־יאָרק... און אַ טעלעגראַמע פון גוסקינען איז ניט סתּם קיין צוזאָג פון אַ מוווי־דירעקטאָר. גוסקין איז ניט פון די מענטשן וואָס ליבן און מאַכן קאָמפּלימענטן און זאָגן צו. ער שיקט אַ טעלעגראַמע, איז עס אַ ביזנעס־פאַרשלאַג. און נאָך אַלעמען איז דער ייִדישער טעאַטער דער איינ־ציקער קוואַל פון מיין פּרנסה אין גאַנצן לעבן. און אַז כ'זאָל דעם פאַר־שלאַג צוריקווייזן, פאַרליר איך אַ גאַנצן סעזאָן. וואָס זשע זאָל איך טאָן?

מיין קאָפּ זאָגט מיר, „האָב אין באָד דעם גאַנצן מוווי עסק". נעם די באַן און פאָר אַהיים און הער זיך אויף דרייען אַ קאָפּ. מילא, די עטלעכע זומער־חדשים וואָס דו האָסט דאָ פאַרבראַכט, האָסטו קנאַפּ־וואָס פאַר־לוירן. סיי ווי טוט מען דאָך גאָרניט ביים ייִדישן טעאַטער, האָסטו געקאָנט ריזיקירן. אָבער איצט, ערב סעזאָן? ווי קאָנסטו עס צוריקווייזן? אַזוי טענהט מיט מיר איין מיין קאָפּ.

אָבער דאָ גנבעט זיך אַריין דער ניט־גוטער: אפשר יאָ — אפשר איז דער טעסט פאָרט אַרויס אַזוי געלונגען, אַז מען וועט דיך פאַרהאַלטן און — ווער ווייסט — מיט אַ קאָנטראַקט? ביסט שוין דאָ, סיאָמאַ, האָסט שוין אַזוי פיל דורכגעמאַכט, ווי נעמט אַ מענטש און אַנטלויפט?

כ׳קעמף אַזוי מיט זיך אַליין. יאָ־ניין, ניין־יאָ, ביז ס׳קומט אָן אַ בריוו פון מיין פרוי אין ניו־יאָרק, און זי שרייבט מיר: „זאָל איך אונטערשרייבן אַ ליס אויף דעם אַפּאַרטמענט אויף נאָך אַ יאָר? וואָס מיינסטו? איך דאַרף געבן דעם עידזשענט אָן ענטפער”. היינט גיי זיי אַ חכם און באַשליס.

ס׳וואָלט געווען מיט וועמען זיך צו באַראַטן, אָבער איך קאָן ניט. אָפּרופן מיין פריינד דזשעקן און האַלטן מיט אים אָן עצה? איז עס ניט אָנגענעם. יענער האָט עסקים מיט מיליאָנען, זאָל איך אים גיין דרייען אַ קאָפּ מיט מיין עסק? ווידער מיין עידזשענט? ווייס איך דאָך שוין זיין פּיזמון: גרויסע זאַכן וואַרטן אויף דיר: אַ קליינינקייט אַזאַ טעסט, אַזאַ פּיקטשור. ביסט דאָך גרויס, געניאַל! — ס׳אַרט אים דען וואָס איך וועל טאָן.

בין איך געפאַלן אויף מיין אַלטער תּרופה. אין יעדער צרה האַלט איך פון רוסישן ווערטל „אוטראָ וועטשערע מודרעניע” — אין דער פרי איז מען קליגער פון נעכטן — טאָ לאָמיר צוואַרטן אַ טאָג־צוויי...

איך ווער געוווירר, אַז ס׳ווערט געגעבן דאַון־טאַון אַ יידישע פאָרשטעלונג. עטלעכע יידישע אַקטיאָרן האָבן זיך צוזאַמענגענומען מיט לאָקאַלע טאַלאַנטן, וועלכע איך האָב שוין דערמאָנט ביי אַ פריערדיקער געלעגנהייט, און מען גייט געבן אַ פאָרשטעלונג. וועל איך ניט גיין זען ווי ס׳זעט אויס אַ יידישע פאָרשטעלונג אין לאָס־אַנדזשעלעס? איך בין אַוועק אין טעאַטער.

וועל איך ניט דערמאָנען דעם נאָמען פון דער פּיעסע. כ׳וויל ניט ריידן פון איר סוזשעט, פון די דעקאָראַציעס, פון די „ליכט־עפעקטן”, פון דער מוזיק. ס׳איז דען מעגלעך געווען צו קוקן אויף דער פּיעסע? און ס׳איז דען געווען אָן אָרט צו זיצן, אַז מען זאָל קאָנען קוקן אויף דער פּיעסע?

זינט איך בין ביים יידישן טעאַטער האָב איך נאָך אַזוי פיל יידן ביי איין פאָרשטעלונג ניט געזען... מען איז געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ; מען איז געהאָנגען אויף די ווענט; הונדערטער מענטשן זיינען צוריקגעגאַנגען, ווייל ס'זיינען שוין קיין בילעטן ניט געווען. מיר איז שווער געווען צו קריגן אַפילו אַ „פּעס" אויף צו שטיין.

סעמועל גאָלדינבורג

הלוואַי וואָלט איר געקאָנט זען ווי אַזוי יידן האָבן ליב אַ יידיש וואָרט. מ'האָט אָנגעקוואָלן פון יעדער נאַרישקייט אויף דער בינע, מ'האָט געשלונגען יעדן פּוילן וויץ. ווער שמועסט נאָך אַ יידיש לידל — מ'האָט דעם אַקטיאָר, וואָס האָט געזונגען פון דער בינע ניט אָראָפּגעלאָזט. איך שטיי און הער זיך צו ווי אַזוי אַ יידישער שוישפּילער זינגט „עי אוכניעם" און איך טראַכט מיר: געוואַלד, לאָס־אַנדזשעלעס איז דאָך אַ טייערע שטאָט. ווען מ'זאָל דאָ שפּילן אמתן טעאַטער, מיט אַן עכטער פּיעסע און אַ ריכ־טיקער טרופּע, שפּילן אַ זאַך וואָס האָט די ווערט, וואָלט מען דאָך דאָ גע־קאָנט שפּילן און שפּילן — אַזוי אויסגעהונגערט נאָך אַ יידישער פאָרשטע־

לונג, ווי עס זיינען געווען די מענטשן יענעם אָוונט, האָב איך שוין לאַנג ניט געזען. ווען מען האָט געמאָלדן פון דער בינע, אַז ס׳איז דאָ אַ מעג־לעכקייט צו אַנגאַזשירן אויף תּמיד אַ ייִדישע טרופּע פאַרן זעלבן טעאַ־טער, האָבן די ייִדן עס אויפגענומען מיט באַגייסטערונג.

ס׳איז ביי מיר געווען אַ געפיל, אַז די ייִדן ווילן גאָר ניט גיין אַהיים. מערקווירדיק איז, אַז די אייגנטימער פון די קראָמען, וואָס זיינען געקומען אויף „ווינדאָר־פעסעס״ (אַזוינע „פּעסעס״ גיט מען די וואָס דערלויבן אַרויסצוהענגען ביי זיי אין שויפענצטער אַ פּלאַקאַט אָדער אַ „שאָו־קאַרד״), האָבן אַרויסגעוויזן אַ זעלטענע טאָלעראַנץ. יעדער איינער האָט מיט זיין „פּעס״ געדאַרפט באַצאָלן אַ דאָלאַר מיט 65 סענט פאַר אַ טיקעט. זייערע זיצפּלעצער זיינען שוין אָבער געווען פאַרנומען און זיי האָבן ניט געהאַט וווּ צו זיצן. זיינען די דאָזיקע צוויי הונדערט מענטשן אָפּגעשטאַ־נען דריטהאַלבן שעה אויף די פיס מיט אַ שמייכל, ניט פּראָטעסטירט אַפילו, געהאַלטן זייערע האַלבע טיקעטס און אַנגעקוואָלן פון אַ ייִדישער פאָרשטעלונג. דאָס האָט מיך דערמאָנט אָן די צייטן מיט 25 יאָר צוריק אין פּוילן, ווען אַ טרופּע האָט גאַסטראָלירט אין אַ קליין שטעטל. מיט וואָס פאַר אַ וואַרעמקייט און האַרציקייט די ייִדן האָבן אויפגענומען די ייִדישע פאָרשטעלונגען און די ייִדישע אַקטיאָרן.

באַגייסטערט בין איך געוואָרן פון דעם עולם, און איך האָב געטראַכט, אַז מען דאַרף דאָך ס׳זאָל עמעצער קומען אַהער מיט אייניקע אַקטיאָרן און אָוועקשטעלן זיך „דאַווענען״ ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. און אַזוי ווי איך טראַכט, גיט מיר עמעצער אַ קלאַפּ אויף דער פּלייצע און רופט אויס בקול רם: „העלאָ, סיאַמאַ, איך האָב געוווּסט אַז איך וועל אייך דאָ טרעפן״. כ׳קוק זיך אום — עס שטייט פאַר מיר אַ ייִדישע אַקטריסע וועלכע איז אַמאָל געווען זייער באַרימט אין ניו־יאָרק, צענדליקער יאָרן האָט זי גע־האַלטן אַן אייגענעם טעאַטער; אַן אינסטיטוציע איז זי געווען מיט איר מאַן. פון די אַמאָליקע סטאַרס איז זי געווען פון די געציילטע. איצט לעבט זי אין קאַליפאָרניע צוריקגעצויגן... און ווען מען שפּילט אַ ייִדישע פאָר־שטעלונג, קומט זי און זי דערמוטיקט די שפּילער.

„וואָס מאַכט איר, גאָלדינבורג ? — האָט זי געפרעגט.

כ׳האָב איר אין עטלעכע ווערטער דערציילט מיינע צרות.

„כאַ־כאַ־כאַ״, האָט זי זיך צעלאַכט, „די אַלטע געשיכטע, די פּראָבלעם איז מיר גוט באַקאַנט. ס׳איז שווער, מיין פריינד, זיך אָנצוּוואַרעמען ביי אַ פרעמדן אויוון. צוריק! צוריק צום אַלטן שטעקן! זאָגט מיר, ווי געפעלט אייך אַזאַ עולם ? האָט איר שוין געזען אַ מאָל אַזאַ וואַרעמקייט, אַזאַ יום־טובדיקייט ?״

מיר זיינען אַרויס אין „לאָבי״ און פון דאָרט זיינען מיר אַוועק, און זי האָט מיר גענומען דערציילן פון אירע איבערלעבונגען אין האָליווּד. און איך מוז מודה זיין, אַז אויב איך האָב געהאַט הנאה פון אַ גוטער פאָרשטע־לונג, האָב איך עס געהאַט פון אירע דערציילונגען וועגן זיך און האָלי־ווּוד.

יעדער אַקטיאָר האָט אַ שוואַכקייט צו האָבן ביי זיך אַ פּובליקום, אַז ער האָט ניט, קאָן ער זיך ניט אויסלעבן. דאָ האָט די אַקטריסע דערפילט, אַז זי האָט פאַר זיך אַ פּובליקום. כאָטש איך אַליין, מוז צוגעבן, בין ניט קיין גוטער „עולם״. זיינען מיר געזעסן אין קאַפע און זי האָט „געשפּילט״. איך האָב געזען ווי זי לעבט אויף פאַר מיינע אויגן. אָ, איר האָט נאָר גע־דאַרפט זען ווי אַזוי זי האָט געשפּילט — אַזאַ שיינקייט, אַזוי פיל גראַציע און חן, אַזוי פיל כאַראַקטער און אימפּראָוויזאַציע. זי האָט דערציילט פון אירע טייבעלעך, און זיי האָבן מיר געפלאַטערט פאַר די אויגן; זי האָט דערציילט פון די בלומען וואָס שאָקלען זיך ביי איר פענצטער, און כ׳האָב געשפּירט זייערע דופטן...

כ׳האָב אַ וואָרט ניט געטאָרט אַרויסריידן. „שווייגט! שווייגט!״ — האָט זי אויסגעשריִען ווען כ׳האָב נאָר פּרובירט דעם מויל צו עפענען. — לאָ־מיך ענדיקן!״...

זי האָט געמאָלן בילדער מיט אירע זשעסטן, אַזוינע צאַרטע בילדער, אַזוינע פאַרביקע. זי האָט וועגן אַנדערע שוישפּילער גערעדט, אָבער מיט לויבגעזאַנג און שבחים. ביז היינטיקן טאָג קאָן איך יענע פאַר שעה, וואָס איך האָב פאַרבראַכט מיט איר אין קאַפע, ניט פאַרגעסן. פאַר מיר איז גע־

זעסן אַ קינסטלערין, און די קינסטלערין האָט זיך ניט געקאָנט העלפן — זי האָט געמוזט שפּילן. כ׳האָב זיך ניט געשעמט און עס איר געזאָגט; און זי האָט זיך אויך ניט געשעמט און זיך אַליין געקיבעצט, חוזק געמאַכט פון זיך אַליין, אָבער מיט אַזוי פיל חן...

„קומט צוגיין״, האָט זי מיך געבעטן. „אייער אָנוועזנהייט, אייער צוהערן זיך מאַכן מיך יונג און וויברירנדיק, און איך דערמאָן זיך אָן די אַלטע, גוטע יאָרן. איר מוזט מיר צוזאָגן, אַז איר׳ט קומען. אַ קלייניקייט! דורכלופטערן אַלטע טעאַטער־שמות — דאָס איז דאָך אָקסידזשען פאַר אַ קינסטלער!״. איך האָב איר צוגעזאָגט.

מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָב איך איר געטראָפן אין אַן „אָפּען האַוז״. אין האָליוווד איז די אינסטיטוציע פון „אָפּען האַוז״ גאַנץ פּאָפּולער. ס׳איז אַן אָוונט ווען אייערע פריינד און באַקאַנטע קאָנען צו אייך קומען און מיטברענגען וועמען זיי ווילן — די טירן זיינען אָפן פאַר אַלעמען — און כל דכפין... דאָס מאָל האָב איך שוין ניט אָפּגעלאָזן, צוגעשטאַנען צו איר: „דערציילט מיר נאָך ליבע חברטע, דערפאַרונגען ביים טעאַטער, מווי־איבערלעבונגען. איר זייט דאָך אַ פּאָעטין. איר דערציילט דאָך ניט, איר מאָלט, איר זינגט, איר שפּילט און איר טאַנצט״.

ס׳גייט צו מיר צו אַ יונגער מאַן און רופט זיך אָפּ: „אַר יו מיסטער גאָלדינבורג? איך בין אין דעם אויספאָרשונג־דעפּאַרטאַמענט פון דער סטודיאָ. איך האָב אַ גוטע בשורה פאַר אייך... כ׳האָב געזען אייער טעסט — אויסערגעוויינטלעך! אויסגעצייכנט!״

מיר ריידן זיך פאַנאַנדער, און איך זע אַז ער איז אַ העכסט אינטעליגענטער מענטש.

„נאָך אַזאַ ענטוזיאַסטישן באַריכט, ווי איר גיט מיר; אויב דער טעסט איז אַזוי געלונגען — דענקט איר, אַז איך וועל קריגן די ראָל?״ — פרעג איך מיין נייעם באַקאַנטן. „ס׳קאָן קיין צווייפל ניט זיין״, ענטפערט ער. „די גאַנצע סטודיאָ איז אַנטציקט פון אייער טעסט״.

זיין ענטפער האָט מיר צוגעגעבן אַ סך זיכערקייט און מוט, און ווען

כ׳האָב אָנגעטראָפן דזשעקן אויף דער גאַס, האָב איך אים אָפּגעשטעלט און צו אים געזאָגט:

„ברודערל, האָסט אויף זיך אָנגענומען אַזאַ צרה ווי איך, מוזטו שוין ליידן ביזן סאַמע דנאָ״. און איך דערצייל אים וועגן גוסקינס טעלעגראַמע און וועגן מיין פּרויס בריוו.

„ניין״, האָט ער זיך אָפּגערופן נאָך אַ ווײַלע טראַכטן. „האָסט זיך אונטערגענומען עפּעס דורכצופירן, איז פאַר וואָס אָפּהאַקן אין מיטן? ענטפער אַז דו קומסט ניט. וועסט זיכער שפּילן אין דער פּיקטשור. כ׳האָב שוין געהערט פון דיין טעסט. ווייסטו גאָר וואָס? קאָנסט אַליין זען דעם טעסט. כ׳וועל עס אַראַנזשירן פאַר דיר. פאָר צו אין דער סטודיאָ און קוק אַליין אָן דאָס בילד, וועסטו וויסן. ווען איך בין דו, שיק איך נאָך דער פּרוי און איך באַזעץ זיך דאָ. וועט זיך מאַכן אַ דזשאַב אין ניו־יאָרק, אָל־רייט, וועסטו אַהינצו פאָרן און שפּילן און קומען צוריק. זאָל דאָ זיין דיין היים, ווייל סוף כל סוף מוזטו דאָ קריגן אַרבעט. לייג זיך איבער. כאַפּ זיך אַריבער אין דער סטודיאָ און קוק אָן דיין אַרבעט. הא? זאָגסט צו?

נאַטירלעך האָב איך זיך אָנגעכאַפּט אָן דער געלעגנהייט און ביי אים גענומען אַ צעטל צום פּאַסיקן מענטשן, אַז ער זאָל מיר ווייזן דעם טעסט וואָס כ׳האָב געמאַכט. כ׳האָב געוואָלט נאָך יענעם טאָג ענטפערן דעם מענעדזשער פון מיין יוניאָן. כ׳האָב אָבער באַשלאָסן צוצוואַרטן ביז נאָכן זען דעם טעסט.

אויף מאָרגן האָב איך געזען זיך אַליין אין דער ראָל וואָס איך האָב אויספּראָבירט. דעם אמת געזאָגט, האָב איך געציטערט אַזוי ווי פון קעלט ווען אויפן לייוונט האָט זיך באַוויזן דער ערשטער שאָטן פון מיר אַליין. איך בין געווען אַזוי נערוועז און צעטומלט, אַז איך האָב מיין קאָפּ פאַר־דעקט מיט מיין ראָק... דער מענטש ביי דער מאַשין איז, אָבער, קענטיק שוין געווען געניט מיט אַזוינע „קונצן״ ווי איך. ער איז געווען אַ סימפּאַ־טישער יונג, און האָט אַליין מיר אָנגעבאָטן נאָך אַ מאָל צו ווייזן מיר מיין בילד... איך האָב איצט געוווּסט אַז איך קאָן ניט אָננעמען גוסקינס פאָר־שלאָג.

אַרויסגייענדיק פון דעם פּריוואַטן „פּראָזשעקשן״־צימער האָב איך זיך געטראָפן פּנים אל פּנים מיט אים אַליין, מיטן בעל־דבר. ער האָט מיך דער־קענט און מיך פריינדלעך באַגריסט — גאָר אַ גוטער סימן. האָב איך אים געוויזן די טעלעגראַמע פון ניו־יאָרק און זיך ניט געשעמט: „וואָס האָט איר מיר צו ענטפערן ?״

„וואָס״ — האָט ער מיר אַ פּאַטש געטאָן אויף דער פּלייצע, — „שרייבט זיי, אַז איר קומט ניט. איר בלייבט דאָ. אוודאי פאַרבלייבט איר דאָ. ווי פאַלט אייך גאָר איין ? מיר דאַרפן אייך דאָ, דאָ ביי אונדז !״

אַזוי ווי אויף פליגל האָב איך איצט זיך געטראָגן אַהיים. כ׳האָב קודם כל אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו צו גוסקינען, אים דערקלערט אַז עס איז מיר שווער זיך אָפּצוזאָגן פון די געלעגנהייטן וואָס שטייען מיר פאָר. ער מוז פאַרשטיין, ער וועט פאַרשטיין, אַז צום באַדויערן, קאָן איך ניט אָננעמען זיין טעאַטער־פאַרשלאַג.

מיין פרוי האָב איך געשריבן, אַז זי זאָל ניט באַנייען דעם „ליס״ ; זאָל זי אַוועקגעבן אונדזער מעבל אין „סטאָרעדזש״ און גלייך קומען צו מיר אין האָליוווד.

יאָ, איך האָב באַשלאָסן, און בלייב פאַרלויפיק אין „גלות״, — איך פאַרבלייב אין האָליוווד !...

סעפּטעמבער, 1943

פּאָול באַראַטאָוו — צו זיין יובל

פון דער אַנדערער זייט לאַנד, פון די גאָלדענע ברעגן פון פּאַסיפיק ים, קומט אָן די בשורה, אַז שבת, דעם פערטן מײַ, 1946, איז אין איינעם פון די שענסטע טעאַטערס אין לאָס אַנדזשעלעס, געפייערט געוואָרן אַ גרויסער יום־טוב, דער 45סטער יובילײ פון דעם באַוווסטן און באַליבטן רוסיש־ייִדישן שוישפּילער, פּאָול באַראַטאָוו. אַ שאָד וואָס דער יום־טוב איז דורכגעפירט געוואָרן אַזוי ווייט פון אונדזער ניו־יאָרק. עס וואָלט זיך אַזוי געוואָלט דאָרט זיין און באַטייליקן אין אים און זיין אַ טייל פון דער גרויסער פרייד וואָס פּאָול באַראַטאָווס יובילײ רופט אַרויס ביי די ליבהאָבער פון טעאַטער.

פאַראַן כל מיני שוישפּילער אויף דער בינע. פאַראַן שוישפּילער וואָס איר באַוווּנדערט זייער שפּילן, איר אַפּלאָדירט זיי, איר האָט אַפילו הנאה פון זייער קונסט, אָבער קיין פּערזענלעכע באַציִונג צו זיי פילט איר ניט. איר זענט געקומען אין טעאַטער, איר האָט באַצאָלט פאַר די פּאָר שעה פאַרגעניגן, אָבער קיין פאַרפליכטונג צום קינסטלער פילט איר ניט. ס׳איז — זאָלט איר אונדז מוחל זיין פאַרן פּראָזאַישן אויסדרוק — אַן ענין פון מקח־וממכר — גענומען און באַצאָלט. אַ מאָל, אָבער, קומט איר אין טעאַטער און איר דערזעט דעם קינסטלער אויף דער בינע, וואָס ער פאַרכאַפּט ניט נאָר אייער קאָפּ און האַרץ, נאָר אויך אייער נשמה, אייער גאַנצן וועזן. דאָ וועט איר שוין רויִק ניט בלייבן, איר וועט קומען ווידער און ווידער אַ מאָל; איר וועט לייענען אַלץ וואָס ווערט געשריבן וועגן דעם קינסטלער, **אייער** קינסטלער, איר וועט פילן פּערזענלעכע צוגעבונדנקייט צו אים.

דאָס איז אייגנטלעך דער תּמצית פון טעאַטער־פּאַטריאָטיזם, און לאָמיר זיך ניט שעמען — ניטאָ מיט וואָס צו שעמען זיך — יעדער עכטער טעאַ־טער־ליבהאָבער איז אַ פּאַטריאָט פון דעם אָדער יענעם גרויסן קינסטלער. אַמאָל־אַמאָל זיינען די גרויסע קינסטלער געווען גרויס גענוג אויף צו באַ־צווינגען הונדערטער מענטשלעכע הערצער אַזוי, אַז מענטשן זיינען גרייט געווען אין גאַסן־שלאַכטן צו גיין פאַר זייערע אַדלערס און קעסלערס און

פּאָול באַראַטאָוו

מאַגולעסקאָס. היינט — זיינען מענטשן ניט אַזוי נאַיִוו. היינט זיי־נען אונדזערע פּאָדערונגען שטרענגערע. און היינט זיינען אפשר די קינסט־לער ניט די כּוהנים־גדולים ווי דער עולם איז געווען געוווינט זיי צו זען.

צו די גאָט־געבענטשטע קינסטלער, וואָס איר פילט אַ פּערזענלעכע צו־געבונדנקייט, געהערט בן־צבי אָדער פּאָול באַראַטאָוו.

ווען איר זעט אים אויף דער בינע, מערקט איר גלייך די געשולטקייט, די דיסציפּלינירטקייט, די קולטורעלע געשליפנקייט פון דעם קינסטלער

וואָס איז ערנסט צוגעגאַנגען צו זיין באַרוף — ניט פּראָפעסיע נאָר באַ־רוף. לצים פּרוּוון אימיטירן באַראַטאָוון, טעאַטער־וויצלינגען דערציילן אַנעקדאָטן וועגן אים, אַזוי ווי וועגן יעדן פּראָמינענטן שוישפּילער. אָבער אַלע באַטאָנען זיי דעם ערנסט, דעם טיפן ערנסט זיינעם מיט וועלכן ער פאַרהאַלט זיך צו זיין קונסט. איר קאָנט ניט שאַרזשירן באַראַטאָוון אויב איר אונטערשטרייכט ניט די ערנסטקייט, די דיסציפּלינירטקייט זיינע, די ראַפינירטע געשולטקייט.

אַז איר זעט אים שפּילן, באַקומט איר דעם געפיל, אַז איר זעט אַ פּריסטער אין זיין טעמפּל. פינף און פערציק יאָר אויף דער בינע און דאָך ניט פאַרלוירן דעם גרויסן דרך ארץ צו זיין קונסט! קיין ברעקל ציניזם, קיין שאָטן פון ביטול, קיין סימן פון גרינגשעצונג. נאָך איצט, אַז באַראַ־טאָוו טרעט צו צו אַ נייער ראָל, ציטערט ער און שרעקט זיך און גייט אַרום אַ צעטראָגענער, אַזוי ווי אַן אַמאַטאָר־ליבהאָבער — דאָ זעט איר דעם עכטן קינסטלער, דעם גרויסן קינסטלער.

האָט איר געזען פּאָול באַראַטאָוון אין סטרינדבערגס „דער פאָטער", אין בערקאָוויטשעס „מאַשקע חזיר"? געדענקט איר די טיפע אַנטציקונג וואָס איר האָט דורכגעלעבט? די פולע מאָס צופרידנשטעלונג וואָס זיין שפּילן האָט אין אייך אַרויסגערופן? ס'איז ניט געווען קיין איבערשפּי־לונג; ניט געווען קיין ניט־דערשפּילונג; ס'איז געווען פּונקט ריכטיק. איר האָט ניט געפילט דעם ווידערווילן פון איבערשפּילן, די צערייצטקייט וואָס ניט־דערשפּילן רופט אַרויס. איר זענט באַראַטאָוון שטענדיק דאַנקבאַר וואָס ער ווייסט — וואָס ער באַזיצט דעם מזלדיקן חוש — פון „וויפל". און ער פאַרמאָגט די בייטיקע שוישפּילערישע מיטלען, די אימפּאָגירנדיקע פיגור, דעם שטאָלצן, דעם שטאַרקן, און ער קאָן שפּילן דעם געבראָכענעם, דעם נעבעכדיקן, דעם שוואַכן. ער איז דער קינסטלער וואָס איז געבוירן געוואָרן פאַר דער בינע...

*

און דאָך האָט עס געהאַלטן דערביי, אַז אין זיין יוגנט זאָל פּאָול באַ־

ראַטאָוו גאָר אָוועקגיין אויף אַ וועג וואָס האָט געפירט גאָרניט צו דער בינע. געזאָלט האָט ער זיך ווידמען דער מעדיצין; ער האָט באַקומען אַ דאָקטער דיפּלאָם אין כאַרקאָווער אוניווערסיטעט. ס׳האָט אים אָבער גע־צויגן צו דער בינע, צום טעאַטער. און אַלס סטודענט האָט ער זיך באַטיי־ליקט אין די סטודענטישע אויפפירונגען. שפּעטער פּראַקטיצירנדיק אין קליניק ביי טאָג, האָט ער אין די אָוונטן געשפּילט אין מאָסקווער קונסט־טעאַטער. דריי יאָר האָט ער אָפּגעשפּילט אין יאַוואָרסקאַיאַס טעאַטער אין פּעטערבורג און אין טעאַטער פון דעם אַנטיסעמיט אַלעקסיי סוואָרין, דער אַרויסגעבער פון דער שוואַרץ־מאהדיקער „נאָוואַיאַ וורעמיאַ״. זיין נאָמען איז שנעל געוואַקסן און די פּראָמינענטסטע טעאַטער־אונטערנעמער אויף דער פּראָווינץ, ווי סיניעלניקאָוו אין כאַרקאָוו און ווענאַמין ניקולין אין סעוואַסטאָפּאָל האָבן אים אַנגאַזשירט אין זייערע טעאַטערס, ווען באַראַ־טאָוו האָט גאַסטראָלירט אויסער די צוויי הויפּט־שטעט פון רוסלאַנד. דער געוועזענער דאָקטער — אַ מענטש מיט בילדונג און טעאַטער־קולטור — איז געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע קינסטלער פון דער רייכער רו־סישער בינע.

*

די יעניקע וואָס האָבן דעם כבוד זיך צו קענען פּערזענלעך מיט באַ־ראַטאָוון, ווייסן וואָס פאַר אַ פּראַכטפולער דערציילער ער איז. וועל איך דאָ פּרובירן איבערגעבן ווי אַזוי ער האָט זיך „אויפגעכאַפּט אין אַ וווּנדער־לעכן אינדערפרי״ און האָט זיך דערוווּסט „אַז ער איז באַרימט געוואָרן אין פּעטערבורג״.

ביז דאַן האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבער דער פּראָווינץ, געשפּילט אין קאָאָפּעראַטיווע טרופּעס „אויף מאַרקעס״. געפונען האָט ער זיך דע־מאָלט אין ניקאָלאַיעוו, ווו מען האָט דריי מאָל אַ וואָך געדאַרפט דורכמאַכן אַ פּרעמיערע, רעפּעטיציעס יעדן טאָג, און ביסלעכוויז אונטערהונגערן. פיזיש איז ער געווען דערשעפּט און דערשלאָגן. פּלוצלינג קומט אים אָן אַ טעלעגראַמע פון פּעטערבורג פון ל. ב. יאַוואָרסקאַיאַ, וועלכע האָט דעמאָלט

געהאַלטן אין עפענען איר „נייעם טעאַטער”. זי האָט פאַרגעלייגט באַראַ־טאָוון צו קומען שפּילן די הויפּט־מענער־ראָלן. אויף מאָרגן איז ער שוין געווען אויפן וועג קיין פּעטערבורג. די ערשטע ראָל וואָס יאַוואָרסקאַיאַ האָט אים אָנפּאַרטרויט איז געווען אַ קאָמעדיע „איבערגאַנגן”, געשריבן פון איר מאַן באַראַטינסקי.

„נו, האָב איך די ראָל פון נאַבלאָצקי אָפּגעשפּילט און בין אַוועק אַהיים שלאָפן. אויף מאָרגן האָבן די צייטונגען גענומען שרייבן פון מיר, און דאַן האָט גאַנץ פּעטערבורג גענומען ריידן. איך האָב פּשוט זיך אויפגעכאַפּט אַ... באַרימטהייט” — דערציילט ער מיט אַ שמייכל.

נאָך אַ פּיעסע וואָס האָט אין איר צייט געמאַכט אַ דערפאָלג אין רוס־לאַנד איז געווען „אַ גרויסער מענטש”. געשריבן פון דעם זשורנאַליסט קאַלישקי־באַמאַן. די פּיעסע האָט אין איר צייט געהאַט אַזאַ גרויסן דער־פאָלג, ניט אַזוי צוליב איר ליטעראַרישן ווערט ווי צוליב דער ענלעכקייט וואָס איר העלד האָט געהאַט צום פאַרשטאָרבענעם גראַף וויטע. מ'האָט באַראַטאָוון אַראָפּגעבראַכט קיין מאָסקווע ספּעציעל פאַר דער ראָל. פּע־טערבורג האָט ער שוין געהאַט איינגענומען. איצט האָט ער געהאַלטן אין פאַרווירקלעכן דעם גרויסן טרוים פון יעדן רוסישן קינסטלער, אויפצוטרעטן אין דער צווייטער — און קינסטלעריש דער מער וויכטיקער הויפּשטאָט, מאָסקווע.

„נו”, דערציילט באַראַטאָוו, „איך האָב ניט געפּלאַנעוועט צו שפּילן די ראָל אַזוי אַז זי זאָל זיין אַ קאָפּיע פון דעם באַרימטן פּרעמיער־מיניס־טער. איך האָב זיך געקליבן שאַפן אַ טיפּ פון אַן אייגנאַרטיקן רוס. איך בין אָנגעקומען קיין מאָסקווע און אויף מאָרגן בין איך אַריין אין אַ באַרבער שאָפּ. זיצנדיק אויף דער שטול האָב איך געהערט ווי צוויי מאָסקאָוויטן ריידן:

— קלייבט איר זיך אין טעאַטער צו זען וויטען?

„דערהערט די ווערטער”, דערציילט באַראַטאָוו ווייטער: „האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער מאָסקווער עולם האָט באַשטימט פאַרבונדן די פּיעסע מיט דער פּערזאָן פון וויטע און אַז מען טאָר זיי ניט אַנטוישן. האָב איך

גלייך געביטן מיין אויסגעאַרבעטן פּלאַן און האָב געשפּילט די ראָל „לויט וויטען״. ער האָט יענע ראָל געשפּילט 39 מאָל אין מאָסקווע און איינגענו־מען די צווייטע גרעסטע שטאָט אין רוסלאַנד.

טראָגן מיר אים צו אַ בלום אין דעם טאָג פון זיין יובל און מיר האָפן אים נאָך צו זען אַ סך מאָל אויף דער יידישער בינע און זיך קוויקן מיט זיין שאַפנדיקן, מיט זיין אַנטציקנדיקן טאַלאַנט. זאָל ער לאַנג ביי אונדז לעבן און שפּילן און יידישע הערצער דערפרייען!

אַפּריל, 1946

אברהם טייטלבוים — אַן ערנסטער און אינטעליגענטער אַקטיאָר

איך האָב אברהם טייטלבוימען געקענט אַ סך יאָרן. זעלטן ווען איך האָב אים געטראָפן אָן אַ בוך אין האַנט. אַפילו ווען ער האָט אַ בוך ניט גע־לייענט, האָט ער ליב געהאַט עס צו האַלטן לעבן זיך, פילן עס, גלעטן די טאָוולען, מישן די בלעטער. בלויז עכטע ליבהאָבער פון ליטעראַטור פאַר־שטייען דאָס געפיל פון האָבן ביכער אַרום זיך, אַפילו ביכער אין אַנדערע שפּראַכן, אין שפּראַכן וואָס מ׳פאַרשטייט ניט...

*

געווען איז עס באַלד נאָך דעם ווי ס׳איז אַרויס זיין בוך וועגן שעקס־פּירן. טייטלבוים איז אַרויפגעקומען אין רעדאַקציע פון „פאָרווערטס" מיט אַ בוך, אַ מתּנה פאַר אַ מיטאַרבעטער פון אונדזער צייטונג. יענער שריי־בער איז פּונקט דעמאָלט אין רעדאַקציע ניט געווען, איז טייטלבוים צוגע־גאַנגען צום יונגנמאַן וואָס נעמט אויף די באַזוכער און אים געבעטן אי־בערגעבן דאָס בוך דעם שרייבער. דער יונגערמאַן האָט פון אים גענומען דעם בוך, וואָס איז געווען איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּיר, און האָט עס נאָכ־לעסיק אַ וואָרף געטאָן צו זיך אויפן טיש.

דאָס בלוט האָט טייטלבוימען אַ זעץ־געטאָן אין פּנים, און ער, וואָס איז קיין מאָל ניט געווען פון די שרייענדיקע שוישפּילער, האָט ניט מיט זיין קול גענומען זיך בייזערן: „וואָס וואַרפט איר? איר ווייסט וואָס איר וואַרפט? ס׳איז אַ בוך! אַ בוך! מענטשלעכע געדאַנקען וואַרפט איר". דער יונגער־מאַן, אַליין דווקא אַן אינטעליגענטער מענטש, האָט זיך אַנטשולדיקט און האָט טייטלבוימען דערקלערט, אַז ער האָט ניט געמיינט צו וואַרפן דאָס בוך

אין דעם כאַראַקטער ווי איר, פריינד טייטלבוים, נעמט עס. נאָר זייענדיק פאַרהאַוועט, און אַ ביסל מיד אויך, האָב איך באמת ניט געפילט אַז — —.
האָט זיך טייטלבוים אַנטשולדיקט און איבערגעבעטן דעם יונגנמאַן...

*

טייטלבוים האָט ניט געקאָנט ווערן ליריש — כ׳מיין אויפריכטיק ליריש, אָפנהאַרציק — מיט מענטשן. כ׳וועל אָבער קיין מאָל ניט פאַרגעסן אַ נאָכמיטאָג וואָס ער און איך האָבן איין מאָל פאַרבראַכט אין אַ שטילן, זייטיקן רעסטאָראַן.ביידע זיינען מיר געווען אין אַ געדריקטער שטימונג. האָט ער זיך אָפּגערופן צו מיר: איר זייט דערשלאָגן? עפּעס דריקט אייך? איר ווייסט, ס׳וואָלט אייך געוואָרן אַ סך גרינגער אויפן ,געמיט ווען איר קאָנט זיך אַראָפּריידן פון האַרצן... אוי... מ׳דאַרף אָבער האָבן אַ ספּעציעלע מעלה צו דעם — אַראָפּריידן זיך פון האַרצן...

און דאַן האָט ער אַליין גענומען ריידן, „אַראָפּריידן זיך פון האַרצן״. ער האָט גערעדט אפשר דריי שעה אָן אַן אויפהער. איך בין געזעסן ווי אַ צוגעשמידטער צום שטול. ער האָט מיר דערציילט פון איינער פון די טראַגישע איבערלעבונגען וואָס אַ מענטש קאָן דורכמאַכן — אַ דראַמאַטישע איבערלעבונג פון זיין פּערזענלעכן לעבן. דער איינדרוק וואָס ביי מיר איז דעמאָלט געבליבן איז געווען — אַז דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס טייטלבוים האָט פון יענער פּאַסירונג וועמען דערציילט.

ס׳וואָלט גוט געווען צו ריידן, צו דערציילן. „אַראָפּריידן זיך פון האַרצן״ ווען די טראַגעדיע האָט אים געטראָפן. ער האָט, אָבער, ניט געקאָנט. האָט ער עס דערציילט אַ מאָל אין אַן אָוונט ווען ער איז געקומען אין טעאַטער זיך גרימירן.

„האָב איך אָוועקגעלייגט מיינע ביכער אויפן טישל, זיך אויסגעטאָן און גענומען זיך גרייטן צו מיין ראָל. פּלוצלינג איז גאָלדשמיט (יחיאל גאָלדשמיט מיט וועמען ער האָט געטיילט איין גאַרדעראָבע־צימער) צו מיר צוגעלאָפן, אַ כאַפּ־געטאָן מיינע ביכער, זיי אַ שמיץ־געטאָן אין אַ ווינקל און האָט אויף מיר גענומען שרייען: וואָס שווייגסטו? רייד, שילט, שריי

אַרויס דיין ווייטיק — אָבער שווייג ניט! הערסט? הער אויף צו שווייגן!
וואָס האָט ער געטאָן דעמאָלט?

ער האָט אויפגעהויבן די ביכער, זיי אַרומגעשטויבט, זיי צוגעדריקט צו זיך און ער האָט קיין מאָל ניט געקאָנט פאַנאַנדערקלייבן זיך צי ער האָט געוויינט אויף זיין אייגענעם מזל צי אויף די באַליידיקטע און פאַרשעמטע ביכער...

*

טייטלבוים איז געווען אַן אַקטיאָר און איז אויך געווען אַ גוטער רע־זשיסער. ליידער האָט ער אויף אונדזער בינע ניט געהאַט די געלעגנהייט זיך אויסצולעבן — אַלס רעזשיסער. ער האָט געאַרבעט מיט אַן אַמאַטאָרן־גרופּע אין שיקאַגאָ און האָט מיט זיי אויפגעפירט פּיעסן וואָס אין אַ קאָ־מערציעלן טעאַטער וואָלט אַזאַ פּיעסע ניט געבראַכט אין קאַסע אַפילו ניט אַ העלפט פון די אויסגאַבן, און אַ קאָמערציעל טעאַטער וואָלט ניט גע־קאָנט זיך פאַרגינען דעם לוקסוס אַזאַ פּיעסע צו שפּילן. האָט ער אַלע מאָל מיט גרויס הנאה גערעדט פון יענער צייט אין זיין קאַריערע.

אין די לעצטע יאָרן האָט ער געטראַכט פון אויפגעבן די בינע און זיך באַזעצן אין קאַליפאָרניע. אַזוי, יעדנפאַלס, האָט ער מיר עטלעכע מאָל גע־זאָגט. ער האָט עס, אָבער, אַלץ אָפּגעלייגט. וואָלט ער זיך געפילט צופרידן אָן טעאַטער? וועט דאָס לעבן ניט ווערן פאַר אים אַ יאָך? יעדעס מאָל וואָס ער האָט באַקומען אַ ראָל וואָס איז אים ניט געווען צום האַרצן, האָט ער גערעדט פון קאַליפאָרניע. ער וואָלט מסתם אַלע מאָל אַזוי גערעדט פון קאַליפאָרניע. ווייל אָפּרייסן זיך פון דער בינע איז פאַר טייטלבוימען געווען אוממעגלעך. ער האָט ליב געהאַט טעאַטער, ווייל טעאַטער איז גע־ווען ניט קיין פּראָפעסיע, ניט קיין פאַך פאַר אים, נאָר דער אינהאַלט פון זיין לעבן. מער ניט. וואָס מיט די יאָרן האָבן אַנטוישונג און פאַרדראָס און אַ ביסל פאַרביטערונג גענומען ווירקן אויף זיין לעבן און אויף דער ליבע צום טעאַטער.

דערפאַר האָט ער זיך אין די לעצטע יאָרן מער אָפּגעגעבן מיטן בוך.

אויב ניט שאַפן אויף דער בינע ווי אַ שוישפּילער, איז כאָטש שטודירן וועגן דער בינע. צוטראָגן מער וויסן, מער אינטעליגענץ און פאַרשטענדע־ניש צום יידישן טעאַטער.

אַזוי איז ער אין די רייפע יאָרן געשטאָרבן אַ פיינער אַקטיאָר, איינער פון די קינסטלער וואָס אַמאָל האָט מען זיי גערופן „ליטעראַרישע אַקטיאָרן". ער האָט פאַרמאָגט בינע־טעכניק, שוישפּילערישע שפּילעוודיקייט און ערנסטע באַציִונג צו דער בינע. ער איז געווען אַן אינטעליגענטער אַק־טיאָר. וואָס דאָס איז דווקא יאָ אַ גרויסע מעלה.

אַ שאָד וואָס ער איז אַוועק פון אונדז אַזוי פרי.

אָקטאָבער, 1947

איזידאָר קעשיר

איזידאָר קעשיר — אַ פעסטער, אויסגעהאַקט ווי פון אַ פעלדז — אַ קרעפּטיקע פיגור און אַ קרעפּטיקער שוישפּילער. אַז ער דריקט אייך די האַנט, ווייסט איר, אַז ער מיינט עס. און אַז ער באַגעגנט אייך, איז דער שמייכל אויף זיין ברייטן, רונדן פּנים אַ פולער, אַ באַשטימטער — ניטאָ קיין צווייזייטיקס, קיין אומבאַשטימטעס אין אים. איר ווייסט ווי איר האַלט מיט אים און איר קאָנט זיך פאַרלאָזן אויף אים.

שוין אַ סך יאָרן ווי איך קען זיך מיט קעשירן, אַ גוטע פּאָר צענדליק יאָר. קאָן איך זיך ניט דערמאָנען פון קיין איין פאַל ווען ער זאָל מיר האָבן געזאָגט אַ שלעכט וואָרט אויף וועמען ניט־איז פון דער טעאַטער־משפּחה. און ניט נאָר פון דער טעאַטער־משפּחה, אַפילו אויף קיין איין שרייבער האָט קעשיר קיין מאָל קיין פּגימה ניט געפונען.

מיט אַ צייט צוריק האָבן מיר גערעדט וועגן באַגעגענען זיך און מיר האָבן געטראַכט פון אַן אָרט ווו צו טרעפן זיך, האָב איך אים איינגעלאַדן אין רעדאַקציע פון „פאָרווערטס". געוויינטלעך האָבן שוישפּילער ליב צו קומען אין רעדאַקציע. די וועלט פון כאַפּ־לאַפּ, פון נערוועזער בחפזונ־דיקייט רייצט זייער אינטערעס. דער פּראָצעס פון „מאַכן" אַ צייטונג איז פול מיט מיסטעריע פאַרן דרויסנדיקן מענטשן, איבערהויפּט פאַר אַקטיאָרן וועלכע זיינען אַזוי ווי קינדער און שטייען ווי פאַרכישופט אין רעדאַקציע און אין „קאָמפּאָזינג רום". אָבער קעשיר האָט פון דעסטוועגן ניט געוואָלט אַרויפקומען אין רעדאַקציע. בעסער, האָט ער געוואָלט, זיך טרעפן ערגעץ אַנדערש. און אַז איך בין צו אים צוגעשטאַנען, האָט ער מיר דערקלערט, אַז אַרויפגיין אין רעדאַקציע און ניט זאָגן „העלאָ" אַלע שרייבער קאָן ער

ניט — קיין עין־הרע אַזוי פיל שרייבער אין „פאָרווערטס״, און דורכלאָזן אַ שרייבער, דאָס וויל ער ניט — ער האָט זיי אַלעמען ליב — איז דערפאַר בעסער זיך צו טרעפן ערגעץ אַנדערש. און ער האָט זיינס אויסגעפירט.

איך האָב קעשירן אויסגעזאָגט אַ סוד, אַז איך קלייב זיך אָנצושרייבן אַ סעריע קורצע אַרטיקלען פאַר דער טעאַטער־אָפּטיילונג פון „פאָרווערטס״ וועגן אַ צאָל פון אונדזערע בעסערע, ערנסטערע שוישפילער. ניט קיין שווערע אַרטיקלען, נאָר שטריכן און שטריכעלעך — כאַראַקטער־סקיצן. דער געדאַנק איז אים געפעלן און ער האָט געשיינט פון פרייד.

„אָבער ניט פון די סטאַרס וועל איך שרייבן״, האָב איך אים געווּאָרנט, „נאָר פון די שוישפילער, די גוטע וואָגיקע שוישפילער״.

עס האָט זיך צעלייגט נאָך אַ ברייטערער שמייכל אויף זיין גוטמוטיקן געזיכט. „אויב אַזוי וועט איר פון מיר אויך שרייבן״, האָט ער באַמערקט, „כ׳האָב שוין לאַנג־לאַנג קיין טעאַטער ניט געהאַט און קיין סטאַר בין איך אויך ניט״.

„וועלכע ראָל איז געווען אייער ליבלינג ראָל?״ — הייב איך אָן מיט זייער ניט קיין אָריגינעלער פראַגע.

„דערווייל האָט מיך נאָך קיין ראָל ניט צופרידנגעשטעלט״, ענטפערט ער מיר.

„אָבער פון די וואָס איר האָט יאָ געשפּילט, וועלכע האָט ביי אייך אויסגענומען פערזענלעך?״ — לאָז איך אים ניט אָפּ.

ער גיט אַ קנייטש זיין הויכן שטערן, טראַכט אַ ווײַלע און זאָגט:

„איצט אַז איך טראַכט פון זיי, זע איך, אַז מען וואָלט יעדע איינע פון זיי געקאָנט בעסער שפּילן״.

ער זאָגט אָבער יאָ, אַז די ערשטע ראָל זיינע אויף דער בינע איז געווען אַזוי קליין, אַזוי נישטיק, אַז אַ כאָריסט אין אַדלערס טעאַטער וועמען מען האָט פאָרגעלייגט די ראָל, האָט זיך אָנטזאָגט איר צו שפּילן. זי איז געווען אַזוי פּיצעפּאַנטשינקע קליין, אַז מען האָט איר אַפילו קיין נאָמען ניט געגעבן.

עס איז געווען אין אָסיפּ דימאָווס „שקלאַפן פון פאָלק", און קעשיר איז געווען אַ קאָסטאָמער וואָס האָט זיך געפּאַטשט אין בויך און האָט יעדע ווילע געזאָגט, „איך בין צופרידן". ווי אַזוי האָט ער יענעם ערשטן כאַראַקטער זיינעם געשאַפן? דערציילט ער, אַז ער איז איין מאָל אַריין אין אַ סאַלון אויסטרינקען אַ גלאָז ביר; האָט ער דאָרט געזען אַ ייִד, אַ פיש־הענדלער, וועלכער האָט אַליין אַ קאָרט אין האַנט ניט גענומען, נאָר ער האָט געהאַלטן אין איין געבן עצות די וואָס האָבן יאָ געשפּילט, און יעדעס מאָל וואָס איינער האָט געוווּנען האָט דער קיבעצער זיך געפּאַטשט אין בויך און האָט אָנגעקוואָלן, „איך בין צופרידן".

מיט יענער ברעקל ראָל האָט קעשיר מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק אָנגעהויבן זיין דראַמאַטישע קאַריערע אויף דער בינע. ביז דאַן איז ער אויסגעווען אַלץ אויף דער ייִדישער בינע — אַן אַשער, אַ דאָרמען, אַ דרעסער, אַ סופליאָר, אַפילו אַ דיריגענט — יאָ, אַ דיריגענט. ווען אַדלער איז מיט זיין טרופּע געפאָרן אויף דער פּראָווינץ און יוסף רומשינסקי האָט ניט געקאָנט מיטפאָרן, האָט ער „איינגעבראָכן" קעשירן, אים געוויזן ווען אָפּצושטעלן דעם אָרקעסטער און צוצוואַרטן ביז אַדלער וועט אָפּקרעכצן און — קעשיר האָט געמאַכט אַ „היט" אַלס מוזיקער. אין דערטראַיט האָבן דריי חזנים אַפילו באַזוכט אַדלערן אין „דרעסינג רום" און געפרעגט צי ער קאָן איבערלאָזן זיין „דיריגענט" ביי זיי — זיי האָבן „גלייך דערזען וואָס פאַר אַ גרויסער קינסטלער ער איז"...

בכלל, איז קעשיר איינער פון יענע זעלטענע שוישפּילער וואָס האָבן ליב צוצושרייבן אַ דערפאָלג אויפן חשבון פון עמעצן אַנדערש. ווען ניט יעקב פּ. אַדלער, וואָלט ער קיין מאָל קיין אַקטיאָר ניט געוואָרן. ער האָט דערפאָלג אויף דער ייִדישער בינע — זאָגט ער, אַז מאָריס שוואַרץ האָט אים פיל געהאָלפן אין דעם דערפאָלג. זיין פּנים איז ערנסט, די שוואַרצע אויגן זיינע ווערן שטרענג: „איך האָב מאָריס שוואַרצן אַ סך צו פאַרדאַנקען".

און ווער זיינען זיינע בעסטע פריינד, זיינע חברים אין טעאַטער? ער טראַכט אַזוי ווי ער וואָלט אין די געדאַנקען געוואָלט אָפּקלייבן „די

בעסטע״. און דאַן רופט ער זיך אָפּ: „איך וועל אייך זאָגן דעם אמת — איך פיל אַז אַלע זײַנען מײַנע פריינד״. און גלייך לאַכט ער זיך פאַנאַנדער. די אויגן טאַנצן אים אַזש פון פרייד: „איך לויף דאָך איצט פאַר אַ פּרע־זידענט אין דער יוניאָן. איז טאַקע גוט וואָס איך האָב ניט אויסגערעכנט ווער עס איז מײַן בעסטער פריינד״.

דער אמת איז אָבער, אַז ער באַטראַכט יעדן איינציקן שוישפּילער ווי אַן אייגענעם און ס׳טוט אים וויי ווען מ׳רעדט שלעכטס אויף אַן אַקטיאָר.

*

קעשיר איז געבוירן געוואָרן אין לאַנסקאָרינעץ, אַ שטעטל אין פּאָדאָ־ליער גובערניע. זײַן טאַטע און זײַן זיידע זײַנען געווען שוחטים און ער אַליין האָט זיך אויך געלערנט שחיטה. אָבער צו דרײַצן יאָר איז ער, אַ יתום, געקומען צו אַן אָנקל אין אַמעריקע. דאָ איז ער צו ערשט געוואָרן אַ „ניפּענטס״־נייער. אָבער ווי נאָר ער האָט דערזען יעקב פּ. אַדלערן אין „קעניג ליר״, אַזוי האָט ער געוואָרפן די אַרבעט און טאָג ווי נאַכט נאָכגע־גאַנגען דעם נשר הגדול — דעם גרויסן אַדלער.

פאַר די דרײַ צענדליק יאָר וואָס ער איז אַן אַקטיאָר האָט ער געשאַפן אַ סך, אַ סך טיפּן און כאַראַקטערן אויף דער בינע: ווערא אין ראָלאַנדס „וועלף״; יונה קברן אין זינגערס „יאָשע קאַלב״; דער פאָטער אין „די ברידער אשכנזי״; דער גלח אין „פּעטער דער גרויסער״; וועספּאַסיאָן אין פויכטוואַנגערס „יאָזעפוס״ — אַן אומפאַרגעסלעכע גאַלעריע פון אויסגע־האַמערטע געשטאַלטן.

ער אַליין איז אָבער דער אומפאַרגעסלעכסטער פון זיי — אַ גוטער מענטש, אַן אויפריכטיקער, אַ צוגעלאָזענער, אַן איינפאַכער. ס׳איז ניט שווער צו דערפילן פרײַנדשאַפט מיט אים — ס׳פעלט אים גרויסהאַלטעריי, פאַרשטעלטקייט, און — ער האָט ליב מענטשן. די דאָזיקע ליבשאַפט איז אַ באַשטימטע, אַ ממשותדיקע, אַזוי ווי ס׳איז באַשטימט און ממשותדיק אַלצדינג וואָס איזידאָר קעשיר זאָגט און טוט.

1948



פון רעכטס: חיים עהרענרייך, איזידאָר קעשיר, אַלעקסאַנדער אָלשאַנעצקי

חיים עהרענרייך

צילי אַדלער און דער שטרענגער קריטיקער

מאָריס שוואַרץ, דער גרינדער און לאַנגיאָריקער דירעקטאָר פון ייִדישן קונסט־טעאַטער, באַקלאָגט זיך, אַז אַ שרייבער איז אים באַפאַלן און לאָזט אים ניט אָפּ. ווילן מיר דאָ איבערדערציילן אַ מעשה וואָס באַווייזט, אַז אַ מאָל איז בעסער ווען א קריטיקער „באַפאַלט" יאָ, איידער ער שווייגט. אפשר וועט די מעשה דינען אַלס מוסר־השׂכּל סיי פאַר אַקטיאָרן און סיי פאַר קריטיקער...

אַגב, איז די מעשה ניט אונדזערע. מיר האָבן זי „אַנטליִען" ביי דער באַליבטער אַקטריסע צילי אַדלער. דאָס איז איינער פון די „נומערן" פון איר רייכן און קאָלירפולן רעפערטואַר. ס'איז ניט קיין אויסגעטראַכטע געשיכטע, נאָר אַ „מעשה שהיה", טאַקע אַ פאַקט:

ס'איז געווען נאָענט צו דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען צילי אַדלער און מר. דזשייקאָב קאָהען האָבן גאַסטראָלירט אין אַרגענטינע, אויף דער דאָרטיקער פראָווינץ, אין אַ געגנט פון גרויסע פאַרמס. דאָרט אין יענעם ייִשוב, אין אַ געביידע פון בלעך, איז געווען אַ טעאַטער, און ווען אַ טרופע פון בוענאָס־איירעס איז אַהינצו געקומען, האָט זי אין יענעם בלעכענעם „קונסט־טעמפל" געגעבן אירע פאָרשטעלונגען. די אַלע פאַרמערס פון דער געגנט, אויף אַ שטח פון פערציק, פופציק מייל, פלעגן קומען צו דער פאָרשטעלונג אויף זייערע וועגענער אָדער רייטנדיק אויף פערד, און ס'איז געווען יענע נאַכט יום־טובדיק אין דעם גאַנצן ראַיאָן.

אין איינעם אַזאַ אָרט, קאַפיזשאַ, אין אַזאַ מין טעאַטער, איז צילי אַדלערן אויסגעקומען צו שפילן אויף איר טורנע.

פאַר נאַכט, ווען זי איז אַריין אין טעאַטער זיך גרייטן צו דער פאָר־

שטעלונג, איז דער מענעדזשער אַריין צו איר אין „דרעסינג־רום" און געזאָגט:

„מיסס אַדלער, איך מוז אייך באַקאַנט מאַכן מיט אַ טשיקאַוון ענין. ווען דאָ אין טעאַטער ווערט געגעבן אַ פאָרשטעלונג און דער עולם קומט זיך צונויף — קומט מיט זיי אויך אַריין אַ גרויסער הונט. דער הונט פאַר־שטייט יידיש כמעט אַזוי גוט, אפשר בעסער ווי אַ שבת־גוי. ער ציט זיך אויס אין סאַמע צענטער פון דורכגאַנג אין מיטן זאַל און קוקט זיך צו צו דער פאָרשטעלונג. ער האָט הנאה אויך, ווייל ביי יעדן וויץ ווען דער עולם לאַכט, פּאַטשט ער מיטן וויידל און באַלעקט זיך פשוט. די אַקטיאָרן זינ־גען, טאַנצן, קערן א וועלט, און ער פּאַטשט מיטן עק און פירט זיך אויף סטאַטעטשנע, געמיטלעך. ער האַלט, קענטיק, פון קאָמעדיע, איבערהויפּט מוזיקאַלישע קאָמעדיע...

אַנדערש איז אָבער, ווען מען שפּילט דראַמע אָדער מעלאָדראַמע און די הויפּט־אַקטריסע פּירט אויף אַ רירנדיקע סצענע. ווען זי וויינט, וויינט דער הונט מיט. דאָס הייסט, ניט ער וויינט, נאָר ער וואָיעט, אַזוי ווי אַ הונט. איך זאָג דאָך אייך, ער פאַרשטייט מאַמע־לשון. פאָרט זיך געהאָדע־וועט צווישן יידן. זאָג איך אייך, מיסס אַדלער, כדי איר זאָלט ניט ווערן איבערראַשט און ס'זאָל אייך ניט אַרן — זאָל דער הונט וואָיען, איר טוט זיך אייערס"...

דערהערנדיק דאָס, איז צילי אַדלער געבליבן זיצן אַ פאַרגליווערטע.

„גאָט איז מיט אייך", איז זי ענדלעך געקומען צו זיך און באַקומען איר לשון: „וואָס רעדט איר? איך בין דאָך אַ דראַמאַטישע אַקטריסע, איך שפּיל אַ דראַמע און איך האָב איין סצענע ספּעציעל וואָס איז אָנגעפּי־קעוועט מיט געוויין... היסטעריקע... ווי וועל איך קאָנען שפּילן, אַז דער הונט וועט וואָיען? וואָס פאַראַ פּנים וועל איך האָבן? מ'וועט דאָך לאַכן אין טעאַטער. מענטש איינער, איך בין אַהערצו געפאָרן טויזנטער מייל; איך וויל דאָך אויסנעמען ביים עולם, איבערלאָזן דאָ אַ גוטן נאָמען... דער הונט וועט דאָך מיר דערהרגענען די גאַנצע פאָרשטעלונג. לאָזט אים ניט אַריין אין טעאַטער, דעם כלב... ווײ איז מיר, נאָר דאָס האָט מיר געפעלט,

אַ הונט אַ קריטיקער... לאָזט אים ניט אַריין!״

„דאַן וועט זיין נאָך ערגער״, האָט דער מענעדזשער אַ דערשלאָגענער געענטפערט. „ווען מען לאָזט אים ניט אַריין, קלאַפּט ער מיט די לאַפּעס אויף די בלעכענע ווענט און לאָזט פּשוט ניט שפּילן. דער הונט האָט סטראַשנע ליב טעאַטער״...

„נעמט מען אַ שטעקן און מען טרייבט אים אַוועק... מענטשן זאָלן מורא האָבן פאַר אַ הונט!״ — האָט די אַקטריסע בייז געזאָגט.

„מיר קאָנען ניט, מיסס אַדלער. דער אייגנטימער פון דעם הונט איז דער אייגנטימער פון טעאַטער — אַ גוי, אַ רשע מרושע. דער הונט איז ביי אים דאָס אויג אין קאָפּ... ער וועט אונדז גלייך אַרויסטרייבן פון טעאַטער. ער גייט אַרום מיט אַ געלאָדענער ביקס און איז גרייט צו שיסן יעדן איי־נעם וואָס פאַרמעסט זיך אויף זיין כּלב... מיסס אַדלער, דער הונט איז אַ טעאַטער־גייער און מיר קאָנען אים ניט טשעפּען... נאָך אַלעמען, איר וועט אַוועקפאָרן, און מיר מוזן דאָ בלייבן... וואָס אַרט אייך? ס׳איז דאָך בלויז איין פאָרשטעלונג. וואָס אַרט אייך אַז דער הונט וועט וואָיען? אים געפעלט דאָך די סצענע, אַז ער פאַרגייט זיך אַזש״.

צילי אַדלער איז אַן אַקטריסע מיט אַ האַרץ. קיין מרשעת איז זי קיין מאָל ניט געווען, און סוף כּל סוף — מיט אַ שווערן געמיט איז זי אַוועק פון דער בינע...

און דערנאָך — מען האָט געשפּילט ה. קאַלמאַנאָוויטשעס אַ דראַמע, קומט צילי אַדלער אויף דער בינע מיט איר חתן. מען פירט זי אונטער דער חופּה. פּלוצלינג קומט אָן די וויסטע בשׂורה, אַז איר קראַנקע מאַמע איז געשטאָרבן. די סצענע, קאָן אַ קינד פאַרשטיין, פאָדערט שפּיל און טרערן — אַ סך טרערן. אָבער צילי אַדלער האָט ניט געוויינט — זי האָט מורא געהאַט אַ קרעכץ צו טאָן, דער הונט זאָל ניט אָנהייבן וואָיען. זי האָט די וויסטע בשׂורה אויפגענומען בלויז מיט אַ פאַרקרימטן פּנים — מיט אַ האַלב־פאַרקרימטן פּנים, דער הונט זאָל, חלילה, ניט דערזען.

דער פאַרהאַנג איז געפאַלן אויפן ערשטן אַקט און דער אַפּלאָז איז געווען אַ גאָר שוואַכער. דער עולם איז געזעסן אַן אַנטוישטער — אַט

דאָס איז צילי אַדלער?... אפשר בלאָפט מען אים... וואָס פאַר אַן אַקטריסע איז עס?... מען זאָגט איר אַן אַז די מאַמע איז געשטאָרבן און ס׳אַרט איר ווי די וואַנט... דעם עולם איז געוואָרן פאַרדעכטיק...

אין צווייטן אַקט איז געקומען דער קלימאַקס פון דער פיעסע — סצע־נעס פון היסטעריקע, קאַמף מיט די ברידער, מיטן פאָטער — געוויין — גרויס־דראַמאַטישער שפּיל, מיט שווונג און פאַרנעם. מיסס אַדלער האָט גענומען שפּילן, אָבער מיט איין אויער אָנגעשפּיצט — אפשר וואָיעט שוין דער הונט? ניין, ער איז שטיל, דער כּלב. האָט זי גענומען שפּילן אַ ביסל דרייסטער, מיט אַן אַקטאַווע העכער, מיט אַ טאָן שטאַרקער — נו, ער וואָיעט?... ער שווייגט... שווייגט...

האָט מיסס אַדלער אויפגעשלאָסן איר טעמפּעראַמענט און גענומען שפּילן! מיט איר געוויינטלעכן טעמפּאָ, מיט אַן אימפּעט וואָס זי קאָן פון דעסטוועגן מיטן חוש פון אַ קינסטלערין קאָנטראָלירן; זי שפּילט ווי אַ ווירטואָז אויף זיין אינסטרומענט, און דער עולם ווערט באַהערשט פון איר כּישוף, ווערט באַצויבערט פון איר קונסט. דער טעאַטער ווערט אַזוי ווי אָנגעהיצט, און דעם געמיט פון עולם קאָן מען ממש מיט דער האַנט אָנ־טאַפּן — זידט און קאָכט און איז צעוויגט. און פּלוצלינג —

„וואָס איז מיטן הונט? פאַר וואָס שווייגט ער? פאַר וואָס נעם איך ניט דעם הונט?!" צילי אַדלער איז געשטאַנען אַ רגע ווי אַ פאַרגליווערטע. ווי אַ שאַרפער מעסער האָט דער געדאַנק איר אַ שניט געטאָן אין האַרצן: אוי, איך נעם דאָך ניט דעם הונט!... פאַר וואָס שווייגט ער?... ער דאַרף דאָך וואָיען, דער ממזר!...

האָט זיך אין צילי אַדלערן צעקאָכט די אַקטיאָרישע אַמביציע. זי וועט אים נעמען דעם כּלב — און זי האָט איצט ערשט גענומען שפּילן! האָט זי געשפּילט! יאַשאַ חפץ אויף זיין פידל און וולאַדימיר האָראָוויץ אויף זיין פּיאַנאָ, פּיאַטיגאָרסקי אויף זיין טשעלאָ און סעגאָוויאַ אויף זיין גיטאַרע האָבן נאָך אַזוי ניט געשפּילט ווי צילי אַדלער האָט ביי יענער פאָרשטעלונג געשפּילט — געוויינט און געיאָמערט, גערעדט און זשעסטיקולירט — אַלץ פאַרן הונט, כּדי צו רירן זיין כּלבדיק האַרץ — ער זאָל אָנהייבן וואָיען,

אַזוי ווי ער האָט געוואָיעט ביי אַנדערע פאַרשטעלונגען, ווען אַנדערע אַק־טריסעס זיינען היסטעריש געוואָרן אין שפּילן.

דער הונט האָט אָבער ניט געוואָיעט...

אמת, דער עולם, ווען דער פאָרהאַנג איז געפאַלן, האָט געשטורעמט און געוויגט זיך, געשריִען „ביס", געוואָרפן היטלען אויף דער בינע, ניט אויפגעהערט צו אַפּלאַדירן און אַרויסרופן צילי אַדלער. זי איז אַרויס אָבער אַ מאָל און ווידער אַ מאָל, געבייגט זיך און געשמייכלט, און זי איז געווען טיף אומגליקלעך —

דער הונט האָט ניט געוואָיעט!... „אַ הונט איז דאָך אַ נאַטור־קינד — אויפריכטיק אין זיין איינפאַכקייט — אַ געבוירענער מבין, אַן אינ־סטינקטיווער קריטיקער... פאַר וואָס, פאַר וואָס האָט ער ניט געוואָיעט?!"...

דערשלאָגן, צעבראָכן, טיף אומגליקלעך, איז צילי אַדלער אַריין אין גאַרדעראָב־צימער. אַלעמען, אַלעמען איז זי געפעלן, נאָר ניט דעם הונט. ביי אַלעמען האָט זי אויסגענומען — ניט ביים הונט... זי איז אַראָפּגעזונ־קען אויף איר קושעטקע, און טרערן, ביטערע טרערן פון ווייטיק זיינען איר גערונען איבער די פאַרשמינקטע באַקן.

„מיסס אַדלער! מיסס אַדלער! איר זייט געניאַל! איר זייט... איר זייט געטלעך", איז דער מענעדזשער אַ צעקאָכטער אַריינגעלאָפן צו איר אין צימער — „איר וועט דאָ מוזן ווידער שפּילן... איר..."

ער האָט דערזען אירע טרערן, איר פאַרקרימטן געזיכט, און איז גע־בליבן שטיין אַ פאַרשטיינערטער. „מיסס אַד... לער, וו־וואָס איז געשען?"

„פאַר... פאַר וואָס האָט ער געשוויגן?!" — האָט זי אַרויסגעיאָמערט.

„ד... דער הונט... ער האָט ניט געוואָיעט... ער האָט ניט געוויינט!"...

— האָט די אַקטריסע אַ צערודערטע פון אַ טאָג פאָרן מיטן אויטאָבוס, צוגרייטונגען, טעאַטער־פיבער, און איצט אַנטוישונג צוליב דעם פיר־פיסיקן מבין, אַרויסגעיאָמערט.

„אָה־אָה!" — האָט דער מענעדזשער ענדלעך זיך געכאַפּט וועגן וואָס זי רעדט. — איך האָב אייך פאַרגעסן זאָגן, מיסס אַדלער — מיין שולד — דער הונט איז ניט געקומען צו אַ פאַרשטעלונג...".

צילי אַדלערס נערוון האָבן ניט אויסגעהאַלטן און מ׳האָט זי געדאַרפט מינטערן מיט חלשות־טראָפּנס...

*

פון אָט דער אמתער, ניט־צוגעטראַכטער פּאַסירונג קאָן מען אָפּלערנען אַ גרויסן מוסר־השכל:

ס׳איז אַ מאָל בעסער, אַ סך בעסער, ווען דער קריטיקער קומט יאָ אין טעאַטער. די נערוון דאַרפן ניט זיין געשפּאַנט פון דערוואַרטונג און מורא און מ׳קאָן אויך איינשפּאָרן חלשות־טראָפּנס...

יאַנואַר, 1950

אויף אַ מסיבה

פון רעכטס: **חיים עהרענרייך, צילי אַדלער, הערי הוירשפילד**

אַ באַגעגעניש מיט הערי גאָז

דער ערשטער איינדרוק וואָס איר באַקומט ווען איר באַגעגנט זיך מיט דעם אַקטיאָר, איז די גוטסקייט פון זיינע אויגן און פון זיין שיינעם געזיכט. און בעת דעם געשפּרעך מיט אים, האָב איך געזוכט עפּעס אַ פּגימה אין אָט־אָ דער גוטסקייט, און ניט געקאָנט געפינען. הערשל אָדער הערי גאָז איז די אָפנהאַרציקייט און גוטסקייט אַליין. געוויינטלעך האָט אַן אַקטיאָר שלעכטס צו זאָגן וועגן זיינע קאָלעגן, אָבער ניט מר. גאָז. צי עס זיינען די פיר „טביהס" וואָס זיינען געקומען פאַר אים, צי אַנדערע קאָלעגן, מיט וועלכע ער האָט געשפּילט טעאַטער איידער ער איז אַריין אין „דהי פידלער אָן די רוף" — וועגן אַלעמען האָט ער אַ גוט וואָרט. און ער מיינט עס.

נאָך אַ מעלה, וואָס וואַרפט זיך גלייך אין די אויגן, איז הערי גאָזס איינפאַכקייט. ער פּוצט זיך ניט; ער איז די פּשוטקייט אַליין און, נאַטיר־לעך, דאָס געווינט אים די הערצער פון אַלע די, מיט וועלכע ער באַ־געגנט זיך.

דער פאָטער זיינער, איציק גאָז, קומט אַהער פון אַנטעניוווקע. געקומען איז דער פאָטער אַהער אין 1912 און דער זיידע איז אויך געקומען אַהער, און הערי גאָז רעדט מיט גרויס ליבשאַפט וועגן זיינע טאַטע־מאַמע און וועגן דעם זיידן. זיין טאַטע איז געבוירן געוואָרן אין ברעזנאַ. אין דער על־טער היים זיינען דער טאַטע און דער זיידע געווען שניידער. אַזוי ווי אין אַנטעניוווקאַ איז פאָרגעקומען אַ חתונה, זיינען דער זיידע און דער טאַטע העריס באַשטעלט געוואָרן צו נייען קליידער פאַר די מחותנים. זיי איז זייער שטאַרק געפעלן דאָס ייִדישע לעבן אין אַנטעניוווקאַ. די ייִדן דאָרט האָט זיך געלעבט פרייער. די ייִדן האָבן געקאָנט פאַרמאָגן לאַנד אין

אַנטעניווקאַ. דאָס איז געווען דער איינציקער פּלאַץ אין רוסלאַנד אָדער פּוילן, וווּ ייִדן האָבן געקאָנט זיין די אייגנטימער פון גרויסע געשעפטן. די ערד האָבן זיי ניט געקאָנט פאַרקויפן. זיי האָבן בלויז געהאַט די רעכט דאָס צו פאַרמאָגן.

די לעגענדע דערציילט, אַז די ייִדן האָבן געטאָן עפּעס אַ טובה ניקאָ־לאַי דעם ערשטן, און אַלס אַ באַלוינונג האָט דער צאַר געגעבן די ייִדן אַט די רעכט.

הערי גאָז גיט איבער אַ טשיקאַווען אינצידענט, וואָס איז זיך פאַר־לאָפן צווישן זיין טאַטן, ניסעלע ראָזענבאַום און לייבעלע וואַסערמאַן, אַלע פון זיי שניידער, און וועלכע זיינען אַוועק קיין אַנטעניווקאַ נייען קליידער פאַר אַ חתונה. דאָרט זיינען געווען עטלעכע גוייִם, וועלכן האָבן זיך אָנגע־הויבן טשעפּען צו די ייִדן. האָבן די ייִדן זיך ניט געפוילט און האָבן די גוייִם געשלאָגן מכּות רצח און זיי אַרויסגעטריבן פון שטעטל. און ווען די גוייִם האָבן געסטראַשעט אַז זיי וועלן גיין צום גאָרדאָוואָי, האָבן די ייִדן זיך אויסגעלאַכט פון זיי, — דער גאָרדאָוואָי איז אויך געווען אַ ייִד. די גוייִם האָבן פאַרווּנדערט געהויבן די פּלייצעס: — אַ ייִדישער גאָרדאָוואָי... זיי האָבן קיין מאָל ניט געהערט אַזוינס...

*

הערי גאָז איז געבוירן געוואָרן אין סיינט לואיס, וווּ זיין פאָטער, איציק, האָט חתונה געהאַט מיט עלקען. ער האָט באַקומען אַ ייִדישע דער־ציִונג און ביז בר־מיצווה געלערנט ביי יעקב גאַסייאָוו. ער איז פיר יאָר אַלט געווען ווען ער האָט אָנגעהויבן לערנען אין אַ קליינעם חדר. איינע פון די ,מתּנות׳ וואָס ער האָט געירשנט פון זיין ייִדיש־לערנען איז, וואָס ער קאָן שרייבן ענגליש, אַזוי ווי ייִדיש, אויף צוריק. ער רעדט און שרייבט ייִדיש און העברעיִש; בלויז פון צייט צו צייט ווערט ער געשטרויכלט מיט אַ ייִדישן וואָרט.

זיין רבי, דוד ריס, האָט אים געשיקט אין פאַרשידענע שולן אין דער

געגנט, ווייל הערשל איז געקומען פון אַ „געמישטער" היים — זיין טאַטע איז געווען אַן אָרטאָדאָקס און זיין מאַמעס פאַמיליע איז געווען קאָנסער־וואַטיוו. „אויסגעפירט" האָט די מאַמע, און הערי איז געוואָרן בר־מיצווה אין שול פון דער קאָנגרעגיישאָן „בני־אמונה".

מיט חזן גאַסייאָוון האָט ער זיך באַקענט אין „בני אמונה", און יע־נער האָט אים דערמוטיקט צו זינגען. זיין טאַנטע און אָנקל האָבן פאַר אים אויפגעזוכט אַ לערער אין געזאַנג, לואיזע קרעגער, ביי וועמען ער האָט שטודירט מוזיק זיבן יאָר. זיין פּראָפעסיאָנעלע קאַריערע אַלס זינגער האָט זיך אָנגעהויבן אין נאַכט־קלובן. געזונגען האָט ער פּאָפּולערע, לייכטע אָפּערע און אָפּערעטישע מוזיק. פון דאָרטן איז ער אַריין אין דער שטאָ־טישער אָפּערע אין סיינט לואיס. זומער־צייט האָט ער געזונגען אין „זו־מער־סטאָק". דאַן איז ער אָנגעקומען אין ניו־יאָרק. דאָס איז געווען אין 1956.

די ערשטע פּיעסע, אין וועלכער ער איז „געפּיטשורט" געוואָרן, איז געווען „באַזשור", ווו ער האָט זיך געטראָפן מיט הערשל בערנאַרדין. הערי גאָז האָט געדאַרפט שפּילן הערשלס ראָל צוויי וואָכן צייט.

בעת ער האָט געשפּילט בערנאַרדיס ראָל אין „באַזשור", איז הערי אַנגאַזשירט געוואָרן פון אַן אַגענט, וועלכער האָט אים פאַרטראָטן אין דער ראָל פון לייזער וואָלף אין „פידלער אָן דהי רוף". מען האָט אים „פאַר־הערט" פינף מאָל פאַר דער ראָל פון טביה, און דער באַשלוס איז געווען, אַז ער איז צו־יונג פאַר דער ראָל.

דאַן האָט מען אים „גערעיזט" און ער איז אַריין אין דער ראָל פון אַברהם דער ביכער־פאַרקויפער אין אויגוסט 1966. נאָך אָנדערטהאַלבן מאָ־נאַטן אין דער ראָל, האָט מען אים ווידער „פּראָמאָטעד" פאַר דער ראָל פון קצב, און דעם 6טן נאָוועמבער פון 1967, איז ער געוואָרן „טביה".

מר. גאָז „באַרימט" זיך מיט דעם וואָס אין זיין גאַנצער קאַריערע האָט ער פאַרפעלט בלויז צוויי און אַ האַלב מאָל אויפצוטרעטן אין אַ ראָל.

וועגן זיין ראָל אין „טביה״ זאָגט ער, אַז ער קאָפּירט זיין זיידן. ווען ער שפּילט, פילט ער אַז אַזאַ מענטש איז געווען זיין זיידע, — אַ גוט־האַרציקער, אַ לוסטיקער, מיט אַ פיינעם חוש פאַר הומאָר. ער האָט גע־הייסן חיים, דער זיידע.

און אַזוי האָבן מיר אויסגעהערט הערי גאָז, און פאַרגעסן, אַז ער איז אַ סטאַר אין דער פּאָפּולערסטער „מיוזיקל קאָמעדי״ אויף בראָדוויי, — אַזוי איינפאַך און צוגעלאָזן איז ער...

ביים געפֿאַלענעם פֿאָרהאַנג

לייב קאַדיסאָן

אין איין וואָך האָט דער יידישער טעאַטער פאַרלוירן צוויי אָנגעזעע־נע און וויכטיקע קינסטלער־פּערזענלעכקייטן, לייב קאַדיסאָן און מישאַ גערמאַן.ביידע זיינען זיי געווען ליבע מענטשן און פיינע, איידעלע קינסט־לער. זייער אַוועקגיין איז אַ פאַרלוסט פאַרן יידישן קולטור־לעבן און ספּע־ציעל פאַר דער בינע.

אויב ס'איז ווען געווען אַן אידעאַליסט ביים יידישן טעאַטער, איז עס, אַן גוזמא, געווען לייב קאַדיסאָן. ער האָט אין גאַנצן זיך, זיין פאַמיליע און זיין האָב און גוטס — געווידמעט דעם טעאַטער, און אַלץ לשמה, ווייל ער האָט ליב געהאַט די בינע און ווייל ער האָט אַזוי פאַרליבט געגלייבט אין דעם יידישן וואָרט.

אין די ערשטע מיטעלע יאָרן האָט ער מיט לייב און לעבן זיך אַריינ־געוואָרפן אין דער אַרבעט פון גרינדן די טרופּע וועלכע איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אַלס די ווילנער טרופּע. געווען איז עס אין ווילנע אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט די שטאָט, „ירושלים דליטא", וואָס איז געלעגן אַ הילפלאָזע אין די אָרעמס פון הונגער, ביטערער קעלט און מגפות. אין 1915 זיינען מענטשן בוכ־שטעבלעך פאַרפרוירן געוואָרן אין די הייזער און געפאַלן פון הונגער אין מיטן גאַס. ס'איז געווען אַ שרעקלעכע וויסטע צייט — מלחמה־יאָרן אין אַן אָקופּירטער שטאָט.

און דווקא דעמאָלט האָט קאַדיסאָן מיט אַ גרופּע יינגערע מענטשן פון אים, זיך גענומען צום טעאַטער. מען האָט געדאַרפט האָבן איבערמענטש־לעכן גלויבן, אַן אַ שיעור אידעאַליזם און ממש אייזערנע גבורה אַריינ־

צוואַרפֿן זיך אין אַזאַ צייט אין „טעאַטער". לייב קאַדיסאָן האָט זיי פֿאַר־מאָגט.

ער איז געגאַנגען צו דער עבודה פֿון טעאַטער ניט ווייל ער האָט גע־האָפֿט צו ווערן רייך, ניט ווייל ער האָט געוואָלט באַוווסט ווערן בכל תפוצות העולם, ער האָט זיך גענומען צום טעאַטער, ווייל ער האָט אַנ־דערש ניט געקאָנט. ביים טעאַטער האָט ער געפֿילט, אַז ער קאָן זיך אויס־לעבן קינסטלעריש, און ביים טעאַטער האָט ער געקאָנט צוטראָגן זיין חלק צום יידישן קולטור־אוצר.

ניט קיין גרינג לעבן האָט ער ביים טעאַטער געהאַט. גאָר שווער איז געווען זיין אַרבעט. ער איז געווען „געשטראָפֿט" מיט באַלעבאַטישער איידלקייט, מיט עניוות; ניט פֿאַרמאָגט די אַלע קליינלעכקייטן פֿון קינאה־שינאה, וואָס ברענגען צו אַלדאָס בייז... דאָס זיינען אַלץ קוואַליפֿיקאַציעס וואָס אָן זיי איז שווער, זייער שווער אויסצוקומען ביים טעאַטער אין אַמע־ריקע. האָבן שוישפּילער און רעזשיסערן מיט אַ סך ווייניקער טאַלאַנט ווי קאַדיסאָן און אָן ליבע צום טעאַטער פֿאַרנומען פּאָזיציעס, וואָס קאַדיסאָן איז ראוי געווען זיי צו פֿאַרנעמען — מיט זיין טאַלאַנט, מיט זיין איבערגע־געבנקייט און מיט זיין גרויסן אידעאַליזם — אָבער ווייל ער האָט ניט פֿאַרמאָגט די שטאַרקע עלנבויגנס, איז ער ניט צוגעקומען...

אים איז ניט לייכט געווען איינצושאַפֿן זיך פֿריינד און, דאָס מיינט איינפֿלוס. ער איז ניט געווען פֿון די מענטשן וואָס קאָנען גלייך נעמען קלאַפּן אין פּלייצע און ווערן אַ „גוטער ברודער" און ריידן אויף „דו"... אַ שטילער, אַן אינזיכבניק, האָט ער געטראָגן אַ וועלט אין זיך און ניט געקאָנט טיילן מיט דער דרויסנדיקער וועלט אָט די געדאַנקען און פּראָ־יעקטן וואָס אַנדערע שרייען עס אויס...

לייב קאַדיסאָן איז געווען אַן עכטער קינסטלער. ער איז אויך גע־ווען אַ גוטער מאָלער און אַ גוטער סקולפּטאָר. זיינע מאָלערייען און זיינע סקולפּטאָרישע אַרבעטן — אויסגעקנאָטן אַפֿילו פֿון שטיקער ברויט — פֿאַרשאַפֿן איצט אַ סך גענוס די פֿריינד וועלכע האָבן די זכיה געהאַט זיי צו באַקומען פֿון אים ווי מתנות. אין דעם אייגן־קרייז פֿון זיין פֿאַמיליע און

פון זיינע נאָענטסטע פריינד האָט ער זיך געעפנט און מ׳האָט געפילט אין אים דעם קינסטלער פון גאָר אַ היפשן פאַרנעם. אַ שאָד, באמת אַ שאָד, וואָס ער איז ניט געווען, לויטן טעמפּעראַמענט און כאַראַקטער־געבוי, צו־געפּאַסט צו אַמעריקע, אָדער וואָס אונדזער ייִדישע אַמעריקע איז ניט גע־ווען צוגעפּאַסט צו אים.

די וואָס האָבן אים גוט געקענט, קאָנען זיך ניט אָפּוווּנדערן פון דער זעלטענער היימישער סביבה — קולטור סביבה — וואָס האָט עקסיסטירט ביי אים אין הויז. ער און זיין פרוי, חנה קאַדיסאָן, זיינען אַלע מאָל גע־ווען פריינדלעך, עכט מכניס־אורחדיק צו יעדן איינעם, וואָס איז אַריבער־געטראָטן די שוועל. אויך אַ ווילד־פרעמדער מענטש איז ביי אים אין שטוב געוואָרן גלייך אַן אייגענער. קאַדיסאָנס אייל־מאָלערייען אויף די ווענט, די ייִדישע ביכער אין די שראַנקען, דאָס פּיאַנאָ־שפּילן פון זיין טאַלאַנטפו־לער טאָכטער פּאָלאַ. ליובאָס שלאַנקע פיגור און איר עקזאָטישער פּנים און, ועל כולם, לייב און חנה קאַדיסאָן אַליין — דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַ וואַרעמע, אַ נשמהדיקע אַטמאָספער אין שטוב, און מען האָט געמוזט זיך פילן היימיש.

טראַכט מען אָבער פון לייב קאַדיסאָנס לעבן, ווערט אומעטיק. דער־פילט מען זיך שווער. ער האָט געהאַט אַ שווער לעבן. ער, דער טאַלאַנט־פולער מענטש, וועלכער איז געווען געבענטשט מיט אַזוי פיל גרויסע קינסטלערישע מעלות, האָט געמוזט שטיין אין דער זייט פון אונדזער בינע. ער איז טעטיק געווען הינטער די קוליסן און ניט אויף דער בינע. אַלע זיינע פּלענער און המצאות זיינען אַוועק אין ניוועץ. קאַדיסאָן מיט אַלע זיינע גרויסע מעלות און פעיִקייטן, האָט אין אונדזער טעאַטער זיך ניט אויסגעלעבט. און אַזוי איז ער אַוועק פון אונדז.

לייב קאַדיסאָן, וואָס האָט געהאָלפן אַריינשרייבן איינעם פון די שענס־טע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער, דעם קאַפּיטל „וויל־נער טרופּע״, האָט ניט געפונען זיין וועג אין אונדזער טעאַטער!

רו בשלום, ליבער, טאַלאַנטפולער לייב קאַדיסאָן!

אָקטאָבער, 1947

חיים עהרענרייך

מישאַ גערמאַן

מישאַ גערמאַן האָט געהאַט אַ גרויסע לוויה. טויזנטער מענטשן זיינען געקומען זיך געזעגענען מיט אים. ער אַליין וואָלט געווען פון דעם שטאַרק איבערראַשט, ווייל ער איז געווען אַ באַשיידענער מענטש און אַ באַשיידע־נער אַקטיאָר. איך האָב גערמאַנען געקענט אַ פּאָר צענדליק יאָר און איך האָב קיין מאָל ניט געהערט אים ריידן פון זיך און פון זיין אַרבעט. אַפילו פון לוסי גערמאַנס שפּילן האָט ער קיין מאָל ניט גערעדט; און איר האָט ער, אייגנטלעך, געווידמעט זיין רעזשיסערישע אַרבעט. צוליב איר האָט ער זיין אייגענע שוישפּילערישע אַמביציעס קאָנטראָלירט און איינגעהאַלטן. און געטאָן האָט ער עס גערן, ווייל ער האָט זייער געהאַלטן פון לוסיס שוישפּילערישע פעיִקייטן. זי האָט אויך אויסגענומען ביים עולם.

ווען איך טראַכט פון אים, דערזע איך אַ שיינעם, פעסטגעבויטן מאַן, מיט אַן אויסערגעוויינטלעך־סימפּאַטישן ייִדישן פּנים. ער איז געווען נעט, סיי אינערלעך, סיי אויסערלעך. גלייך ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָט ער דערוואָרבן צוטרוי. זיין אָנגענעמער שמייכל, וואָס האָט זיך געדונצלט אויף זיינע ליפּן און אין די גרויסע ייִדישע אויגן, האָט צוגעבונדן צו אים. ס'איז געווען גוט מיט אים זיך צו באַגעגענען. ער איז געווען איינער פון דער קליינער צאָל אַקטיאָרן וואָס האָבן ניט קיין טענות און קיין פאָדע־רונגען צו דער וועלט. אַפילו ווען ער האָט געהאַט קריוודעס — און וועל־כער קינסטלער האָט עס ניט קיין גערעכטע קריוודעס אין אַ וועלט וואָס באַטראַכט קונסט און קינסטלער ווי אַ לוקסוס? — האָט ער זיי געהאַלטן פאַר זיך און ניט געווען קיין מאַנער.

גערמאַן, ווען ער איז געווען דער רעזשיסערישער אָנפירער פון אַן

אייגענער טרופּע, האָט ניט געשפּילט דווקא ליטעראַרישע פּיעסן. זיינע אויפפירונגען האָבן אָבער אַלע מאָל זיך אויסגעטיילט מיט אַ שטרעבונג צו ריינקייט, און האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט גוטן געשמאַק. „די אייביקע מאַמע" איז געווען מעלאָדראַמע און וואָלט די פּיעסע אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַ שאַבלאָנעם טעאַטער־מענטש, וואָלט זי אָפּגעשטויסן מיט אירע גרילצנדיקע טענער. אָבער מישאַ גערמאַן האָט אין זיין אויפפירונג געזוכט צו פאַרמענטשלעכן די כאַראַקטערן און פאַרטושן די מער־מעלאָ־דראַמאַטישע מאָמענטן. און אַזוי האָט ער געשטרעבט צו אַ מענטשלעכן טאָן, צו בעסערן געשמאַק אין יעדער פּיעסע וואָס ער האָט אויפגעפירט אין פאָלקס־טעאַטער און אין האָפּקינסאָן־טעאַטער, אין ראָלאַנד־טעאַטער און אין די טעאַטערס איבערן לאַנד.

ער האָט זיך באַצויגן זייער ערנסט צו זיך אַלס קינסטלער. איך האָב בייגעוווינט אַן אינצידענט וואָס האָט באַלויכטן גערמאַנס חוש פון פאַ־ראַנטוואָרטלעכקייט. עס איז געווען אַ גענעראַל־פּראָבע פון אַ שבועות אויפפירונג וואָס דער נאַציאָנאַל־פאָנד האָט דורכגעפירט אין קאָמאָדאָר האָטעל. די גענעראַל פּראָבע איז פאָרגעקומען נאָך מיטאָג און די פאָרשטעלונג אין אָוונט. די פּראָבע איז צוגעגאַנגען נאַטירלעך, לאַנגזאַם און מיט מאַטערניש, ווי ס'איז די טבע פון אַזעלכע צוגרייטונגען. אין אַ זייט איז געשטאַנען מישאַ גערמאַן און זיין שיינער פּנים איז געווען פאַרכמורעט.

„וואָס איז, גערמאַן? איר פילט ניט מיט אַלעמען? — האָב איך אים געפרעגט.

„כ'פיל ניט גוט, מיין פריינד", האָט ער שטיל געענטפערט.

„אפשר זאָלט איר היינט ניט שפּילן?"

„ווען ס'איז ניט דער נאַציאָנאַל־פאָנד וואָלט איך טאַקע געבעטן אַז מען זאָל מיר דערלויבן זיך צוריקצוציִען. איך פיל זיך זייער ניט גוט", האָט ער שטיל געזאָגט. „אָבער ווי קאָן איך? ס'איז דער נאַציאָנאַל־פאָנד און די פאָרשטעלונג איז היינט. נו, כ'וועל שפּילן!"

ער האָט זיך ניט געלאָזט איבעררעדן און האָט יענעם אָוונט געשפּילט. ער האָט געשאַפן אַ פּרעכטיקע פיגור פון משה רבנו.

חיים עהרענרייך

ס'איז ווייטיקדיק וואָס אַזאַ פיינע, קרעפטיקע אַקטיאָרן־פיגור איז אַוועק אַזוי פריצייטיק. מיר האָבן ניט קיין סך פון אַזעלכע געשטאַלטן אין יידישן טעאַטער. ער איז געווען אַ גוטער און אַן אינטעליגענטער אַקטיאָר, מיט ערנסטקייט און ליבשאַפט צו זיין באַרוף. ער האָט אויף טעאַטער ניט געקוקט ווי אויף אַ פאַך, אַ מלאכה, נאָר ווי אויף אַ לעבנס־באַרוף. און אַזעלכע שוישפּילער באַציִען זיך מיט יִראת הכּבוד צום טעאַטער.

זיין געשטאַלט וועט שטענדיק שוועבן פאַר די אויגן!

אָקטאָבער, 1947

יידישע טעאַטער־וועלט אויף קבר אָבות
פון יידישע טעאַטער־מענטשן

150 שוישפילער, מוזיקער, פריינד און קרובים זיינען געפאָרן צום „הייליקן אָרט" פון דער יידישער טעאַטריקאַל אַלייענס. — מ'האָט אויך אויפגעדעקט די מצבה צום אָנדענק פון די אומגעקומענע יידישע בינע־קינסטלער פון אַלע צוויגן אַרום דעם יידישן טעאַטער אין אייראָפּע. פינף אויפדעקונגען פון אַנדערע מצבות — אַן איינדרוקספולע צערעמאָניע.

די יידישע אַקטיאָרן זיינען קענטיק דערגאַנגען דעם אַלטן סוד, אַז ווען מען ווערט פאַרגעסן, דאַן — מעג מען לעבן אָדער זיין געשטאָרבן — איז מען, אָבער, סיי ווי טויט. דער אמתער סוף איז פאַרגעסנקייט.

אין דעם אפשר ליגט דער שליסל צום מענטשנס רייסן זיך צו „אומ־שטערבלעכקייט". גענעראַלן האָבן געלאָזט אויסקוילענען אַ וועלט מיט מענטשן; פּרעהס האָבן געלאָזט בויען „אייביקע" פּיראַמידן; שרייבער האָבן געקעמפט פאַר אַנערקענונג און אַוועקגעגעבן זייערע יאָרן אויף פּאַ־ליצעס מיט ווערק. זיי האָבן אַלע געקעמפט קעגן „טויט", קעגן דעם אמתן טויט וואָס קומט מיט פאַרגעסן ווערן.

פיזיש קאָן דער מענטש ניט באַקומען דעם גרויסן סוף. קעגן דעם ענדגילטיקן סוף פון שיכחה, פאַרגעסנקייט, הערט ער, אָבער, ניט אויף צו קעמפן — יעדער איינער אויף זיין שטייגער.

פון אַלע פעלקער, דוכט זיך מיר, האָבן יידן אָנגענומען די „שטאַרק־סטע" מיטלען קעגן דעם ענדגילטיקן טויט. קדיש, יאָרצייט, „יזכור" — דעם אָנדענק פון די אַוועקגעגאַנגענע? וואָס איז גיין אויף קבר־אָבות אויב ניט אַ מיטל אויף צו פאַרבינדן דעם טויט מיטן לעבן, אויף אונטערצו־שטרייכן דעם המשך, די פאָרזעצונג פון „אייביקן לעבן"? דאָס פאָלק אַליין

האָט צוגעטראַכט דעם קבר־אָבות און אים פאַרפיקסירט ווי איינעם פון די שטאַרקסטע מינהגים זיינע — אַ פעסטער בונד צווישן זיי, די אַוועקגעגאַנגענע, און אונדז, די היגע. אַ בונד פון דערמאָנונג, אַן אָנהאַלט אין לעבן פאַר „זיי".

ייִדן האָבן קיין מאָל ניט געגלייבט אין אַבסאָלוטן, ענדגילטיקן טויט, און ווער האָט נאָך אַזוי מורא פאַרן טויט — דעם אמתן טויט פון פאַרגעסן ווערן — ווי דער ייִדישער אַקטיאָר? ער האָט פאַר אים מורא יעדן טאָג פון זיין לעבן. דערפאַר ווערן קראַנקע שוישפילער, וועלכע טאָרן ניט שפילן, ריזיקירן און יאָ אויפטרעטן אויף „די ברעטער", זינגען און טאַנצן. ווייל זיי האָבן מורא ניט פאַרן שטאַרבן, נאָר פאַר פאַרגעסן ווערן. זיי ווילן ניט זיין „טויט — לעבעדיקערהייט"...

אפשר איז עס אין אַ טיפערן זין, געווען אָט־אָ די שרעק פאַרן „אמתן טויט", וואָס האָט אין פאַרלויף פון די לעצטע עטלעכע יאָר, „אויסגעאַרבעט" ביי די ייִדיש־טעאַטריקאַל אַלייענס די שיינע טראַדיציע פון באַזוכן זייער „הייליקן אָרט" בציבור יעדן ערב ימים נוראים...

*

מיר איז ענדלעך געלונגען אָפּצורייסן זיך פון מיינע עולם־הזהדיקע זאָרגן און מיטפאָרן מיט די אַנדערע 150 שוישפילער און זייערע קרובים אויפן בית־עלמין פון דער ייִדיש־טעאַטריקאַל אַלייענס, וואָס געפינט זיך אויף מאַונט חברון אין לאָנג איילאַנד. דער צוועק פון דעם באַזוך איז געווען אַ דרייפאַכער. אויפדעקן מצבות אויף די קברים פון פינף מיטגלידער וועלכע זיינען אַוועק פון אונדז פאַריקן יאָר און אויפדעקן די מצבה נאָך די קדושים, נאָך די אומגעקומענע מיטגלידער פון דער טעאַטער־משפחה אין אייראָפּע אין די יאָרן פון די נאַצי מערדער ימח שמם!

ס'איז גוט צו באַזוכן פון צייט צו צייט „יענע", „זייער" וועלט. איך בין געווען היפש אימפּאָנירט ווען איך בין געגאַנגען פון ריי צו ריי און געלייענט די אויפשריפטן אויף די מצבות. איך האָב גאָרניט באַגריפן וויפל פריינד און סתם ליבע מענטשן און באַקאַנטע מיר האָבן שוין דאָרט.

איך זע זיי אַלעמען איצט פּאָר מײַנע אויגן. יעדער אויסגעקריצטער נאָמען מאַכט לעבעדיק אַ געשטאַלט אין זכּרון. איך זע יעדן מיט זײַן שמייכל, מיט זײַן כאַראַקטעריסטישן זשעסט... עס קלינגט גלײַך אין אויער די לעבעדיקע שטים מיט איר קאָליר, מיט איר אינטאָנאַציע... זיי לעבן, אַוודאי לעבן זיי — — —

איזידאָר קעשיר, אייב סינקאָף, לעאָן בלאַנק, היימי דזשייקאָבסאָן, אַברהם טייטלבוים, זיגמונד און רבקה ווײַנטרויב, סעמועל גאָלדינבורג, דזשין גרינפילד, אַלעקסאַנדער אָלשאַנעצקי, באָריס טאָמאַשעפסקי, בערטאַ קאַליש, סעמועל ראָזענשטיין, יצחק פעלד, אַנאַ מיכאַלעסקאַ, מאַקס קלע־טער, וויליאַם פּאַסטערנאַק, יעגב זילבערט, דינאַ פײַנמאַן, לוסי לעווין, שרה סקולניק, יעקב וועקסלער, בעטי פּאַרקויף, מאָלי פּיקאָנס מוטער.

מיט יעדן נאָמען לעבט אויף פּאַר מיר אַ סצענע, אַ דערמאָנונג. אָט זע איך בערטאַ קאַליש אין אַן אינטערוויו וואָס איך האָב מיט איר געהאַט אין אַ גרויסן צימער, ווו די טישן זײַנען געווען געגרייט אין דעם אַמאָליקן „ברעוווד האָטעל״... איך הער איר מעלאָדישע שטים, איך זע אירע קעניג־לעכע זשעסטן... אָט פאַרברענגט איך מיט איזידאָר קעשיר ערב אַן אויפפי־רונג פון די „וואַקיישאַן פּאַליס״, און זײַן גוטמוטיקן פעלדזן־פּנים דעם ברייטן, וואָס איז פאַרגאָסן מיט זײַן ליכטיקן שמייכל... טייטלבוים דער־לאַנגט מיר זײַן בוך וועגן שעקספּיר... היימי דזשייקאָבסאָן שטייט נעבן מיר ביי גוסקינס לוויה און רעדט... איך בין דורכגענומען מיט רייד און קלאַנ־גען און געשטאַלטן — ביין, זיי זײַנען ניט טויט... אָט הער איך דאָך, אָט זע איך זיי... זיי לעבן אַלע איצט אין מיר...

„נו... איר זעט אָט דאָ וועל איך ליגן... און ער וועט מיך זידלען אויף רוסיש״... די שטימע איז ניט אין מיר נאָר נעבן מיר. איך כאַפּ זיך אויף, דאָס רעדט צו מיר יוסף רומשינסקי, און ער ווייזט מיר אָן אויף זײַן אַמאָ־ליקן קאָלעגע, אָלשאַנעצקיס קבר...

צו יונג איז אָלשאַנעצקי אַוועק — בלויז 53 יאָר אַלט געווען... ער פאַרהיקעט זיך און זײַן ווייכער שמייכל איז מיט אומרו אָנגעגאָסן, ווי ער וואָלט קיין צייט ניט געהאַט... אַלע זײַנע קאָלעגן זײַנען געקומען צו אים

אויף קבר־אָבות — רומשינסקי, שלום סעקונדאַ, אייב עלשטיין, העברי לעפקאָוויטש, שמואל בוגאַטש, יאַשאַ קרייצבערג, זיי פאַרגעסן ניט...

*

אויף אַ פּלאַטפאָרמע וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין מיטן פעלד, טרעטן אַרויס מיט שטילע ערנסטע רייד: טשאַרלס קאָהען, פּרעזידענט פון דער אַלייענס דייוויד קולאָק, לואיס גאָלדשטיין, חזן משה ערשטלינג זאָגט אַ קאַפּיטל תּהילים און מאַכט אַן „אל מלא רחמים״ פאַר אַלע אָוועק־געגאַנגענע אַקטיאָרן און אַקטריסעס. דער אַלט־טראַדיציאָנעלער און טרייסטנדיקער און טרערן אַרויסרופנדיקער ניגון שוועבט איבערן זוניקן פעלד און באַגעגנט זיך מיט די מצבות, וויקלט זיך אַרום זיי און גלעט זיי... „בצרור החיים״ — פאַרהאַלט זיי אין קנופּ פון לעבן — און זאָלן זיי רוען בשלום אויף זייער געלעגער...

אין סאַמע מיטן פעלד דעקט אָפּ דער פּרעזידענט פון דער אַלייענס דייוויד קולאָק דעם אויפשריפט אויף אַ באַשיידענעם הויכן שטיין: „צום הייליקן אָנדענק פון דער טעאַטער־משפּחה אין אייראָפּע וואָס אויף זייערע צווייגן און צווייגלעך און בלעטער פינקלען הונדערטער נשמות און הונ־דערטער ליכטיקע אויגן פון קדושים... על קידוש השם! און איצט דערמאָ־נען מיר זיי און אייביק וועלן ייִדישע מענטשן און ייִדישע קינסטלער זיי דערמאָנען מיט כּבוד און מיט שטיקנדיקע טרערן אין האַלדז. ייִדן וועלן זיי ניט לאָזן פאַרזינקען אין אייביקן טויט פון פאַרגעסנקייט. דער באַשיידענער שטיין וועט מאָנען און דערמאָנען!...״.

עס זיינען אָפּגעדעקט געוואָרן די מצבות אויף די קברים פון בעטי דזשייקאָבס, אַן אָנגעזעענע אַקטריסע; מאָריס קעניג, אַ סופליאָר; סעם לעווענווירט, אַ קאָמיקער; ראָזע גאָלדבערג, אַ גוטע פרוי, שוועסטער פון בייטן גאָלדבערג; און פון שלום פערלמוטער, אַ דראַמאַטורג און אַ שריי־בער, אַן אַקטיווע פערזענלעכקייט אין דער ייִדישער טעאַטער־פּראָפעסיע.

אויסער קדיש און „אל מלא רחמים״ וואָס הערשל קויפמאַן האָט גע־מאַכט איבער די איינצלנע קברים, האָט ער אויך גערעדט צו זיי, צו די

אָוועקגעגאַנגענע, און זיין ריידן צו די קברים האָט צוגעגעבן אַן אויסטער־לישע פאָלקסטימלעכקייט, אַן אייגנאַרטיקייט און אויך אַ מאָדנע פייערלעכ־קייט צו דער צערעמאָניע וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אויף אַ בית־עלמין אין דער היינטיקער ניו־יאָרק.

פאַרלאָזנדיק דעם „אייביקן אָרט" האָב איך געזען ווי דזשעני קעסלער שטייט לעבן איר מאַנס מצבה און גלעט זי. אין איר געדאַנק האָט זי אים געגלעט... דעם האַרציקן, אומפאַרגעסלעכן איזידאָר... איך האָב אים אויך געגלעט — איך האָב אים גוט געקענט דעם ליבן מענטשן און ייִדישן קינסטלער.

עס קומט דעם ייִדיש־טעאַטריקאַל אַלייענס אַ דאַנק פאַר צונויפברענ־גען כאָטש איין מאָל אין יאָר די ייִדישע טעאַטער־וועלט מיט אירע אַמאָ־ליקע, מיט די אָוועקגעגאַנגענע. מיט דעם העלפט זי מקיים זיין דעם „חיי עולם נטע בתוכנו" — אייביק לעבן האָט ער אונדז פאַרפלאַנצט... עס איז אונדזער פליכט דאָס לעבן אָפּצוהיטן, סיי אין זיך און סיי פון „זיי"...

סעפּטעמבער, 1955

חיים עהרענרייך

יוסף רומשינסקי ביז זיין לעצטן טאָג

מיט יוסף רומשינסקיס טויט גייט אַוועק פון דער סצענע איינע פון די אינטערעסאַנטסטע און קאָלירפולסטע וועטעראַן־פערזענלעכקייטן פון דער ייִדישער טעאַטער־וועלט. ער איז געווען כולו טעאַטער — אַזוי איינגע־לעבט, אַזוי איינגעוועבט אין דער וועלט פון שוישפיל און אילוזיע, אַז ער איז געוואָרן איר אויסדרוק, די פאַרקערפּערונג פון אירע מעלות און חסרונות.

ס׳איז מיט רומשינסקין געווען אַלע מאָל גוט צו פאַרברענגען. ער האָט געהאַט דערמאָנונגען, מעשׂהלעך וועגן אַמאָליקע איצטיקע קינסט־לער — וויציקע, שאַרפזיניקע, פּאַטעטישע — און יעדע איינע פון זיי האָט געדינט ווי אַן אילוסטראַציע אָדער אַ מוסר־השׂכל צו אַ געדאַנק, וואָס ער האָט געוואָלט אַרויסברענגען.

ער האָט ליב געהאַט ייִדיש טעאַטער, ווי טעאַטער בכלל. מיט דעם האָט ער געאָטעמט. טעאַטער איז ביי אים קודם כּל געווען יום־טובדיק, פייערלעך, ווייל ער האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן דעם דרויסן פון טעאַ־טער, די טאָג־טעגלעכע וואָכעדיקייט.

געשטאָרבן איז ער אין די שפּעטע זיבעציקער פון זיין לעבן. ער איז, אָבער, ניט געווען אַלט און אַוודאי ניט פאַרעלטערט. ביז צום לעצטן טאָג האָט ער געטראַכט פון נייע ניגונים און נייע מוזיקאַלישע שאַפונגען. נאָך דער אָפּעראַציע, אַן אָפּגעראַטעוועטער, האָט ער געזאָגט זיין פרוי, אַז זי זאָל מודיע זיין אירווינג דזשייקאָבסאָנען, אַז ער זאָל זיך ניט זאָרגן — ער וועט שרייבן מוזיק צו דער מוזיקאַלישער פּיעסע מיט וועלכער ער וועט

אויפפּעפּנען זיין קומענדיקן סעזאָן. „אַן אָפּעראַציע וועט מיך ניט אָפּ־שטעלן", האָט ער זיך געוויצלט.

ער האָט פאַרמאָגט אַ סך מעלאַדישקייט און אַ שיינקייט אין זיך און האָט שטענדיק געבראַוויזט מיט טעמפּעראַמענט. ער האָט, ווי מערסטע קינסט־לער, זיך שנעל צעקאָכט, און אַז רומשינסקי האָט זיך צעקאָכט, האָט ער געקאָנט אָפּטאָן זיך און דעם אַנדערן וואָס אין קאָרט שטייט.

דאָס לעבן אָן טעאַטער — האָט ער מורא געהאַט זיך פאָרצושטעלן. ניט זיין אַנגאַזשירט, ניט האָבן זיין נאָמען פאַרבונדן מיט אַ טעאַטער — דער בלויזער געדאַנק אַליין איז פאַר אים געווען אַ חיבוט הקבר. דאָס האָט, אַגב, פאַרשטאַנען אוירווינג דזשייקאָבסאָן און צו זיין שבח זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז טראָץ דעם וואָס ער וואָלט געקאָנט אפשר צוציִען אַ יִינגערן, אַ מער „בייגעוודיקן" קאָמפּאָזיטאָר־דיריגענט פאַר זיין טעאַ־טער, האָט ער, אָבער, אין די לעצטע עטלעכע סעזאָנען אַנגאַזשירט בלויז רומשינסקין. ס'קומט דזשייקאָבסאָנען אַ שבח, ווייל, לײדער, שאַצט ניט יעדער אַקטיאָר און דירעקטאָר אָפּ די ווערט און די באַדייטונג פון טראַדי־ציע אין אונדזער יידישן טעאַטער.

אין די פאַרגאַנגענע יאָרן ווען אונדזער טעאַטער האָט דורכגעמאַכט מער שפּעדיקע יאָרן, ווען די יידישע גאַס אין ניו־יאָרק האָט געשפּרודלט מיט טעטיקייט פון לאַנדסמאַנשאַפטן און קולטור אַקטיוויטעטן האָט יוסף רומשינסקי צוגעטראָגן מיט זיין טאַלאַנט און דערפינדערישקייט און פאַר־שטענדעניש צום יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן. ער האָט באַנייט די אַמאָליקע אוצרות פון יידישן טעאַטער, זיי פאָלירט, אָנגעטאָן נייע מלבושים און צוגעטראָגן אויף גאָלדענע טעלער צום גרויסן עולם. אַזוי האָט ער געגעבן אַ נייע באַאַרבעטונג פון „שולמית", פון „שמענדריק", פון „בר כוכבא" און טויזנטער און טויזנטער יידן האָבן אויף ס'ניי זיך געקוויקט און הנאה געהאַט פון גאָלדפאַדנס גרויסע אָנהייבן.

רומשינסקיס ענערגיע האָט ניט געוווסט פון קיין מאָס. ער האָט גע־שריבן, געפּלאַנעוועט, געהאָלפן אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס, כּלערליי אונטערנעמונגען און זעלטן גענומען געלט פאַר זיין אַרבעט. ווען דער

ישיבה־קאַלעדזש איז געשטאַנען אַ ביסעלע נעענטער צו דער יידישער גאַס האָט רומשינסקי יעדן ווינטער, אין משך פון יאָרן, פאַר זיי אויפגעפירט גרויסע מוזיקאַלישע ספּעקטאַקלען אין דעם וואַלדאָרף אַסטאָריאַ און צוגעצויגן אָנגעזעענע יידישע שרייבער אים צו העלפן אין דער ליטעראַרישער טייל פון דער אַרבעט.

גלייכצייטיק האָט ער געשריבן אַרטיקלען אין „פאָרווערטס״. שפּעטער האָט ער די מערסטע פון זיי — זיינע דערינערונגען — אַריינגענומען אין זיין בוך.

ער האָט אויך געשריבן לידער און ליטורגישע ווערק. אָט ליגט פאַר מיר זיינער אַ בריוו, אפשר דער לעצטער וואָס ער האָט מיר געשריבן. ווי געוויינטלעך האָט ער קיין דאַטום אויפן בריוו ניט אַרויפגעשטעלט. שרייבט ער:

„מיין ליבער פריינד,

„איך שיק אייך דריי פון מיינע לעצטע קאָמפּאָזיציעס. צוויי זיינען געשריבן פון אונדזערע נביאים „שירה לכרמו״, דאָס ליד פון וויינגאָרטן, פון דעם נביא ישעיהו בן אָמוץ און „כה אָמר ה׳״ (אַזוי האָט געזאָגט גאָט), און אַ פאָלקסטימלעך ליד „דעם בעל שם־טובס זמרל״, פון מ. באַסין. די ערשטע צוויי לידער, פון אונדזערע נביאים, דערמאָנען מיך אָן אַ מעשׂהלע:

„ווען דער אַקטיאָר און זינגער לעאָן גאָלד איז געוואָרן אַ חזן, האָט ער באַגעגנט דעם דראַמאַטורג י. י. זינגער, עליו השלום, און האָט אים געזאָגט: מיסטער זינגער, איך גיב אויף דאָס טעאַטער און איך ווער אַ חזן. האָט אים זינגער געענטפערט: איך ווייס ניט ווי אַזוי עס וועלן זיין אייערע תפילות, אָבער איין זאַך בין איך זיכער, אַז די ליריקס פון אייערע תפילות וועלן זיין בעסער ווי אין טעאַטער...

„נו, אַז די ליריקס פון די אויבנדערמאָנטע לידער, איך מיין דער טעקסט פון אונדזערע נביאים, זיינען גוטע — ווייסן אַלע, און וואָס אָנבאַלאַנגט מיין מוזיק צו דעם, וועלן מיר זיך פאַרלאָזן אויף מוזיקער און זינגער. חזנים און יידישע קאָנצערט־זינגער פלעגן האָבן צו מיר טענות

ביז איצט, פאַר וואָס איך האָב שוין לאַנג ניט געשריבן אַ וויכטיקע ייִדישע ליד.

„און טאַקע מיט דער הילף פון מיין פּאָבלישער העברי לעפּקאָוויטש פון דער מעטראָ מוזיק פירמע, וועלכער האָט מיר געהאָלפן, ווערן מיינע דריי לידער געדרוקט. אמתע ייִדישע נגינה האָט אַלע מאָל באַגלייט דעם ייִדן אין לייד און אין פרייד.

„איך דאַנק אייך,

יוסף רומשינסקי״.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט יוסף רומשינסקי אויך אָנגע־שריבן אַ ביבלישע אָפּערע: „רות״. ער האָט אַלץ געחלומט אַז אים וועט געלינגען צו באַזוכן מדינת ישׂראל און דאָרט זען זיין העבּרעיִש ווערק אויפגעפירט. ער האָט אַפילו געפּלאַנעוועט מיטצונעמען אַהינצו צוויי־דריי אָנערקענטע זינגער פאַר די הויפּט־ראָלן. איך ווייס, אַז עס איז געווען איינע פון די גרויסע אַנטוישונגען אין זיין לעבן וואָס ער האָט אָט־דעם טרוים זיינעם ניט געקאָנט פאַרווירקלעכן...

ער האָט ביז צום סאַמע סוף געטרוימט וועגן נייע טעאַטער־אויפ־טוונגען, נייע בינע אויפפירונגען. ער האָט צו מיר אָפט גערעדט וועגן אַ ייִדישן „רעווי״, אַ קינסטלערישן, אַ פיינעם, וואָס זאָל זיין אי ייִדישלעך, אי מאָדערן. איינמאָל ביי אַ גלעזל קאַפע, האָט ער נאָך דעם ווי ער האָט אַ סך גערעדט וועגן אַזאַ מוזיקאַליש־קינסטלערישן קליינקונסט־טעאַטער, און טאַקע אין אַ קליינעם טעאַטער, זויערלעך אַ שמייכל געטאָן און זיך אָפּגערופן:

„איך ווייס וואָס איר טראַכט — פון דעם וועט גאָרניט ווערן. איך האָב מורא, אַז איר זייט גערעכט אויך...״ און שווייגנדיק אַ ווײַלע האָט ער צוגעגעבן: „אַז עס איז, אָבער, נישטאָ קיין בראָנפן, ליבער פריינד, לאָמיר כאָטש ריידן פון בראָנפן״... ווידער האָט ער געשוויגן און דאַן מיט טיפן אומעט געזאָגט: „וואָס וועט זיין? עס איז דאָך ניט גוט... וועט עס אַזוי אַלץ אונטערגיין? מען דאַרף דאָך עפּעס טאָן...״.

ער האָט געהאַט גרויסע מעלות און קליינלעכע חסרונות, דער גע־ווייַנטלעך קלוגער יוסף רומשינסקי. זייַן גרעסטער חסרון איז געווען, ווי שוין דערמאָנט, וואָס ער האָט ניט געקאָנט צאַמען זייַן הייסן טעמפּעראַ־מענט. ער האָט אויך געקאָנט ליידן פון אייפערזוכט, איבערהויפּט ווען עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַנדערע מיט ווייניקער יאָרן פון פאַרדינסטן ביים יידישן טעאַטער זוכן צו פאַרנעמען זייַן אָרט.

זייַנע מעלות — און בלויז פון זיי ווילט זיך איצט טראַכטן — זייַנען, אָבער, געווען גאָר היפּשע. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ ברייט האַרץ און אַ ברייטער האַנט. אין זייַן באַנעמונג מיט מענטשן איז ער געוויינטלעך געווען פּשוט און גרויסמוטיק, געקאָנט האָט ער לאַכן און אָפּלאַכן פון זיך אַליין ניט ווייניקער ווי פון אַנדערע.

לעצטן סעפּטעמבער זייַנען מיר צוזאַמען געפאָרן אויפן בית־עלמין פון דער טעאַטריקאַל אַלייענס. מיר זייַנען אַרומגעגאַנגען צווישן די קברים ביז מיר זייַנען צוגעקומען צום קבר פון אַלעקסאַנדער אָלשאַנעצקי. אים איז די אויפשריפט אויף דער מצבה ניט געפעלן — קיין איין יידיש וואָרט. „פאַר וועמען האָט ער געשריבן? ניט פאַר יידן?״ — האָט רומשינסקי אַרויסגעמורמלט.

„ווען איך וועל דאָ ליגן, מיין פריינד, זאָלט איר וויסן, אַז דאָ וועט ליגן אַ שטיק יידיש טעאַטער — געדענקט יידיש!״

ער איז געשטאָרבן אין הויכן עלטער, אָבער ער איז ניט אַלט געווען, דער גרויסער יידישער טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָר יוסף רומשינסקי. אין דעם לעצטן טאָג פון זייַן לעבן, איידער ער האָט זייַן באַוווסטזייַן פאַרלאָרן, איז ער געווען פּונקט אַזוי טרוימעריש, פּונקט אַזוי אַמביציעז ווי מיט איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, ווען ער איז אַהערצו געקומען פון זייַן ווילנע.

אין דעם יידישן טעאַטער און אומעטום ווו מען זינגט יידישע לידער וועט זייַן נאָמען לאַנג־לאַנג לעבן.

סעפּטעמבער, 1955

דיאַנאַ בלומענפעלד

די ייִדישע בינע האָט אין די לעצטע יאָרן געליטן שווערע פאַרלוסטן אין דעם טויט פון אַזוינע ערנסטע און שאַפערישע קינסטלער ווי אביגדור פעקער, גוסטאַוו בערגער, מאָריס שוואַרץ און, איצט, דיאַנאַ בלומענפעלד־טורקאָוו. זיי זיינען אַלע געווען שוישפּילער אין סאַמע מיטן פון זייערע בינע־קאַריערעס און (מיט דער אויסנאַם פון מאָריס שוואַרצן), אין די מיטעלע יאָרן — די סאַמע שפּעדיקסטע צייט אין לעבן פון קינסטלער.

דיאַנאַ בלומענפעלד. זי איז צו אונדז געקומען פון אייראָפּע מיט דרייצן יאָר צוריק — אַ געשולטע אַקטריסע מיט בילדונג, מיט טעאַטער־שולונג, מיט אינטעליגענץ, מיט ליבע און ייִראת הכבוד פאַר איר באַרוף. זי האָט געהאַט וואָס צו געבן אונדזער ייִדישער בינע וועלכע איז קיין מאָל ניט געווען צו רייך מיט געשולטע און טרענירטע כּוחות. ליידער האָט זי פאַרשפּעטיקט מיט איר קומען. דער פאַרהאַנג פון ייִדישן טעאַטער איז שוין געווען האַלב פאַרצויגן — כּמעט אַלע די וואָס וואָלטן געקאָנט צוריק אויפעפענען דעם פאַרהאַנג זיינען שוין געווען אַוועק, און עס איז שוין ניט געווען מיט וועמען צו גיין צום פאַראַדנעם טיש פון גרויס־טעאַטער...

דיאַנאַ בלומענפעלד איז ניט געווען פון די מענטשן וואָס גיבן זיך אָפּ מיט ברעכן זיך די הענט און וואָס באַנוגענען זיך מיט זוכן עוולות און מיט „אויסטענהן זיך". זי און איר לעבנס־באַגלייטער יאָנאַס טורקאָוו, האָבן פאַרקאַשערט די אַרבל און אויף אַ קליינינקער בינע אין אַן אינטימען זאַל האָבן זיי אין צווייען, און אַ מאָל אויך זאַלבעדריט און זאַלבע־פערט, געשפּילט קליין־טעאַטער פאַר אַ געקליבענעם עולם, וועלכער האָט טאַקע אָפּגעשאַצט זייערע פיין דורכגעפירטע, פאַכמעניש געשטעלטע פּיעסן,

אָבער באמת געבן זיי אַ האַנט און צושטעלן אַ פּלייצע האָט פון אונדז קיינער ניט פּרובירט...

ס'איז צוועקלאָז און מסתּם אויך זינלאָז צו וואַרפן די שולד אויף וועמען. די יִדישע גאַס איז געווען פאַרנומען מיט זאַמלען פאָנדן פאַר דעם פאַראייניקטן יִדישן אַפּיל, פאַר דער צדקה־פעדעראַציע, פאַרן נאַ־ציאָנאַל פאָנד. די יִדישע גאַס, און אַלע אירע כּוחות זיינען פאַרשלונגען געוואָרן מיט פאַרקויפן ישׂראל־באָנדס — אַלע וויכטיקע, פּאָזיטיווע טעטי־קייטן. אָבער, אַז אַ קליינער פּראָצענט כאָטש פון אָט די אַלע געלט־זאַמ־לונגען זאָל אַוועקגעלייגט ווערן פאַר ערנסטע קינסטלער וואָס ווילן און זיינען ביכולת צו גרינדן און אַנטוויקלען אַ יִדישן טעאַטער פאַר דער־וואַקסענע מענטשן — דאָס איז קיינעם ניט איינגעפאַלן.

און אַזוי איז ביי אונדז געגאַנגען לאיבוד אַזאַ פּיינע, אַזאַ אידעאַליס־טישע קינסטלערין ווי דיאַנאַ בלומענפעלד. זי האָט פאַרמאָגט אי טאַלאַנט, אי וויסן, אי באַציִונג צום טעאַטער. זי האָט געשפּילט מיט אַזאַ אינטעלי־גענץ, מיט אַזאַ אייראָפּעיִשער עלעגאַנץ און מיט איר פּערזענלעכקייט האָט זי פאַריום־טובט די בינע, אַז דער צושויער איז אַרויס פון אירער אַ פאַר־שטעלונג אַ דערהויבענער, אַ געלייטערטער, אַ געבעסערטער. איר הויפּט־כּוח איז באַשטאַנען אין איר ערלעכקייט, אין איר יִראת־הכּבוד צו דער בינע. זי האָט פון אַן עלטערן דור אַקטיאָרן געלערנט צוצוטרעטן צו איר קונסט אַזוי ווי צו אַן עבודת הקודש. אָט דעם צוגאַנג אירן האָט געפילט דער צושויער, און אויך ער איז באַווירקט געוואָרן פון איר ערנסט און פייערלעכקייט.

טעאַטער איז יום־טוב, אַפילו ווען ער שילדערט די גרויקייט און וואָ־כעדיקייט פון אונדזער לעבן. די שילדערונג איז באַצוועקט דאָך צו זוכן דעם יום־טוב און דעם העכערן און טיפערן זין פון לעבן. דיאַנאַ בלומענ־פעלד, דווקא זי, וועלכע האָט אין די שווידער־יאָרן פון דער לעצטער וועלט־מלחמה דורכגעמאַכט ניט נאָר די גרויקייט נאָר טאָקע די פינצטערניש און גרויזאַמקייט פון מענטשלעכער געפאַלנקייט, דווקא זי האָט געבראַכט דאָ

ביי אירע פֿאָרשטעלונגען שיינקייט, וועלטלעכקייט און פרייד. מיט רמ״ח אברים האָט זי אַרויסגעברענגט איר ליבשאַפט צו דעם ייִדיש־לשון.

אויב עס איז דערלויבט אַ פּערזענלעך וואָרט, איז דער פּאַרדראָס, דער ווייטיק גרויס וואָס מיר האָבן עס איר ניט געזאָגט ביים לעבן. אָט דער פּאַרדראָס וועט אונדז אַלע מאָל פּאַרפאָלגן.

דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב זי געזען איז געווען אין איר זומער־היים ביים ים. זי האָט אַרויסגעוויזן די עטלעכע געסט אַזאַ גאַסטפריינד־לעכקייט, אַזאַ צערטלעכקייט. פון איר האָט געוויט מיט אַזאַ יוגנטלעכער וויטאַליטעט, מיט אַזאַ פרייד פון לעבן; זי איז געווען אַזוי שאַרפזיניק און דאָך וועגן איין מענטשן אַפילו האָט זי ניט געהאַט אַ שלעכט וואָרט — דער איינדרוק וואָס איך האָב אַוועקגעטראָגן מיט זיך איז געווען אַזאַ גוטער און אַזאַ פריידיקער, אַז עס איז שווער צו גלייבן און פילן, אַז דיאַנאַ בלו־מענפעלד איז מער ניטאָ.

1961

חיים עהרענרייך

מנחם רובין — דער אַקטיאָר און דער מענטש

ס'איז מערקווירדיק. מיט וויפל אַקטיאָרן און אַנדערע טעאַטער־מענטשן ס'איז ניט אויסגעקומען צו ריידן וועגן מנחם רובינען, האָט קיינער פון זיי מיר ניט געקאָנט אויפקלערן פון וואָס דער באַגאַבטער קינסטלער איז געשטאָרבן. און צווישן זיי האָבן זיך געפונען גאָר נאָענטע פריינד זיינע, קאָלעגן און פאַרערער זיינע.

די גאַנצע פערזענלעכקייט רובינס איז שווער אַנצוכאַפּן, „אַנצונעמען מיט דער האַנט" און זאָגן „אָט דאָס איז ער" דער מענטש און קינסטלער וואָס האָט געלעבט מיט אונדז, צווישן אונדז גאַנצע צוויי־און־דרייסיק יאָר. איצט, אַז ער איז אַוועק און מיר פּרובירן צו מאַכן אַ סך־הכל פון זיין לעבן, פון זיינע דערגרייכונגען אַלס קינסטלער און אַלס מענטש, כאַפּן מיר זיך, אַז מנחם רובין איז געווען מ י ט דער יידישער טעאַטער־וועלט, אָבער ער איז דאָך געווען אָפּגעזונדערט פון איר. ווי נאָענט ער איז מיט אַ קאָלעגע ניט געווען, האָט צווישן זיי עקסיסטירט אַן אינערלעכע מחיצה.

די יעניקע וועלכע האָבן געזען רובינס סאַמע ערשטן אויפטריט אין אַמעריקע — אין שלום עליכמס „צוויי הונדערט טויזנט", אין דעם אַמאָליקן ראַלאַנד טעאַטער — האָבן פאַר זיך געזען אַ פולבלוטיקן אַקטיאָר, אַ געשולטן זינגער, אַ דיסציפּלינירטן און דיסציפּלינירנדיקן רעזשיסער — אַן אמתער פלוס פון יידישן טעאַטער. מען האָט געקאָנט דערוואַרטן און געמעגט האָפן, אַז ער וועט זיין אַ גרויסער געווינס פאַר דער יידישער בינע, אַ פּאָזיטיווער שאַפערישער כוח וואָס וועט העלפן שטאַרקן די דאָמבעס פון דעם יידישן טעאַטער. מיט זיין טאַלאַנט, אינטעליגענץ און טעאַטער־וויסן איז ער ראוי געווען צו דעם.

הגם רובין איז געשטאַנען אין דער ערשטער ריי, אַלס שוישפּילער און רעזשיסער, איז ער אָבער קיין בויער און איינהיטער פון ייִדיש טעאַטער דאָ ניט געוואָרן. זיינע גרויסע פעיִקייטן זיינען אַזוי ווי געווען געפּענטעט פון אַן אָפּגעלאָזנקייט און מוטלאָזיקייט וואָס האָבן פּאַראַליזירט זיין געוואַגטקייט און זיין איניציאַטיוו.

מנחם רובין

מנחם רובין, אורטיילנדיק פון דעם וואָס זיינע נאָענטסטע קאָלעגן דערציילן, איז געווען אַ בעל-פאַנטאַזיע אַ מין „באַראָן מינכהאָוזן". ער האָט דערציילט אַזוינע פאַנטאַסטישע מעשיות, מיט אַזאַ ערנסטן געזיכט און מיט אַזאַ טאָן פון איבערצייגונג, אַז די חברים הינטער דער בינע אָדער אין אַקטיאָרן קלוב האָבן בשעת מעשה געגלייבט און געשטוינט. עס קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז מנחם רובין האָט זיך אויסגעלעבט אין דעם שפּיל פון זיין פאַנטאַזיע. די מעשיות זיינען זיינען געווען אַ קאָמפּענסאַציע פאַר

דער אַנטווישנדיקער ווירקלעכקייט, אין וועלכער אַ ייִדישן קינסטלער קומט אויס צו לעבן.

ער האָט געקאָנט שפּילן דראַמאַטישע ראָלן, אָבער אַמבעסטן איז ער געווען אין כאַראַקטער ראָלן, ווי די יעניקע וואָס האָבן אים געזען אַלס טביה דער מילכיקער, וועלן עדות זאָגן. ער האָט געהאַט אַ פולע שטים צו זינגען. זיין פיגור, זיין הילוך, זיין געזיכט האָבן, אָבער, ניט געפּאַסט פאַר אַ ליבהאָבער־זינגער. דער אַמעריקאַנער צושויער איז פאַרוויגט געוואָרן אין דעם גלויבן, אַז אַ ליבהאָבער דאַרף זיין אַ „קראַסאַוועץ" מיט אַ העלדן־פיגור... רובין האָט געקענט די בינע און האָט געוווסט דעם חילוק צווישן טעאַטער און באַלאַגאַן. זעלטן, אָבער, איז אים אויסגעקומען צו רעזשיסירן אַן אויפפירונג. טראָץ אַלע זיינע קאָמפּראָמיסן מיט דעם ייִדישן מוזיקאַלישן טעאַטער, האָט מען אים ניט געטרויט — ער איז געווען צו „ליטעראַריש" פאַר דעם דורכשניטלעכן ייִדישן טעאַטער.

זיין סאַמע ערשטע אויפפירונג אין אַמעריקע איז געווען אַלס רעזשיסער און הויפּט־ראַליסט אין שלום עליכמס קאָמעדיע. אין יענער אויפפירונג האָט אויך געמאַכט זיין „דעבי" אַלס כאַראַקטער שוישפּילער אירווינג דזשייקאָבסאָן אין דער ראָל פון קאַפּל. דזשייקאָבסאָן האָט דעמאָלט ניט ווייניקער אויסגענומען מיט זיין שפּילן ווי רובין אין דער ראָל פון שימעלע סאָראָקער.

רובינס סאַמע לעצטע פּראָפעסיאָנעלע אויפגאַבע דאָ איז געווען לעצטן סעזאָן — זיין רעזשיסירן און שפּילן „גאָ פאַיט סיטי האָל" אין דעם מעיפער טעאַטער מיט אירווינג דזשייקאָבסאָן אין איינער פון די הויפּט ראָלן, — אַן אויסגערונדיקטער קרייז פון דריי צענדליק יאָר.

מנחם רובין האָט קיין מאָל ניט באַקלאָגט זיך; האָט קיין מאָל ניט פאַנאַנדערגעקנעפּלט זיך אַפילו פאַר אַ נאָענטן פריינד. און איצט, אַז ער איז אַוועק אויף אייביק בלייבט נאָך אים איבער אַ שאָטנדיקע געשטאַלט און אַ נאָגנדער פאַרדראָס וואָס מיר האָבן אים ניט געקענט נעענטער, אינטימער, בעסער.

געליבט האָט אים יעדער איינער וואָס איז מיט אים געקומען אין באַרירונג. ער איז געווען אַן ערלעכער מענטש, אַ פֿאַרגינערישער און אַ גוטער. ער וואָלט געקאָנט גרייכן גאָר הויכע הויכקייטן ווען ער שפּרייט אויס זיינע פֿליגל. פֿאַר וואָס ער האָט זיי ניט אויסגעשפּרייט וועלן מיר שוין קיין מאָל ניט וויסן...

יוני, 1962

חיים עהרענרייך

משה אוישער

ניט לאַנג צוריק איז געוואָרן פיר יאָר זינט עס איז פון אונדז אַוועק דער גרויסער זינגער משה אוישער. בלויז פיר יאָר, און דוכט זיך, ווי ער וואָלט אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונדזער לעבן אַ סך, אַ סך לענגער. זיין אָרט קאָן קיינער ניט פאַרנעמען.

ער איז געווען אייגנאַרטיק יידיש אַלס קינסטלער און אויך אַלס מענטש. מיט זיין מעכטיקער טענאָרן־שטימע האָט משה אוישער געקאָנט שטייגן הויך און ווערן אַנערקענט אין דער אַלגעמיינער וועלט פון אָפּערע און קאָנצערטן. עס האָט זיך בלויז געפאָדערט אַ ביסל דיסציפּלינירטקייט, אַ ביסל אָפּנייג פון זיין יידישן „איך". און אויף דעם האָט ער, דער רו־מעניש־געבוירענער און דער יידיש־דערצויגענער, ניט געוואָלט איינגיין — ניט געקאָנט איינגיין.

מיר זיינען אַ מאָל געזעסן אין אַ רעסטאָראַן אויף דער צווייטער עווע־ניו און האָבן געשמועסט. ס'איז געווען קורץ נאָך דעם ווי עס איז אַרויס די ענגלישע „מוווינג פּיקטשור" מיט אים אין דער הויפּט ראָל. ער איז ניט געווען אין גאַנצן צופרידן מיט דעם פילם. איי, ווען מען לאָזט אים „דער־לאַנגען" אַ „ויהי רצון", אַזוי ווי ער קאָן!... איי, ווען ער גיט אַ זינג דעם „אני מאמין", אַזוי ווי יענע קדושים האָבן עס געזונגען אויף זייער לעצטן גאַנג!...

„וואָס דענקט איר", האָט ער מיך אָנגעכאַפּט ביים אַרבל, און זיין פּנים איז געווען ערנסט און אָנגעשטרענגט, „וועלן די דייטשן זיך אויס־קויפן מיט עטלעכע הונדערט מיליאָנען, און דער קין־צייכן וועט זיי אָפּ־געווישט ווערן פון שטערן ?"

אַזוי איז ער געווען טעמפּעראַמענטפול, היציק און אויסערגעוויינטלעך ווייך און גוט־האַרציק. זיין שוועסטער, פריידעלע, קאָן וועגן איר ברודערס גוטסקייט אָנשרייבן ביכער גאַנצע. האָט ער נאָר געזען פאַרוויינטע אויגן, איז זיין האַרץ צעגאַנגען, און זיין קעשענע איז געוואָרן אָפן.

משה אוישער

ניט געווען אַ בעסערער זון ביי זיינע עלטערן ווי משה אוישער. דער מאַמען פלעגט ער טעלעפאָנירן עטלעכע מאָל אַ טאָג און זיך זען מיט איר עטלעכע מאָל אַ וואָך. באַהאַנדלט האָט ער זי ווי אַ קאַמעראַד, מיט קוים קאָנטראָלירטער ליבשאַפט און מיט אַ קיבעץ. זיין חוש פאַר הומאָר איז געווען אַן אומגעהייערער. דעם דאָזיקן כאַראַקטער־שטריך, אגב, פאַרמאָגן אין זיך אויך זיין מוטער און זיין שוועסטער פריידעלע און אַפילו זיין טאָ־לאַנטפולע פלימעניטשקע, די זינגערין מאַרילין מאַיקלס.

כ׳וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן דעם אָוונט, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט

אין דעם הויז פון מר. סילק, אין לאָס אַנדזשעלעס, מיט אַן ערך צען יאָר צוריק. צום טיש האָבן זיך דאָרט געזעצט משה אוישער, מאָריס שוואַרץ, בנימין טאַבאַטשינסקי פון אַרבעטער קאָמיטעט. אויב איך מאַך ניט קיין טעות, אויך פנחס שוואַרץ. ס'איז אַ שאָד וואָס דאָרט איז ניט געווען קיין סטענאָגראַפער אויף צו פאַרצייכענען די אַנעקדאָטן און די „מעשׂיות פון אַמאָל", וואָס די ניו־יאָרקער געסט האָבן דערציילט, און די שאַרפזיניקע קיבעצערייען, וואָס זיי האָבן זיך איינגעטיילט.

היינט, דער קאָנצערט נאָכן עסן! ביי מר. סילקין מוזן זיך נאָך געפי־נען די פּלאַטעס אין וועלכע שוואַרץ און אוישער האָבן אַריינגעזונגען.

אוישער, דער אמתער באַהעם, האָט שוין אין יענער ליכטיקער נאַכט קיינעם ניט געלאָזט גיין שלאָפן. מען האָט מיט אים אַרומגעשפּאַצירט אי־בער די ליידיקע גאַסן פון דער האַלב־טראָפּישער שטאָט, געשטיפט און געלאַכט און געפילט ווי „הנה מה טוב, מה נעים שבת אחים גם יחד", ווי גוט און ווי אָנגענעם עס איז ווען ברידער פאַרברענגען אין איינעם...

פאַראַן מענטשן, וואָס קאָנען אָפּלאַכן פון אַנדערע; אַליין קאָנען זיי קיין קיבעץ ניט פאַרטראָגן. משה אוישער און מאָריס שוואַרץ האָבן יאָ געקאָנט פאַרנעמען ליצנות אויף זייער חשבון. אוישער האָט געקאָנט אַפילו זיך אַליין קיבעצן, וואָס דאָס איז שוין גאָר אַ הויכע מדרגה פון הומאָר, אויב זי איז זויבער און ריין פון ניבול־פה. און משה אוישער האָט געהאַט אַ ציכטיקע צונג. אַגב, האָב איך קיין מאָל ניט געהערט, אַז ער זאָל וועגן וועמען אַ מאָל האָבן גערעדט לשון־הרע.

איך האָב פאַר זיך אַ בריוו, וואָס משה אוישער האָט צוגעשיקט אין „פאָרווערטס" אין זומער, 1943. עס האָט זיך דעמאָלט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער ליבלינג־זינגער איז געשטאָרבן. דער אָפיס פון „פאָרווערטס" איז „פאַרפלייצט" געוואָרן מיט טעלעפאָנען. האָט משה אוישער אונדז צוגע־שיקט פאָלגנדן בריוול.

„חשובער נייעס־רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס",

„דערלויבט מיר מאַכן אַ דערקלערונג וועגן אַ קלאַנג, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט, אַז איך בין ניט מער און ניט ווייניקער, ווי געשטאָרבן. דער

שוואַרץ־פּיונעראַל פאַרלאָר און מיין דאָקטער האָבן געקראָגן הונדערטער טעלעפאָנען פון מענטשן, פרעגנדיק צי איז עס טאַקע אמת? מען זאָגט מיר מיר אויך, אַז די צייטונגען האָבן געקראָגן אַ סך אָנפראַגעס וועגן דעם.

„מילא, דאָס האָט מיך ווייניק געקימערט, אַבי איך האָב עס ניט געוווּסט. אָבער אַז עס איז שוין דערגאַנגען דערצו, אַז ביי מיר אין שטוב האָט אָנגעהויבן זעצן דער טעלעפאָן, און צענדליקער מענטשן האָבן מיט געוואַלד זיך אַריינגעריסן אין שטוב אַריין זיך צו איבערצייגן, בין איך שוין אַליין געוואָרן, ווי מען זאָגט אין פליינעם ייִדיש, „קיינדע שייבע". איך האָב טעלעפאָנירט צו מיין דאָקטער, מאָריס בייער, און געפאָדערט, אַז ער זאָל מיר תיכף ומיד זאָגן צי איז עס אמת, אַז איך בין געשטאָרבן? און ווען דר. בייער האָט מיך פאַרזיכערט, אַז לויט זיין לעצטער אונטער־זוכונג און מעדיצינישע באַווייזן לעב איך, האָב איך אויסגעטרונקען אַ גלאָז וואַרעמע מילך און מיט אַ תפילה אויף מיינע ליפּן בין איך איינגע־שלאָפן מיט דער האָפענונג פאַר אַ גוט, פריילעך יאָר אויף ייִדן אין אַלע פריהייט־ליבנדע פעלקער פון דער וועלט, ווי אויך אַ מפּלה פאַר היטלער ענד קאָמפּ., ימח שמם".

אַ דאַנק, אייער משה אוישער".

און תמיד האָט זיין הומאָר עדות געזאָגט אויף זיין ווילן צו לעבן.

יוני, 1962

חיים עהרענרייך

ליזאַ זילבערט

די שוישפּילערין ליזאַ זילבערט, וועלכע איז געשטאָרבן אין מיאַמי אין עלטער פון 79 יאָר, איז געווען איינגעטונקט אין אַקטיאָרישן ייִחוס. שוין אַלס קינד פון 6 חדשים איז זי אַרויפגעפירט געוואָרן אויף דער בינע



ליזאַ זילבערט

דורך אירע עלטערן, די אַקטיאָרן אַדאָלף און ביילע ראָזענבליט, אַקטיאָרן אין אַברהם גאָלדפאַדנס טרופּע. זי איז געבוירן געוואָרן אין 1881 אין דער געבוירן־שטאָט פון ייִדישן טעאַטער — אין יאַסי, רומעניע. אין על־

טער פון 4 יאָר האָט זי אָנגעהויבן שפּילן קינדער־ראָלן אין די רומעניש־ייִדישע טרופּעס אונטער דער דירעקציע פון איר פאָטער און שפּעטער אין טרייטלערס טרופּע אין גאַליציע. שוין אין עלטער פון 11 יאָר איז זי אויפגעטראָטן אַלס אסתּר המלכּה אין גאָלדפאַדנס „אחשורוש", און ניט געקוקט אויף איר יוגנט, צוליב די דעמאָלטיקע אומשטאַנדן אין ייִדישן טעאַטער, האָט זי, אונטער איר פאָטערס דירעקציע, געשפּילט די פּרימאַ־דאָנע־ראָלן אין אָפּערעטן־רעפּערטואַר. אין עלטער פון 13 יאָר איז זי מיט איר פאָטערס טרופּע אָפּגעפאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דערנאָך האָט זי אַ יאָר געשפּילט ייִדיש טעאַטער אין עגיפּטן און ווידער צוריק אין רומעניע, ווּ זי האָט חתונה געהאַט מיטן שוישפּילער יעקב זילבערט, מיט וועלכן זי האָט געשפּילט אין דייטשלאַנד און אונגאַרן, און נאָך דעם אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע.

יעקב זילבערט האָט דאָ אין אַמעריקע באַוויזן צו ווערן אַ סטאַר. זי איז פון פּרימאַדאָנע־ראָלן אַריבער צו דראַמאַטישע ראָלן, דערנאָך צו מו־טער־ און גראַנד־דאַמע־ראָלן, וואָס האָבן איר זייער געפּאַסט צו איר פּרעכטיקער פיגור, שיינע האַלטונג און אויסגעצייכנטע דיקציע.

אין אַמעריקע האָט ליזאַ זילבערט, וועלכע האָט זיך באַלד דערוואָרבן אַן אָנגעזעענע שטעלונג אין היגן ייִדישן טעאַטער, געשפּילט מיט די וויכטיקסטע כּוחות פון דער ייִדישער בינע.

אייניקע יאָר איז זי אַליין געווען דירעקטאָרין פון טרופּעס, צוויי סע־זאָנען האָט זי געשפּילט מיט יעקב בן־עמי אין זיין קונסט־טעאַטער און דערנאָך, מיט איבעררייסונגען, עטלעכע מאָל אין מאָריס שוואַרצס קונסט־טעאַטער. זי האָט אויך געשפּילט אייניקע סעזאָנען אין פילאַדעלפיע און אַפילו געמאַכט אַ פּרווו אויף דער ענגלישער בינע אין דער קאָמעדיע „מענדל אינקאָרפּאָרייטעד" פון דעיוו פרידמאַן.

ליזאַ זילבערט האָט איבערגעלעבט אַ שרעקלעך אומגליק: איר טאָכ־טער ראָזאַ, אַ יונגע, פּרעכטיקע שוישפּילערין, מיט וועלכער מען האָט גע־עפנט און אויף איר נאָמען פאַררופן דאָס „האָפּקינסאָן" טעאַטער, איז אויף איר חתונה־רייזע מיט איר מאַן אָסקאַר גרין, אומגעקומען בעת אַ שיף־

קאַטאַסטראָפע. יעקב זילבערט איז געשטאָרבן און זיינס אַ שוועסטער, רבקה לעש, אַ שוישפּילערין, די פרוי פון פּיעסן־שרייבער יצחק לעש, איז אויך מיט איר מאַן געשטאָרבן. ליזאַ אַליין האָט זיך שוין מיט אַ צייט צו־ריק צוריקגעצויגן פון טעאַטער. זי האָט געלעבט אין מיאַמי, ווו זי איז אויסגעהאַלטן געוואָרן בהרחבה פון איר זון טעדי, וועלכער איז אין זיינע יונגע יאָרן אויך געווען פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער, און אַמטירט שוין יאָרן לאַנג ווי דער פּרעזידענט פון דער „סטענדערד פינאַנשיעל קאָרפּאָ־רעישאָן".

ליזאַ זילבערט איז געווען זייער באַליבט אין די קרייזן, ווו מען האָט זי געקענט, באַזונדערס אין דער אַקטיאָרישער משפּחה.

דעצעמבער, 1966

אין תחום פון סעזאָנעו

מאָריס געסט — דער טעאַטער־מענעדזשער

וויפל מען האָט ניט געשריבן וועגן מאָריס געסטן, דעם באַרימטן בראָדווייער טעאַטער־מענעדזשער, דעם מאַן וואָס האָט אַהער אַריבערגע־בראַכט אין די לעצטע אַנדערטהאַלבן יאָר דעם „מאָסקווער קונסט־טעאַ־טער״, דעם „שאָוו סורי״, די איטאַליענישע טראַגעדיע־שפּילערין עלעאָנאָרע דוזע, און דערמעגלעכט די אויפפירונג פון דעם פּראַכטפולן ספּעקטאַקל „די מיראַקל״ (דער ווונדער) — וויפל מען האָט וועגן אים ניט געשריבן און דערציילט, פאַרבלייבט דאָך זיין לעבן און זיין פּערזאָן תמיד אינטערעסאַנט און רופט אַרויס נייגעריקייט.

עס איז אַ געשיכטע פון אַן עלנטן, אָרעמען צייטונגס־יינגל, אַ קינד פון די ענגע באָסטאָנער געסלעך, אַן טאַטע־מאַמע, אָן קרובים און פריינד, און אָן אַ וואָרט ענגליש אין מויל, וועלכער האָט דורך יאָרן פון ליידן הונגער און נויט ניט פאַרלוירן זיין ליכטיקן טרוים צו ווערן אַ טעאַטער־מענעדזש און קאָנען אויפפירן „שיינע זאַכן״. אָט דאָס איז ער דער „ניוס־באָי״, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַן אָפּגאָט פון דער אַמעריקאַנער טעאַטער־וועלט.

מיר האָבן ליב צו לייענען מעשׂהלעך ווייל אין זיי איז דאָס אוממעג־לעכע מעגלעך, און דאָס, וואָס ווערט אין לעבן פאַררעכנט פאַר אַ פּוסטן טרוים, איז אין קינדער־מעשׂהלע אַ געוויינטלעכע דערשיינונג. לייענענדיק אַנדערסאָנס אָדער גרימס קינדער־מעשׂהלעך פאַרגעסן מיר אין דער וואָכע־דיקייט, אין אומאינטערעסאַנטן טאָג־טעגלעכן לעבן, און מיר ווערן פאַר־וויגט אין צויבער פון אַ שיינער וועלט. מיר ווערן פאַרוויגט — ווייל מיר ווילן זיך פאַרוויגן און ווייל מיר ווילן זיך לאָזן פאַרנאַרן פון דער לעגענ־

דאַרער שיינקייט, כאָטש מיר ווייסן, אַז עס איז ניט מער ווי אַ קינדער־מעשׂה, אַן אויסגעטראַכטע פון אַ פּאָעט...

ווי זשע נאָך אינטערעסאַנטער און פאַרכאַפּנדיקער איז דאָס קינדער־מעשׂהלע, וואָס די ווירקלעכקייט האָט אַליין געשריבן ?!

*

מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק איז דער 9־יאָריקער משהלע גערשאַנאָ־וויטש געקומען אַהער פון ווילנע איינער אַליין צו אַ טאַנטע אין באָסטאָן. הינטער זיך האָט ער איבערגעלאָזן די ערשטע, ליבע קינדער־יאָרן, די טאַטע־מאַמע, וועלכע ער האָט זייער ליב געהאַט, און די שטאָט ווילנע, וועלכע איז אין פאַרגלייך מיט דער אַריסטאָקראַטישער אַמעריקאַנער שטאָט באָסטאָן, געווען אַ דערפל.

קומענדיק קיין באָסטאָן האָט ער זיך גלייך צו מאָרגנס געמוזט שטעלן אַרבעטן, כּדי צו פאַרדינען אויף חיונה. דער „דזשאַב" זיינער איז געווען איינצופּאַקן גרויסע קאַסטנס סחורה. ער האָט נאָך אָבער קיין האַלבע שעה ניט אָפּגעאַרבעט און שוין האָט ער באַוויזן אַריינצושלאָגן זיך אַ טשוואָק אין האַנט. צוליב דעם איז ער געוואָרן אַ קאַליקע און געמוזט אויפגעבן זיין „דזשאַב".

*

די עלטערן פון משה גערשאַנאָוויטש זיינען געווען גאַנץ פאַרמעגלעך און זיי וואָלטן געווען צופרידן צו האַלטן דעם זון ביי זיך. נאָר משהלע, דער צוקונפטיקער מאָריס געסט, האָט שוין אין דער פריסטער יוגנט זיי־נער אַרויסגעוויזן אַן אומרויִקע, ליידנשאַפטלעכע נאַטור און אַ באַגער צו עפּעס שענערס... לערנען לאַנגע טעג אין חדר, איינגעבויגן איבערן חומש — דאָס האָט ער ניט געוואָלט. דאַקעגן האָט ער ליב געהאַט צו וואַנדערן אויף די פעלדער הינטער ווילנע, אָדער זיך איינהערן ביים פּוילישן קאָש־טשאָל צו דער קירכן־מוזיק. דערצו האָט ער אויך ליב געהאַט פייגל, און

ביי זיך אין שלאָפצימער האָט ער אַפילו געמאַכט אַן אמתן „האָטעל" פאַר טייבעלעך.

ווען זיין פאָטער האָט זיך דערוווּסט וואָס עס טוט זיך ביים תכשיט אין צימער, האָט ער גלייך באַפוילן צו פאַרקויפן די טייבעלעך, און משהלע איז געבליבן מיט אַ „צעבראָכן האַרץ".

— „איך האָב פאַר די טייבעלעך אים אַ לאַנגע צייט ניט געקאָנט מוחל זיין" — דערציילט מאָריס גערסט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן — „מיט יאָרן שפּעטער, שוין אין אַמעריקע, פלעג איך אָפט זיך פאָטאָגראַפירן מיט טייבעלעך און פלעג שיקן די בילדער מיין טאַטן"...

און דער טאַטע האָט אַוודאי געשעפּט נחת קוקנדיק אויף די אַמעריקאַנער טייבעלעך, וועלכע האָבן אַזוי ליב געהאַט זיין זון אין דער פרעמד...

*

ווי מאָריס גערסט דערציילט איז צווישן אים און זיין טאַטן נאָך פאַרגעקומען אַ פיל־ערנסטער קריג צוליב אַ צירק:

קיין ווילנע איז אָנגעקומען דער באַרימטער טוצי־צירק, האָט זיך דעם יונגן משהלע פאַרוואָלט זען דעם צירק. זיין טאַטע אָבער האָט געהאַלטן, אַז ער איז נאָך צו יונג כּדי צו באַזוכן אַ צירק און ער האָט ניט מסכּים געווען צו געבן אויף דעם אַפילו אַ קאָפּיקע. דער קליינער חברהמאַן האָט זיך דעמאָלט אַרויסגעגנבעט פון שטוב און געקומען אין צירק בעטן אַ „דזשאָב" — און טאָקע געקראָגן.

— „יענעם אָוונט בין איך געווען די הינטערשטע פיס פון אַ פערד, וואָס דער קלאָון האָט אים אַריינגעפירט אויף דער אַרענע. ס'איז אָבער דורכויס געווען אַ דורכפאַל. מיינע פיס זיינען געווען צו קורץ פאַר דער ראָל און מען האָט מיך אַוועקגעשלעפּט פון אונטערן פערד און אַרויסגעפירט פון צירק" — דערציילט מאָריס גערסט.

ווען טאַטע־מאַמע האָבן זיך דעמאָלט דערוווּסט וועגן זיין „אויפטריט" אין צירק, האָבן זיי זיך ערנסט גענומען אַן עצה האַלטן וואָס צו טאָן מיט אים, און ער, משהלע, האָט זיך געבעטן, אַז מען זאָל אים שיקן קיין אַמע־

ריקע. מיינענדיק אים דערמיט אָנצושרעקן, האָט דער טאַטע אַפילו מסכים געווען אים צו שיקן קיין אַמעריקע... פאַרן יונגן משהלע איז דאָס אָבער ניט געווען קיין שטראָף, נאָר אַ גליקלעכע געלעגנהייט. דאָרט, אין אַמעריקע, וועט ער פריי זיין צו פאַרווירקלעכן זיין טרוים, ווערן אַן אַקטיאָר.

ווידער קערט זיך משהלע־מאָריס אום צו זיינע ערשטע יאָרן אין באָסטאָן, ווי ער, אַ צייטונגס־ייִנגל, אַן אָפּגעריסענער, אַן אויסגעהונגערטער און אַ טויט־מידער, פלעגט אַרומלויפן איבער די גאַסן און שרייען מיט די לעצטע כוחות: „פּאָוסט! גלאָוב! הערלד דזשיורנאַל!״

שלאָפן פלעגט ער ערגעץ אין אַ האָל אָדער אין אַ פּאַרק. ווינטערצייט, אין די ביטערע פרעסט, פלעגט ער ליגן אויף אַ ברעט איבער די גראַטעס אין אַ קאָרידאָר פון דער „הערלד״ בילדינג, און די פּאַרע פון די פּרעסמאַשינען פלעגט וואַרעמען זיין האַלב־פאַרפרוירענעם קערפּערל. אָפט פלעגט ער זיך אויפכאַפּן פון שלאָף און דערזען כל מיני שרצים און זשוקן, אַז די האָר פלעגן אים פון שרעק זיך שטעלן אויפן קאָפּ. ניט איין מאָל בעת אַ שניי אָדער אַ רעגן, פלעגט ער געפינען אַ מקום־מנוחה ערגעץ אין אַ קאָרידאָר, און ביים אויפכאַפּן זיך אין דער פרי אַ געפרוירענער, פלעגט זיין אויער אָדער האַנט זיין צוגעפרוירן צו אַן אייזן...

— „עס איז געווען אַ שוידערלעך לעבן. איך האָב געמוזט האָבן אַן אייזערנעם קערפּער דאָס דורכצוטראָגן. דעמאָלט אָבער איז עס ניט געווען פאַר מיר שווער. איך האָב געלעבט מיט מיינע טרוימען. איך האָב געשטרעבט צום טעאַטער און איך האָב דיליידן אַזוי ווי ניט באַמערקט. איך האָב פאַר זיך שטענדיק געזען דעם ליבן פּנים פון מיין מוטער און איך האָב געשוווירן זי צו באַלוינען פאַר די ליידן וואָס איך האָב איר פאַרשאַפט מיט מיין אָפּפאָרן״.

*

אויב משהלע גערשאַנאָוויטש האָט וועגן דער בינע נאָר געקאָנט טרוימען, ווי וועגן עפּעס אין דער ווייטער צוקונפט, האָט ער אָבער אַ נאָמען פאַר דער בינע געקאָנט צוגרייטן נאָך זייענדיק אַ „ניוס־באָי״. פון משהלע

גערשאַנאָוויטש איז ביי אים אַרויסגעקומען „מאָריס געסט". אי עס איז ענגליש, אי עס האָט אין זיך אַן אויסלענדישן טעם.

עס איז לייכט אָנצונעמען אַן אַנדער נאָמען. די הויפּט־שוועריקייט באַשטייט אין ווירקן אויף אַנדערע, אַז זיי זאָלן אָנהייבן נוצן דעם נייעם נאָמען. און דאָס האָט טאַקע משהלע גערשאַנאָוויטש ניט געקאָנט אויספירן. די אַנדערע צייטונגס־ייִנגלעך האָבן אים ניט אויפגעהערט רופן ביים נאָמען „משהלע".

דער צוקונפטיקער טעאַטער־מענעדזשער האָט זיך די זאַך אַזוי גענומען צום האַרצן, אַז ער האָט פאַרלאָזן זיין „דזשאַב" אויס פּראָטעסט קעגן זייער ניט „אָנערקענען" זיין נייעם נאָמען.

ער איז געוואָרן אַן אַרויסהעלפער ביי אַ פּושקאַרט פּעדלער, וועלכער האָט פאַרקויפט אַלטע העמדער, וואָס ער פלעגט אָפּקויפן ביי אַ כינעזישן לאָנדרימאַן. מאָריס געסט האָט שוין געקענט ריידן ענגליש און איז געווען זייער נוצלעך ביים פּושקאַרט.

זיין נאָענטסטער דזשאַב איז געווען אין אַ ביבליאָטעק. דאָ האָט ער צום ערשטן מאָל באַקומען אַ רעגולערן געהאַלט — 2 דאָלאַר אַ וואָך. זיין אַרבעט — אָפּרייניקן די פּאָליצעס, אויסשטעלן די ביכער און אַנדערע אַרבעטן אַרום דער ביבליאָטעק. ביי נאַכט נאָך דער אַרבעט האָט ער באַזוכט פּאָבליק סקול.

*

ניט דער לייבערערי דזשאַב און ניט די פּאָבליק סקול האָבן לאַנג געדויערט. אין באָסטאָן איז אָנגעקומען אַ טרופּע ייִדישע אַקטיאָרן מיט גאָלדפאַדנס אָפּערעטע „שולמית". געסט האָט באַשלאָסן צו קריגן אַ דזשאַב ביי דער טרופּע. דער מענעדזשער פון דער טרופּע איז געווען אַ ייִד מיטן נאָמען מיטניק. האָט זיך דער יונגער טעאַטער־פּאַטריאָט אָוועקגעשטעלט וואַרטן אויפן מענעדזשער נעבן דעם אַריינגאַנג אין טעאַטער. פון נאָך איינס ביי טאָג ביז נאָך זיבן אָוונט האָט ער אָפּגעוואַרט און ער האָט אַ דזשאַב געקראָגן.

דער דזשאָב איז געווען צו איבעררוקן דעקאָראַציעס, איינקויפן סענד־וויטשן פאַר די אַקטיאָרן, היטן די קליידער און נאָך אַזעלכע אַרבעטן. זיין געהאַלט איז געווען 15 סענט אַ נאַכט און אַ מאָל נאָך ווייניקער. ער איז אָבער געווען זייער גליקלעך. וואָס עס זאָל ניט זיין — אַבי נעבן טעאַטער!

מאָריס געסט האָט אָבער באַלד געמוזט פאַרלאָזן זיין דזשאָב, און אַלץ צוליבן אַפּעטיט פון די יידישע אַקטיאָרן און — צוליב אַ האָן וואָס איז פּלוצלינג פאַרשוווּנדן...

מיטניקס טרופּע האָט דאַן געשפּילט אין דעם פּאַלאַס־טעאַטער אויף קאורט־סטריט. אין איינער פון די פּיעסן האָט אַ האָן געדאַרפט זיין אויף דער בינע, און פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט זיך באַנוצט מיט אַ לעבעדיקן האָן. מאָריס האָט אַכטונג געגעבן אויפן האָן און געדאַרפט זען אַז ער זאָל דערשיינען אויף דער בינע פּונקט צו דער צייט. אָבער אין אָוונט, ווען מען האָט צוגעגרייט די בינע פאַר דער פאָרשטעלונג, האָט געסט באַמערקט אַז דער האָן איז ניטאָ אין שטייג. ער האָט אָנגעהויבן זוכן אין יעדן ווינקעלע און אויף די בריקלעך איבער דער בינע — און אומזיסט, דער האָן איז ניטאָ. האָט ער געבראַכט די ווייסטע בשׂורה צום „פּראָפּערטי מען" וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע נייטיקע זאַכן צו דער אויפפירונג און — יענער האָט דעם יינגל גלייך אָפּגעזאָגט פון זיין דזשאָב.

שפּעטער האָט זיך מאָריס געסט דערוווּסט וואָס מיטן האָן איז גע־שען. אַזוי ווי דער באָקס־אָפיס איז געווען אויף צרות און די אַקטיאָרן האָבן היפּשלעך אונטערגעהונגערט, האָבן עטלעכע אַקטיאָרן, אונטער דער פירערשאַפט פון קאָמיקער, אַרויסגעגנבעט דעם האָן פון שטייג, אים אַוועק־געטראָגן צום שוחט און פון אים — אין קיך אַריין. מען האָט דעם האָן אָפּגעקאָכט און די שוישפּילער האָבן אָפּגעגעסן אַ גוטן מאָלצייט אויפן רעכענונג פון דעם אָרעמען מאָריס, וועלכער האָט צוליב דעם האָן ניט געקראָגן באַצאָלט פאַר אַ גאַנצער וואָך אַרבעט.

*

ווי אַזוי געסט איז געוואָרן אַן אַקטיאָר אויף דער ענגלישער בינע?

ער פלעגט ליגן אונטער גרינע ליילעכער, וועלכע זיינען געווען אויס־געשפּרייט אויף דער בינע, און אויף זיי זיך קייקלען אהין און צוריק. דאָס האָט געזאָלט פאָרשטעלן די כוואַליעס פון ים. ווען דער ים איז געווען זייער „שטורעמדיק", איז דער יונגער אַקטיאָר געשפּרונגען אין דער הייך אונטער די גרינע קוירטענס און דער מענעדזשער האָט אים זייער געלויבט פאַר זיינע גרויסע פעיקייטן...

דערנאָך איז געסט געקומען זוכן אַ דזשאַב ביי באָריס טאָמאַשעפסקי, אויך אויפגעפירט יידישע פּיעסן אין באָסטאָן, און ענדלעך, נאָך לאַנגע וואַנדערונגען און ליידן, געקראָגן אַ שטעלע ביי אָסקאַר האַמערשטיין, וועלכער האָט אויפגעבויט דאָס מאַנהעטן־אָפּערע־הויז אויף אויפצופירן די גרענד אָפּערע.

*

אָט אַזוי איז דאָס לעבן פון דעם בראָדווייער מענעדזשער אַ לייטער פון גרויסע ליידן, וועלכע האָבן געפירט צו גרויסע דערגרייכונגען. ער האָט גרויסע פאַרדינסטן אין דער געשיכטע פון דעם אַמעריקאַנער טעאַטער.

דאָס אויפפירן פון אַזאַ ספּעקטאַקל ווי „די מיראַקל", צוליב וועלכן אַ טעאַטער האָט געדאַרפט איבערגעבויט ווערן און וועלכן אַ קנאַפּער מיליאָן דאָלאַר האָט געדאַרפן אַריינגעלייגט ווערן, איז אַן אומגעהייערער אויפטו.

דער „מאָסקווער קונסט־טעאַטער", וועלכער איז צום ערשטן מאָל געבראַכט געוואָרן קיין אַמעריקע, איז אַ געשעעניש וואָס איז נאָך פריש אין זכרון פון אַמעריקאַנער עולם. ער האָט פאַר אַמעריקע געעפנט די אמתע נשמה פון רוסלאַנד, די אוצרות פון איר קונסט.

און דאָס אַלץ האָט אויפגעטאָן דער אויסגעהונגערטער, אָפּגעריסע־נער, „גרינער" יינגל פון די באָסטאָנער גאַסן.

— „וואָס איך האָב נאָר געטאָן, איז עס שטענדיק געווען מיט דעם ווונטש צופרידנצושטעלן מיין מוטער און מיין שטרעבונג נאָך שיינקייט".

אַזוי זאָגט מאָריס געסט, און מען מוז אים גלייבן, אַפילו נאָך די גרויסע

דערפאָלגן פון די „שאָוו סורי״, „די מיראַקל״ און נאָך די פאָרשטעלונגען פון „מאָסקווער קונסט־טעאַטער״, איז ער נאָך אַלץ ווייט פון צו זיין אַן עושר. דאָס פלאַנעווען פון גרויסע ספעקטאַקלען און דאָס אויפפירן פיעסן פון אויסערגעוויינטלעכער שיינקייט — זיינען די אַמביציעס וואָס באַצויבערן אים.

אָט דאָס איז מאָריס געסט — אַ קינדער־מעשׂהלע פאַר אַלע אָרעמע און פעיִקע וועלכע ווערן געטריבן פון אַן אינערלעכן ווונטש נאָך עפּעס שיינס און הערלעכס.

יוני, 1924

מאַלי פּיקאָן אין די אַמעריקאַנער וואָדעוויל טעאַטערס און ביַי ייִדן

מאַלי פּיקאָן פאַרענדיקט איר „רייזע איבער בראָדוויי". עלף וואָכן האָט זי געשפּילט אין די טעאַטערס פון קיטס וואָדעוויל אין ניו־יאָרק, שיקאַגאָ און קליוולאַנד; עלף וואָכן צייט האָבן די ענגלישע צייטונגען און טעאַטער־זשורנאַלן וועגן איר גאַנצע זייטן געשריבן, און איך בילד איז געדרוקט געוואָרן, ווי זי זיצט, ווי זי שטייט און גייט. עס האָט אויסגעזען ווי מאַלי פּיקאָן וועט שוין דאַרפן פאַררעכנט ווערן פאַר דעם ייִדישן טעאַטער צווישן די „געוועזענע"...

אַפילו, אַז זי וועט ביישטיין די אָנבאָטן פון די טעאַטער אימפּרעסאַריאָס פון בראָדוויי און האָליוווד און וועט שוין צוריקקומען צו סעקאָנד עוועניו, וועט זי שוין ניט זיין „דאָס וואָס געווען" — האָבן אירע פריינד פון ייִדישן טעאַטער זיך געשראָקן שטילערהייט. נאָך אַזעלכע ליבגעזאַנגען מצד די „גויִים" וועט זי שוין מוזן זיין אַ „געניזוקטע", וואָרום עס דאַכט זיך זיי, אַז מען דאַרף דאָך האָבן אַ קאָפּ פון אייזן און אַ האַרץ פון קופּער צו קאָנען אויסהערן אַזוי פיל קאָמפּלימענטן ווי „זיי" האָבן איר געגעבן און ניט באַקומען אַ „געשוואָלענעם קאָפּ" און קיין „אויפגעבלאָזן האַרץ". שרעקן זיך אַ סך פון מאַלי פּיקאָנס אָנהענגער, טעאַטער־פריינד, פאַר „דער נייער מאַלי" וואָס זיי דערוואַרטן צו טרעפן!...

איך קאָן זיי באַרויִקן. איך האָב מיט מאַלי פּיקאָן געהאַט אַ לאַנגן געשפּרעך, געהערט אינטערעסאַנטע זאַכן וועגן איר „טור" און איך קאָן באַריכטן, אַז מאַלי פּיקאָן איז די זעלבע, איינפאַכע, ליבלעכע מאַלי ווי געווען. די אַלע ליבגעזאַנגען און שבחים וואָס זי האָט געהערט, זיינען איר זייער ליב און זייער אָנגענעם, אָבער שטאַרק צום האַרצן נעמט זי ניט

דעם גאַנצן ענין. זי איז מער אינטערעסירט אין דער נייער אָפּערעטע וואָס יוסף רומשינסקי האָט פאַר איר אָנגעגרייט פאַר דעם נייעם סעזאָן, ווי אין די רעזולטאַטן פון איר שפּילן אויף בראָדוויי.

*

מיט פערצן יאָר צוריק, דערציילט מאַלי, האָט זי געשמאַק געשפּילט אין דעם אַמעריקאַנער וואָדעוויל. געשפּילט האָט זי אַן „אַקט", מיט דריי אַנדערע מיידלעך. יעדע איינע פון זיי האָט געקראָגן פופצן דאָלאַר אַ וואָך. זיי האָבן אָבער געהאָפט, אַז זיי וועלן אַ מאָל קריגן אַ גוטן „ברעיק" און דערשלאָגן זיך צו בראָדוויי...

דאָס איז געווען מיט יאָרן צוריק. זינט דאַן איז אַ סך פאַרלאָפן. די אומבאַוווסטע האָט באַגעגנט אַ געוועזענעם חסידישן ישיבה־בחור מיטן נאָמען יאַנקל. זיי האָבן זיך פאַרליבט און חתונה געהאַט. פון יאַנקעלען איז געוואָרן יעקב קאַליך און — ס'איז אויסגעוואַקסן די איצטיקע באַרימטע מאַלי פּיקאָן. פון די דעמאָלטיקע 15 דאָלאַר איז געוואָרן פופצן הונדערט דאָלאַר און נאָך מיט אַ „סמיטשיק"...

מיט אַ שטיק צייט צוריק האָט די „אַר־קעי־אָ" (ראַדיאָ קיט־אָרפעום), די פירמע וועלכע האָט אַנגאַזשירט מאַלי פּיקאָן פאַר אירע וואָדעוויל־טעאַטערס, געעפנט איר ראַדיאָ סעזאָן. צו דער דערעפענונג זיינען פאַרבעטן געוואָרן די גרעסטע און באַרימסטע סטאַרס, וועלכע זיינען אויפגעטראָטן אין די ניו־יאָרקער טעאַטערס פון דער פירמע. צווישן די צוויי הונדערט אַרטיסטן איז אויך געווען מאַלי פּיקאָן.

די פּראָגראַם האָט זיך אָנגעהויבן פרי אין אָוונט. מאַלין האָט דער „אַנאָנסער" איבערגעלאָזט ביז אַ פערטל נאָך עלף, ווען די פּראָגראַם ווערט געהערט פון ברעג צו ברעג אין אַמעריקע. מען האָט אירע יידישע לידער געזונגען אין ענגליש, געהערט האָט אָבער גאַנץ אַמעריקע, אויף די סטעפּעס פון וואַיאָמינג און אין די ראָקי מאַונטנס, אויף די גרויסע לייקס און ביי די ברעגן פון מיסיסיפּי.

מאַליס לידער האָט מען אויך געהערט אין דעם שטעטל אַנאַקאַנדאַ,

וואָס געפינט זיך אין מאָנטאַנאַ. אין איר אָרעמער הייזקע איז געזעסן אַ פרוי און איר מאַן מיט צוויי קינדער און זיך צוגעהערט צו דער „אַר־קעי־אָ" שטונדע אויף דער ראַדיאָ. די פרוי, כאָטש אַ יונגע, האָט שוין גרויע פעדעם אין די האָר און טונקעלע פּאַסן אונטער די אויגן. ווי אויפגעלויכטן האָבן די אויגן ווען זי האָט דערהערט דעם „אַנאַנסער" פאַרשטעלנדיק מאַלי פּיקאָן.

*

עס איז מיר געווען אינטערעסאַנט צו וויסן ווי אַזוי מאַלי פּיקאָן איז אויפגענומען געוואָרן אין די פאַרשיידענע געגנטן אין ניו־יאָרק אין וועלכע זי האָט געשפּילט, וועגן דער אויפנאַמע וואָס זי האָט געקראָגן אין פּאַלאַס טעאַטער, ווייסן מיר שוין. זי האָט דאָרט געשפּילט פיר וואָכן אָן אַן אָפּ־האַלט און האָט געמוזט אַהין צוריקקומען אויף אַ פינפטער וואָך. ווי האָט זי דער עולם אויפגענומען אין דעם פרענקלין טעאַטער, בראָנקס, אין דעם ריווערסייד טעאַטער (בראָדוויי און 6טע גאַס) אָדער אין פּאַרראָקאָוועי ? זיינען די טעאַטער־באַזוכער אין די אַלע טעאַטערס גלייך ?

ניין, ענטפערט יעקב קאַליך. דעם ערגסטן עולם האָט מאַלי געטראָפן אין דעם ריווערסייד טעאַטער. אַהינצו קומט דווקא אַ ייִדישער עולם, וועל־כער פאַרשטייט ייִדיש. אָבער עס איז אַן עולם וועלכער וויל „אַוועקגיין". דאָס זיינען, זאָגט ער מייסטנס ייִדן וואָס האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט און ווילן מאַכן אַן אָנשטעל. שפּילן זיי די ראָלע פון „גלאַט מענטשן", אַמערי־קאַנער. היינט שטעלט זיך פאָר ווי זיי האָבן געפילט ווען מאַלי פּיקאָן איז אַרויס פאַר זיי זינגען „פּוטינג אָן די ריץ" (מאַכנדיק אַן אָנשטעל).

„ווען מיסטער יצחק ווערט מיסטער דיק", האָט געזונגען מאַלי. „מיס־טער קאָהען ווערט מיסטער קיון, און ווען רייטשל ווערט רעדזשינאַ — אָט דאָס הייסט אַן אָנשטעל".

דער עולם איז ריווערסייד איז געוואָרן אַ פאַרציטערטער הערנדיק דאָס לידל. עס האָט זיי, ווי מען זאָגט, געטראָפן אין „סאַמע פּינטעלע". און זייער האַלטונג איז געווען העכסט אַנטי־ייִדיש.

זייער אַן אינטעליגענטער און זייער אַ וואַרעמער עולם האָט אויפגענומען מאַלין אין פּאַרראָקאַוועי. לאַיערס, דאָקטוירים, טעאַטער־מענטשן פון כּל המינים זיינען איר געקומען זען דאָרט. זי האָט געמוזט פּאַרלענגערן איר קאָנטראַקט דאָרט אויף אַן אומבאַשטימטער צייט.

די גרעסטע אַנאָנסן האָט מאַלי געקראָגן אין שיקאַגאָ. מען האָט זי אַנאָנסירט גרויס נאָך מיט וואָכן אין פאָרויס. מען האָט זי אַזוי גרויס אַנאָנסירט, אַז מען האָט אַליין אָנגעהויבן שרעקן זיך טאָמער וועלן די צו־גרויסע געוואַלדן וועגן איר, חלילה, זי דערהרגענען. ביי איר ערשטן אויפטריט האָט דער פּאַרוואַלטער פון טעאַטער זיך געשראָקן ניט ווייניקער ווי מאַלי. ער איז געווען ווייס ווי קאַלך. טאָמער חלילה פאַלט זי דורך, וועט ער קריגן די אמתע „עליה״ פאַר מאַכן די גרויסע געוואַלדן וועגן איר.

מאַלי האָט אָבער שטאַרק אויסגענומען! זי איז „אַריבער!״, ווי מען זאָגט אין טעאַטער, גרעסער ווי אַלע אַנדערע קינסטלער אויפן פּראָגראַם. דער פּאַרוואַלטער איז געווען דער ערשטער אַרויפצולויפן הינטער די קוליסן מיט אַ גדולה! מיין פּערדל האָט געוווּנען!...

וואָס פאַר אַ גרעסערן קאָמפּלימענט קאָן בכלל אַ קינסטלער קריגן פון אַ טעאַטער־פּאַרוואַלטער?

„אָבער אוי, ווי גוט, ס׳איז שוין אַריבער און כ׳בין צוריק אין דער היים״, זיפצט מאַלי פּיקאָן אַ צופרידענע. מיין לעצטער איינדרוק איז: לעבן זאָל דאָס ייִדישע פּובליקום און דער ייִדישער טעאַטער! ס׳איז גוט, וואָיל ביי „זיי״. זיי גיבן אַלץ און זיי זיינען גרייט צו לויפן אין פייער און אין וואַסער. „איך האָף אַז מ׳וועט מיר דאָ לאָזן זיין און ניט טרייבן צו די גויים. איר האָט קיין באַגריף ניט ווי איך וואַרט אויף דער דערעפענונג פון דעם נייעם סעזאָן״.

ביז דער נייער טעאַטער־סעזאָן וועט דערעפנט ווערן, דאַרף נאָך מאַלי פּיקאָן אויפטרעטן אין צוויי קורצע „טאָקיס״ (ריידנדיקע פילמען) אין דער ניו־יאָרקער סטודיאָ פון די וואָרנער ברידער. זי וועט קריגן אַ סומע פון זעקס טויזנט דאָלאַר פאַר די צוויי ריידנדיקע בילדער, וואָס וועט דויערן 12 מינוט.

זי האָט אויך אַן אָנבאָט צו פאָרן קיין האָליוווד זיך באַטייליקן אין אַ רעוויו פון ריידנדיקע פילמען. זי וועט דעם אָנבאָט ניט אָננעמען. עס איז מעגלעך אַז מאַלי זאָל אויפטרעטן אין אַ לאַנגן ריידנדיקן פילם, וואָס אַ פילם קאָמפּאַני וועט אויפפירן דאָ אין אַ ניו־יאָרקער סטודיאָ.

מאַלי פּיקאָן איז שוין אין דער היים. זי האָט שוין אָנגעהויבן אַרבעטן אויף איר נייער ראָל, מאַכט פּראָבעס, שטודירט טענץ, גרייט־צו קאָסטיומען. די זעלבע מאַלי, גאָר ניט געענדערט פון די ימען שבחים וואָס זיינען איר צוגעטיילט געוואָרן אין פאַרלויף פון דער לאַנגער וואַקאַציע.

סעפּטעמבער, 1929

ווי מוני ווייזענפריינד (פאָל מוני) איז אַוועק פון האָליוווד

אין טעאַטער־קרייזן האָט מען נאָך לעצטן ווינטער גערעדט אַז עפּעס איז פאָרגעקומען צווישן מונין און דעם סופּערווייזער פון דער סטודיאָ, אַז מוני האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שפּילן די פּיעסן וואָס מען האָט פאַר אים אויסגעקליבן; אַז אַ געוויסע פּיעסע, וואָס ער האָט יאָ געוואָלט שפּילן, האָט מען אַוועקגעגעבן אַן אַנדערן סטאַר. מען האָט אַ סך זאַכן דערציילט און עס איז שווער געווען צו דערגיין צו אַ טאָלק — וואָס עס איז באמת גע־שען.

מוני ווייזענפריינד הערט אויס די אַלע מעשיות און לאַכט:

„אַזוי ווי אין יעדער מעשה, איז אויך אין די געשיכטעס פאַראַן אַ טראָפּעלע אמת און זייער אַ סך ניט־אמתן. עס איז גאָר ניט אַזוי פאַרפּלאָנ־טערט ווי מען שטעלט זיך פאָר. איך בין מיט דער סאַקס סטודיאָ אין די בעסטע באַציִונגען. אַ סימן האָט איר, אַז נאָך דעם ווי מיר האָבן איינגע־שטימט בטל צו מאַכן אונדזער אָפּמאַך און נאָך דעם ווי מיר זיינען זיך שוין פאַנאַנדערגעגאַנגען, האָט מען מיר פאָרגעלייגט אַ ראָל. איך האָב שוין אָבער געהאַט אָפּגעמאַכט מיט די מענעדזשערס אויף בראָדוויי און האָב דעם אָנבאָט ניט געקאָנט אָננעמען.

דער אמת איז, אַז די פּיעסן אין וועלכע איך האָב געדאַרפט שפּילן זיינען מיר זייער ניט געווען צום האַרצן. און ניט דערפאַר ווייל די פראַגע פון קונסט אָדער ליטעראַטור איז געווען אין דעם פאַרוויקלט.

איך וויל זיך, חלילה, ניט מאַכן פאַר קיין צדיק וואָס האָט געוואָלט רעפאָרמירן האָליוווד. ניטאָ קיין איין מענטש, ווי גרויס אָדער באַרימט ער זאָל ניט זיין, וואָס זאָל קאָנען ווירקן צום גוטן אָדער צום שלעכטן

אויף האָליוווּד. די מוווי־אינדוסטריע איז אַ ריזיקע מאַשין און דער גרעס־טער סטאַר איז בלויז אַ שרייפעלע אין איר.

די סטאַריס, וואָס מען האָט מיר פאַרגעלייגט צו שפּילן, האָבן מיר קיין געלעגנהייט ניט געגעבן, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַרויסצוברענגען דאָס בעסטע, און דעריבער האָב איך זיי ניט געוואָלט שפּילן. דעריבער זייַנען מיר זיך פריינדלעך פאַנאַנדערגעגאַנגען. דאָס איז דער ריינער אמת.



מוני ווייזענפריינד (פּאָל מוני)

איך האָב אָבער די מוּוויס ניט פאַרלאָזן. איך האָב עטלעכע גוטע אָנ־באָטונגען און וועל מסתּמא נאָך דעם ווי איך וועל ענדיקן שפּילן אויף בראָדוויי, איינע פון זיי קאָנען אָננעמען״.

*

רעדט מען מיט מונין, זעט מען אַז ער האַלט, דאָס די דירעקטאָרן זייַנען אפשר גערעכט געווען; אַז ער האָט ניט פאַרשטאַנען אין גאַנצן פאַר

ווען דאָס אַלץ ווערט געבראַכט — לויט דער גייסטיקער הייך פון דעם עולם וואָס באַזוכט די מוווי־טעאַטערס.

פאַרשטאַנען גוט האָט ער עס ערשט אויף דער רייזע, וואָס ער האָט געמאַכט איצט פון האָליוווד קיין ניו־יאָרק. אויפן וועג האָט ער זיך אָפּ־געשטעלט אין די דערפלעך און שטעטלעך פון דער וועסט און מיטל־וועסט. ער האָט דאָרט אין די אָוונטן באַזוכט די מוווי־טעאַטערס און אַזוי אַרום געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דעם דורכשניטלעכן מוווי־גייער... דאַכט זיך אים איצט, אַז די מוווי־פּראָדוצירער קענען יאָ זייער עולם און זיי וויסן יאָ פאַר וועמען זיי פּראָדוצירן.

„נעמט, צום ביישפּיל, אַזאַ ענין ווי דער סטאַר. אין ניו־יאָרק וועט איר אָפט הערן, אַז אַ סטאַר איז אַן אומגליק, אַז איבער אים קאָן מען קיין בע־סערס ניט מאַכן. ער נעמט אַלץ צו פאַר זיך. קאָן זיין, אַז מען איז דאָ גע־רעכט, מיר ווילן איצט דעם ענין ניט אָנרירן. וואָס איך וויל אָבער אַרויס־ברענגען איז אָט וואָס: אין דער גרויסער, ברייטער אַמעריקע האָט אַ מוווי אָן אַ סטאַר קיין ברעקל „טשענס" ניט. דער עולם קוקט אויפן נאָ־מען פון פּיקטשור, דער נאָמען אינטערעסירט אים אָבער ווייניק וואָס. דער־פאַר אָבער וויל ער גלייך וויסן ווער עס שפּילט, וועלכער סטאַר. אויב ס'איז זיין סטאַר — וועט ער גיין די פּיקטשור זען, טאָמער ניט — גייט ער ערגעץ אַנדערש.

„פאַרשטייט זיך" — דערציילט ווייטער מוני, „אַז אויסער דעם סטאַר דאַרף אויך זיין אַ גוטע „סטאָרי" און דער געשפּרעך פון די העלדן מוז זיין איינפאַך, אַז אַ פּאַבליק־סקול־יינגל זאָל פאַרשטיין. דער דורכשניטלעכער מוווי־גייער האָט ניט געהאַט קיין העכערע בילדונג. אָבער אַ סטאַר מוז זיין. דער סטאַר איז די „שאָו־קעיס" פון דער פּיקטשור.

אַן אַקטיאָר מעג פאַרנעמען דעם סאַמע אויבן־אָן אויף בראָדוויי. אין דער גרויסער אַמעריקע איז ער אָבער אומבאַקאַנט. מוז אים דער מוווי־פּראָדוצירער אָנהייבן „אויפבויען", ווי מען זאָגט אויף מוווי־לשון, מ'דאַרף אים מאַכן אַ נאָמען, שאַפן פאַר אים אַ פּלאַץ, אַ נאָכפראַגע אויפן מוווי־מאַרק. הייבט מען אָן צו ערשט אים ווייזן אין פּיקטשורס צוזאַמען מיט אַ

באַרימטן מוווי־אַקטיאָר. שפּילט ער קלענערע ראָלן ביז ער ווערט גוט באַקאַנט דעם מוווי־עולם. דאַן הייבט מען אים אָן „סטאַרעווען" באַזונדער. זאָל מען דעם זעלבן אַקטיאָר גלייך מאַכן פאַרן סטאַר אין דער פּיקטשור, וועט דער מוווי־מאַרק זיין געשלאָסן פאַר אים. די טעאַטער־מענעדזשערס פון איבערן לאַנד אָדער ווי זיי הייסן, די „עקסהעביטאָרס", וועלן ניט וועלן פאַרשטעלן זיין בילד. ער איז גוט באַקאַנט און דער טעאַטער ווו מען וועט ווייזן זיין מוווי וועט פּוסטעווען.

„נאָר וויפל איך זאָל אייך ניט דערציילן" — שפּרינגט מוני אויף פון אָרט — „וועט איר נאָך אַלץ ניט האָבן קיין אַנונג, וואָס אַזוינס די מוווי־וועלט איז. עס איז אַ צויבער־וועלט און מען דאַרף אַליין אַ צויבער־צונג האָבן צו קאָנען איבערגעבן דעם תּמצית פון האָליוווד און אירע סטודיאָס".

*

פּאָל מוני איז אַהער געבראַכט געוואָרן פון צוויי בראָדווייער מענעדזשערס אין דער נייער פּיעסע „מי סאָל!" (איך, שאול!) וואָס סידני בוקמאַן האָט פאַר אים געשריבן. עס איז אַ שטאַרקע דראַמע, אַ געשיכטע וועגן צוויי ברידער, אַ קין און אַ הבל, צוויי קעגנזאַצן פון דער נאַטור, וועלכע קעמפן פאַר דער ליבע פון איין פרוי, און —ביידע געווינען זי. ביידע ברידער ווערן איינס. די אויפפירונג, איבערהויפּט מוניס שפּילן, איז מיט באַגייסטערונג באַגריסט געוואָרן אין קאַליפאָרניע, ווו די פּיעסע איז אויסגעפּרובירט געוואָרן.

איידער מוני איז אָפּגעפאָרן פון האָליוווד האָט מר. הערבערט ברענאָן, איינער פון די הויפּט־דירעקטאָרן פון דער „אַר־קעי־אָ", אים אָנגעבאָטן איינע פון די דריי הויפּט־ראָלן אין אַ ביז גאָר וויכטיקן פילם. און ווען די שורות ווערן געשריבן, לאָזט מען אונדז וויסן, אַז אַ דייטשע מוווי־פירמע האָט מונין פאַרגעלייגט קומען קיין דייטשלאַנד דאָרט אויפצופירן אַ פאָרשטעלונג אין דייטש און אין ענגליש.

סעפּטעמבער, 1930

פון דער פּיעסע „סמבטיון" פון אברהם גאָלדפאַדן
רעזשיסירט און אויפגעפירט פון ווערא האַקען אין דער פּאָלקסבינע
פון רעבכטס —
ערשטע ריי (זיצנדיק): עטל דזשאַנעס, ל. פרידלער, צילע מעסלער, ראָז ראָזענ־צווייג, ס. בודער, ל. פיורי.

צווייטע ריי (זיצנדיק): רענע ספּעקטאָר, סאָניא בירמאַן, יהושע זעלדיס, ווערא האַקען (רעזשיסער), רובין אַרנאָו (פּאַרוואַלטער פון פּאָלקסבינע), שרה סטייבין, חיים זיינער, בראָניא ניומאַן, חנה לעווין.

(דריטע ריי (שטייענדיק): בען פייוועלאָוויטש, רובין ברי; חיים נעטער, סאָניא איידוס (פּיאַניסטין), אווירווינג פּוליפּס, משה דערווין, לייב פּשעפּיורקאָ, מיכל לוקס, אילאַי אַרנאָו, מענדל שוואַרץ.

ווען עס שליסט זיך אַ סעזאָן

עס איז ניט אַזוי גרינג צו שרייבן וועגן דעם ייִדישן טעאַטער ווען עס שליסט זיך אַ סעזאָן. צו וואָס פאַרלייקענען? — ס'איז אויך פּיינלעך אונטערצוטצייִען אַ סך־הכּל. פאַר די יעניקע וואָס זאָגן נביאות וועגן דעם באַרג־אַראָפּגאַנג פונעם ייִדישן טעאַטער אין אַמעריקע, איז דער פאַרגייענדיקער סעזאָן, מיט זיינע דורכפאַלן און אַנטוישונגען, אַ שטאַרקער כּלי־זיין פאַר זייערע אַרגומענטן און טענות.

אָנגעהויבן האָט זיך דער סעזאָן זייער האָפּערדיק און פּיל־צוזאָגנדיק. עס האָט געהייסן, אַז מיר וועלן האָבן ניט נאָר אַ ייִדישן קונסט־טעאַטער, נאָר אויך אַ קינסטלערישן אָפּערעטן־טעאַטער, און ליטעראַרישע פּיעסן, פּיעסן פון שרייבער, וואָס קאָנען שרייבן און ביישטייערן — האָבן געזאָלט אויפגעפירט ווערן אין אַ צאָל טעאַטערס, ווו פריִער איז דאָס וואָרט ל י ־ ט ע ר אַ ט ו ר געווען טרייף.

דאָס סעקאָנד עוועניו טעאַטער האָט אָנגעהויבן דעם סעזאָן, אַזוי ווי ער האָט צוגעזאָגט, מיט אַ פּיעסע פון פּרץ הירשביין. אויף ווייטער — לויט זיין צוזאָג — אי שניאור, אי פּינסקי, אי דימאָוו, אי רעסלער.

דזשעני גאָלדשטיין האָט ניט נאָר געעפנט דעם סעזאָן מיט אַן ערשט־לינג פון אַ ליטעראַט — חיים ליבערמאַנס „דער נדר", נאָר זי האָט אויך אַראָפּגעבראַכט פון פּוילן דעם באַרימטן רעזשיסער דוד הערמאַן די פּיעסע אויפצופירן. אַזוי גרויס איז געווען איר בטחון אין „ליטעראַטור"...

בכלל האָט עס אויסגעזען ווי די „ליטעראַטור" און די שרייבער וואָלטן „געקעפּטשורט" (גענומען אין פּלען), די ייִדישע בינע. יעדער קליינער און גרויסער טעאַטער האָט צוגעזאָגט ליטעראַרישע פּיעסן אויף שפּעטער. עס

איז געווען אַ געיעג אויף ערנסטע שרייבער, און ניט איין ליטעראַט האָט אַריינגעכאַפּט אַ הונדערטער און אַ פּופּציקער פון מענעדזשערס, וואָס האָבן זיך געוואָלט באַזאָרגן מיט ליטעראַרישע פּיעסן, אין פאַל ווען מען וועט זיי דאַרפן. עס איז געווען אַ „בום" אין דעם ליטעראַרישן מאַרק.

אויפגעטאָן דעם גרויסן ווונדער האָט, פאַרשטייט זיך, דער אויסער־געוויינטלעכער דערפאָלג פון „יאָשע קאַלב". די גרעסטע שונד־פּיעסע האָט אַזעלכע ווונדער ניט געוויזן. „יאָשע קאַלב" האָט שטאַרק געהויבן דעם פּרעסטיזש פון די שרייבער־ליטעראַטן, וועלכע זיינען פון די מענעדזשערס שטענדיק באַטראַכט געוואָרן אַלס „טראָמבעניקעס". זיי זיינען פּלוצלינג געוואָרן „שרייבער מיט שׂכל". שרייבער וואָס קאָנען אָנפילן די באָקס־אָפיסעס.

פּאַסירט האָט אָבער דאָס, וואָס מען האָט געקאָנט דערוואַרטן. ניט די אַקטיאָרן, ניט די מענעדזשערס און ניט דאָס „ווערטע פּובליקום" זיינען געווען צוגעגרייט פאַר דער פּלוצימדיקער ענדערונג. דער עולם וואָס איז געווען געוווינט צו זען פּריימאַנס און סיגעלס אָפּערעטעס, האָט ניט גע־קאָנט הנאה האָבן פון פּרץ הירשביינס פאַרחלומטן ליריזם און שטילן, איידעלן הומאָר. דער עולם איז פּשוט ניט געווען צוגעגרייט פאַר דעם; ער האָט עס ניט דערוואַרט אין דעם סעקאָנד עוועניו טעאַטער.

דימאָוס פּיעסע האָט געהאַט נאָך אַן ערגערן מזל. זי האָט אָנגערירט אַ צו־אָנגעווייטיקטע טעמע — די געשעענישן אין דייטשלאַנד.

נאָך אַזעלכע צוויי דורכפאַלן האָט דער מענעדזשער פון דעם סעקאָנד עוועניו טעאַטער פאַרלוירן דעם גאַנצן מוט. ס'איז אמת אַז ער האָט מיט אַ יאָר פריִער געליטן ניט קיין קלענערע נידערלאַגע מיט שונד־פּיעסן, אָבער זיי זיינען געווען אַלטע באַקאַנטע, מיט זיי איז ער געגאַנגען אויף אַן אויסגעטראָטענעם וועג. דערצו האָבן זיינע אַרומיקע אים קיין מוט ניט צוגעגעבן, געזוכט אים צוריקצוקערן צו די „גוטע אַלטע צייטן". אַפילו צווישן די אַקטיאָרן אין טעאַטער, וועלכע האָבן געדאַרפט זיין געאייניקט אין זייער שטיצע פאַר דער בעסערער פּיעסע, האָבן געהערשט מחלוקות, שׂינאה־קינאה. זיי האָט ניט אינטערעסירט די פּיעסע — מעג זי זיין הירש־

ביינס אָדער דימאָווס — זיי האָבן געוואָלט ראָלן, מעגן זיי קומען פון אַבי וועמען.

אַט אַזוי האָט זיך געענדיקט דער פּאַרזוך פון דעם גרויסן סעקאָנד עוועניו טעאַטער זיך צו פּאַרוואַנדלען אין אַ היים פון דער בעסערער אָפּערעטע.

דזשעני גאָלדשטיינס ראָמאַן מיט דער „ליטעראַטור" האָט געדויערט נאָך ווייניקער. זי האָט אַלץ איינגעשטעלט אויף דער פּיעסע „דער נדר". ווער „דער נדר" גלייך ברענגען די טויזנטער און טויזנטער ייִדן, וועלכע זיינען אין משך פון לאַנגע יאָרן פאַרטריבן געוואָרן פון טעאַטער דורך די קינדערישע מעלאָדראַמעס און געשמאַקלאָזע אָפּערעטעס, איז גוט און ווויל. האָבן אָבער די טויזנטער ייִדן געוואַרט — און זיי איילן זיך בכלל ניט — איז דזשעני גאָלדשטיין אַוועק פון טעאַטער. זי האָט די גאַנצע זאַך גענומען ווי אַן אַזאַרט און פאַרלוירן.

אין אַנדערע ווערטער מיינט עס, אַז אין לעצטן סעזאָן איז די ליטעראַרישע פּיעסע אויסגעפּרובירט געוואָרן אַלס אַ „מאַני-געטער", אַלס אַ פּאַרדינערקע, און זי האָט די פּרובירער שטאַרק אַנטוישט. אויב הירשביין אָדער ליבערמאַן, אָדער דימאָוו קאָנען ניט ברענגען די „מוישעס" צום באָקס-אָפיס, טאָ אויף וואָס דאַרף מען זיי?

ס'איז ניט געווען קיין דראַנג אין דער טעאַטער-וועלט פאַר אַ בעסערער פּיעסע צוליב אַ בעסערער פּיעסע, און אויב עס איז יאָ געווען אַזאַ דראַנג, האָט אָבער קיינער ניט געוואָלט אַ ביסל צוליידן. ס'איז ניט געווען כּוח און מוט צו וואַרטן, ביז דער גרויסער טעאַטער-עולם וועט זיך צוגעוווינען צו דער שפּראַך פון די שרייבער מיט געדאַנקען.

*

וועגן מאָריס שוואַרצס קונסט-טעאַטער דאַרף מען, אייגנטלעך, קיין סך ניט זאָגן, ווייל ער אַליין האָט שוין געזאָגט זיין וואָרט מיט עטלעכע וואָכן צוריק, ווען ער האָט געענדיקט שפּילן אויף דער „עוועניו". „יאָשע קאַלב" איז היי-יאָר געווען ניט ווייניקער דערפאָלגרייך ווי פאַר אַ יאָרן.

יעדעס מאָל וואָס זינגערס דראַמע ווערט געשפּילט, קומען מאַסן צושויער אין טעאַטער. מענטשן וואָס זיינען נאָענט פאַרבונדן מיט יידיש טעאַטער זאָגן, אַז די פּיעסע וואָלט אויך דעם סעזאָן געקאָנט גיין אָן איבעררייס פון אָנהייב ביזן סוף.

האָט אָבער שוואַרץ אויפגעפירט צווי נייע פּיעסן, אַהרן צייטלינס „כעלעמער חכמים" און פּויכטוואַנגערס „יאָזעפוס". צייטלינס פּיעסע איז געווען אויסערגעוויינטלעך שיין, אינטערעסאַנט, הויפּטזעכלעך אַלס אויפפירונג. דער גרויסער עולם איז אָבער ניט געקומען. האָט זיך שוואַרץ געבייזערט אויפן עולם, און, ס'דאַכט זיך אונדז, גאַנץ אומזיסט.

פאַראַן פּיעסן, וואָס זיינען גוט, אינטערעסאַנט, אַמוזירנד, און דאָך דאַרף מען דערוואַרטן, אַז זיי וועלן ביים גרויסן עולם ניט אויסנעמען. איבערהויפּט זיינען דאָס פּיעסן ווו דער קוואַל פון זייער אינטערעס ליגט ניט אין דעם אינערלעכן דראַמאַטישן ווערט זייערן, נאָר אין די רעזשיסערישע איינפאַלן, אין די אַקטיאָרסקע שמד־שטיק. אַזאַ פּיעסע איז געווען „כעלעמער חכמים". מעגלעך, אַז ווי צייטלין האָט זי געשריבן, האָט זי אָן אייגענעם דראַמאַטישן כּוח. ווי שוואַרץ האָט זי אָבער געשטעלט, איז איר כּישוף געלעגן אין דער רעזשי, אין דעם ריטעם פון איר גאַנג אויף דער בינע, אין די גרופּירונגען פון די אַקטיאָרן, אין די געקינצלטע זשעסטן און באַוועגונגען, אין די אינטאָנאַציעס און אַרט ריידן פון די שוישפּילער — אין דער אויפפירונג. פאַרן גרויסן יידישן עולם איז די פּיעסע קיין מאכל ניט געווען.

אויך אויף בראָדוויי פּאַסירט אַזוינס, און מען רייסט ניט קריעה. אָט האָט הערי מאַזעס אויפגעפירט גווירטרוד סטיינס מוזיקאַלישע אָפּערעטע „פאָור סעינטס אין טהרי עקטס" (פיר צדיקים אין דריי אַקטן). דאָס איז אַ פּיעסע פון פראַכטפולער „נאָנסענס" — טשעפּוכאַס. די קריטיקער האָבן זי שטאַרק געלויבט, און דאָך דערוואַרט קיינער ניט אַז זי זאָל גיין מיט דעם זעלבן דערפאָלג ווי „מען אין ווהייט" אָדער „אה ווילדערנעס". דער גרויסער עולם ווּעלכער צאָלט געלט אין באָקס־אָפיס איז ניט דערצויגן פאַר אַזוינע פּיעסן. ער וויל מער ממשותדיקע „סחורה" און ברוגזן זיך אויף

אים איז ניטאָ פּאַר וואָס. דער גרויסער עולם איז ניט פּאַראינטערעסירט אין סטיל, רעזשי, אַפילו ניט אין שוישפּיל — אַלס אַזעלכע, ער וויל אַ פּיעסע, און „ סעינטס אין 3 עקטס" און „כעלעמער חכמים" זיינען ניט קיין פּיעסן, זיי זיינען אויפפירונגען.

אויב איר ווילט, קאָן מען דאָס זעלבע זאָגן וועגן „יאָזעפוס". אָבער די אויפפירונג פון „יאָזעפוס" האָט זיך מיט ווייניק וואָס אויסגעצייכנט. זי האָט פאַרמאָגט פּאַרביקע קאָסטיומען, שיינע דעקאָראַציעס, מאַסן מענטשן, מוזיק, טענץ, ס'האָט אָבער געפעלט אַן אויסגעהאַלטענע איינ־הייטלעכקייט אין דעם אַלץ — אַ געדאַנק, אַ ליניע וואָס זאָל פאַרבינדן. איבערהויפּט האָט געפעלט דראַמאַטישער אינטערעס. אויף וויפל ער איז געווען, איז ער פאַרטרונקען געוואָרן אין די אויסערלעכע עפעקטן. בכלל אָבער איז „יאָזעפוס" איינע פון יענע טעמעס וואָס לאָזן זיך ניט לייכט אי־בערזעצן אויף דער בינע.

בסך הכּל, אָבער, האָט מאָריס שוואַרץ פאַרענדיקט זיין קורצן סעזאָן מיט „פלאַטערנדיקע פאָנען", ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט. אַפילו ווען „כע־לעמער חכמים" האָט ניט געבראַכט דעם גרויסן עולם אין טעאַטער, האָט אָבער שוואַרץ מיט דער אויפפירונג באַוויזן, אַז רעזשיסעריש דאַרף מען זיך מיט אים רעכענען — ער קאָן די מלאכה. און אויב „יאָזעפוס" איז אים ניט געלונגען, האָט ער אָבער ווידער באַוויזן, אַז אויף דער ייִדישער בינע איז ער דער איינציקער וואָס האָט פאַרנעם און וואַגט. און פאַר דעם אַליין קומט אים אַ סך לויב.

אַ שאָד בלויז, וואָס ער האָט פאַרענדיקט זיין סעזאָן מיט דעם ניט זייער טאַקטישן און אומבאַרעכטיקטן בריוו וואָס איז דערשינען אין „פאָר־ווערטס". ס'איז ניט זיין ענין צו טאַדלען מר. סאַקסן (פון סעקאָנד עוועניו טעאַטער), איבערהויפּט ווען יענער האָט ניט פאַרדינט די טאַדלונג; ער איז געווען ניט ווייניקער אויפריכטיק ווי שוואַרץ אַליין — און דעם גרויסן עולם זאָגט מען ניט מוסר. שטראָפן אַן עולם איז בכלל קינדיש. אין אַ דע־מאָקראַטיש לאַנד גייט דער עולם פאַר זיין געלט וווהין ער וויל. מען מעג פּרובירן לערנען אַן עולם, דערציִען אים פאַר בעסערע זאַכן. מוסרן אים,

דרייען אים פאַרן אויער — דאָס איז נוצלאָז און, אונדז דאַכט זיך, לע־כערלעך.

*

רייִדנדיק וועגן דעם סעזאָן קאָן מען ניט אויסלאָזן דעם קלענסטן און פּאַרוואָרפנסטן ייִדישן טעאַטערל אין ניו־יאָרק — דעם בראָנקס אַרט טעאַ־טער, יענעם קליינעם, בידנעם טעאַטערל איז באַשערט געווען מכבד צו זיין דעם היינטיקן סעזאָן מיט ה. קאַלמאַנאָוויטשעס דראַמע „אין לעבן טרעפט אַלץ״.

די טרופּע פון דעם קליינעם בראָנקסער טעאַטערל האָט זיך אַריינגע־קליבן אין דעם ייִדישן קונסט־טעאַטער, דאַון־טאַון, מיט דער פּיעסע, און לויט די באַריכטן, זעט עס אויס, אַז זיי וועלן דאָ פאַרברענגען אַ לענגערע צייט.

וועגן די אַנדערע טעאַטערס אין ניו־יאָרק איז קיין געוויינטלעכס ניטאָ וואָס צו רייִדן. אין פּאַבליק טעאַטער האָט לודוויג זאַץ געשפּילט די זעלבע פּיעסן וואָס ער שפּילט די לעצטע צען יאָר. לעאָן בלאַנק און אהרן לע־בעדעוו האָבן אויפגעפירט אָפּערעטעס אין דעם ראָלאַנד טעאַטער און, לויט די באַריכטן פון די קריטיקער, האָבן זיי קיין נייסן ניט אויפגעטאָן. מנשה סקולניק האָט געשפּילט קאָמעדיעס, כמעט די זעלבע קאָמעדיעס נאָר מיט אַנדערע נעמען. ער האָט אָבער דעם עולם אַמוזירט. אויך סקולניק וועט זיך מיט דער צייט כאַפּן אַז ווי אַמוזירנד ער זאָל ניט זיין, מוז מען אָבער צוטראַכטן נייע פּיעסן, נייע סיטואַציעס און נייע איינפאַלן.

דער מעקינלי סקווער טעאַטער, דער ליריק און דער אַמפּיאָן האָבן געגעבן באַשעפטיקונג צו אַ פּאָר צענדליק שוישפּילער, מוזיקער, בינע־אַרבעטער, אַשערס און דאַרמען. אין דעם ליגט זייער גרויסער פאַרדינסט.

אַרום און אַרום זיינען אין דעם פאַרגאַנגענעם סעזאָן אויפגעפירט גע־וואָרן 55 נייע פּיעסן, אויב מען קאָן זיי אָנרופן „נייע״. פון די איבער פינף צענדליק נייע פּיעסן לאָזן זיך געדענקען פּרץ הירשביינס „אַ מעשה פון אַמאָל״, חיים ליבערמאַנס „דער נדר״, אהרן צייטלינס „כעלעמער חכמים״,

„יאָזעפוס" פון לעאָן פויכטוואַנגער, קאַלמאַנאָוויטשעס „אין לעבן טרעפט אַלץ", רומשינסקיס „איך בענק אַהיים", אַלשאַנעצקיס „דער קאַטאַרינשטשיק" און סעקונדאַס „דעם רבינס חשק".

צום קרעדיט פון דעם סעזאָן דאַרפן פאַררעכנט ווערן די ערשטע דריי פּיעסן, ווי אויך „אין לעבן טרעפט אַלץ". דאָס זיינען פּיעסן וואָס זיינען אַ געווינס פאַר אַ טעאַטער ווי דער ייִדישער. „אַ מעשה פון אַמאָל" און „דער נדר" פאַרמאָגן יענע מעלות וואָס אַפּעלירן צו אַ ייִדישן טעאַטער־עולם. זייער וואָרצל איז אין דעם ייִדישן טראַדיציאָנאַליזם און אין דער ייִדישער פאָלקס־מאָראַל. זייער קוואַל איז דער זעלבער קוואַל פון וועלכן ש. אַנ־סקי האָט געשעפּט זיין מאַטעריאַל פאַר „דער דיבוק", שלום אַש — פאַר „קידוש השם" און י. י. זינגער — פאַר „יאָשע קאַלב". אַזעלכע פּיעסן רירן אָן די אינטימסטע ווינקלען אין דער נשמה פון אַ ייִדישן טעאַטער־גייער.

„כעלעמער חכמים" האָט — אַדאַנק דער פּראַכטפולער אויפפירונג פון מאָריס שוואַרץ — אַ סך געהויבן דעם פּרעסטיזש פון רעזשי, אויף וויפל די ייִדישע בינע פאַרמאָגט זי. קיין פּיעסע האָט אין די לעצטע יאָרן אַזוי ניט אויסגענומען ביים פּיינשמעקער פון טעאַטער ווי „כעלעמער חכמים".

„אין לעבן טרעפט אַלץ" איז געווען, אויב מיר מאַכן קיין טעות ניט, די איינציקע פּיעסע אין דעם סעזאָן וואָס האָט אָנגערירט דיווירקלעכקייט פון דעם ייִדישן פאָלקס־לעבן אין אַמעריקע. קאַלמאַנאָוויטשן איז געלונגען אַרויפצוברענגען „אויף די ברעטער" אַ שטיק פון היגן לעבן, דאָס עכטע, רעאַלע לעבן, ניט געפעלשט און ניט געפוצט, ווי ס'ווערט אַזוי אומגעלומפּערט געטאָן ווען אַ היגער פּראָפעסער פּרובירט שרייבן אַ „לעבנס־בילד" פאַרן ייִדישן טעאַטער. קאַלמאַנאָוויטשן האָט אפשר געפעלט דאָ און דאָרט, ווי פריינד קאַהאַן האָט אָנגעוויזן אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן דער פּיעסע, דער נייטיקער קינסטלעריש־ליטעראַרישער טאָן. אָבער ער האָט באַוויזן, אַז אַזאַ פּיעסע — ערלעך און ערנסט געשריבן — האָט אַן אָרט און גרויסע מעגלעכקייטן אויף דער ייִדישער בינע.

צום קרעדיט פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָר דאַרף אויך פאַרשריבן ווערן די אויפפירונג פון ה. לייוויקס „העלדישע יאָרן", מיט וועלכער די פרייע

יִדישע פאָלקס־בינע האָט אונדז מכבד געווען אין מיטן פון דעם סעזאָן. פאַר וואָס לייוויקס שטאַרקע, פאַרכאַפּנדע דראַמע איז ניט אויפגעפירט געוואָרן אין יִדישן קונסט־טעאַטער, אָדער אין איינעם פון די טעאַטערס וואָס זוכן גוטע פּיעסן, איז איינער פון די סודות וואָס קאָנען אַזוי לייכט ניט דערקלערט ווערן. ביי דער איינער אויפפירונג אירער — און ווי יעדע ערשטע פאָרשטעלונג אויף דער יִדישער בינע האָט זי געליטן פון אַ סך חסרונות — האָט זי געהאַלטן דעם עולם געשפּאַנט פון אָנהייב ביזן סוף. עס קומט דער פאָלקס־בינע אַ יישר כּוח פאַר דער אויפפירונג. די פּיעסע וועט געשפּילט ווערן נאָך דריי מאָל. עס ווילט זיך האָפן, אַז דער יִדישער טעאַטער־עולם וועט ניט דורכלאָזן די געלעגנהייט פון איר הנאה צו האָבן.

*

און רעדט מען שוין וועגן דער פאָלקס־בינע, דאַרף מען איר געבן נאָך אַ קאָמפּלימענט. ניט נאָר האָט זי צוגעצויגן דוד הערמאַנען, נאָר זי נוצט אים אויף אַ ווירדיקן און נוצלעכן אופן. זי קלייבט זיך איצט גרינדן אַ דראַמאַטישע סטודיאָ.

וועגן דער נויטווענדיקייט פאַר אַ דראַמאַטישער סטודיאָ איז, דאַכט זיך, איבעריק צו ריידן. יעדער איינער וואָס האָט ליב יִדיש טעאַטער, יעדער איינער וואָס אינטערעסירט זיך מיט יִדיש טעאַטער, ווייסט ווי ביטיק עס איז צו האָבן אַ שולע וווּ יונגע מענטשן, וועלכע ווילן זיך אָפּגעבן מיט דער בינע, זאָלן קאָנען באַקומען אַ סיסטעמאַטישע בילדונג, אַ צוגרייטונג פאַר זייער אַרבעט. מען ווערט איצט אַ יִדישער אַקטיאָר דורך אַ צופאַל. מען ווערט ביי אונדז אַן אַקטיאָר — זייענדיק אַן אַקטיאָר. אַ מאָל געלינגט און, מייסטנס ניט. אַפילו דער וואָס ווערט שוין אַ שוישפּילער קאָן ניט פּטור ווערן פון די ערנסטע פעלערן פון וועלכע אַ גוטע, ערלעכע שולונג וואָלט פאַרהיט דעם אָנפאַנגער.

פאַרזוכן זיינען שוין אַפילו געמאַכט געוואָרן אַזאַ סטודיאָ צו גרינדן. זיי זיינען אָבער ניט געלונגען. טיילווייז האָבן אָט די פאַרזוכן געמאַכט פּריוואַטע מענטשן — מייסטנס שוישפּילער — וועלכע זיינען געווען אויף

אַזוי פיל פּאַראינטערעסירט אין זיי אויף וויפל זיי האָבן געקאָנט דורך דראַמאַטישע קלאַסן אויספילן די ליידיקע סעזאָנען, ווען זיי זיינען געווען ניט־אַנגאַזשירט. פון דער אַנדער זייט זיינען אַזוינע פאַרזוכן געמאַכט געוואָרן פון דירעקטאָרן וועלכע האָבן אין די קלאַסן, וואָס זיי האָבן געגרינדעט, געזוכט יונגע מענטשן פאַר מאַסן־סצענעס. אין ביידע פאַלן האָבן די גרינדער קיין רעכט ניט געהאַט אַזעלכע „סטודיאָס" צו גרינדן.

נעמט זיך אָבער פאַר דעם אַזאַ קערפּערשאַפט ווי די פרייע פאָלקס־בינע אין צוזאַמענהאַנג מיט מענטשן וועלכע זיינען פאַראינטערעסירט אין אַ קולטור־אינסטיטוציע פון אַזאַ גרויסער וויכטיקייט, געווינט די אַרבעט אי צוטרוי אי גלויבן, אַז זי וועט דורכזעצן טראָץ די שוועריקייטן וואָס שטייען אין וועג, יעדער ליבהאָבער פון אַ בעסערן ייִדישן טעאַטער וועט ווינטשן אָט דער אונטערנעמונג אַ דויערנדיקן דערפאָלג.

אַפּריל, 1934

אַ גרופּע ייִדישע אַקטיאָרן

פון רעכטס —

ערשטע ריי: מאַקס באָזשיק, רייזל באָזשיק, הערמאַן יאַבלאָקאָוו, בעלאַ מייזעל.

צווייטע ריי: בען באָנוס, מינאַ בערן, לעאָן ליבגאָלד, ליליאַ ליליאַנאַ.

גראָפּערס טעאַטער־קאָסטיומען אויף „סעקאָנד עוועניו"

ווען מען וואָלט עס איינגעפאַלן, אַז אַ פּאָר טריט פון ראָג גאַס, אין דעם הויז נומער 83 צווייטע עוועניו, האַלט זיך אויף אַ שטיק יידישע טעאַטער־קולטור, אָדער בעסער געזאָגט, קולטור־געשיכטע פון אַ פּאָר דורות יידיש טעאַטער ?

לאָמיר זיך אַרויפכאַפּן אויפן צווייטן שטאָק אין דעם געשעפט וואָס האָט צוויי נוצלאָזע טאָקסידאָס אין פענצטער. דאָרט געפינט זיך איינער פון די אינטערעסאַנטסטע און מערקווירדיקסטע געשעפטן אין ניו־יאָרק. אַ געשעפט וואָס איז ענג פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע און וועט פאַרגיין צוזאַמען מיט דעם יידישן טעאַטער — „גראָפּערס קאָסטיומען".

איר גייט אַריין אין אַ קליינעם צימער מיט אַ לאַנגן, שמאָלן טיש אין אים, טונקל באַלויכטן. און גלייך דערפילט איר אַ שטימונג פון פאַרגאַנגענע יאָרן, לעגענדע־יאָרן... אָט די אַלע פאַרביקע קאָסטיומען, די גלאַנצנדיקע רייכע קאָסטיומען, וואָס הענגען און וואָס ליגן אויף די פּאָליצעס און פאַרלייגן די צימערן אַזוי, אַז מען זעט די ווענט ניט אַרויס — די קאָסטיומען אַליין זענען אויס ווי ווענט, דיקע, וואָלענע, זיידענע און אַטלאַסענע ווענט. די מענטשלעכע שטים ווערט דאָ פאַרדומפּט. די שטימונג ווערט דאָ געשטילט. איר שטייט דאָ פּנים־אל־פּנים מיט דער פאַרגאַנגענהייט, מיט צענדליקער און צענדליקער יאָרן יידיש טעאַטער.

דאָ הענגען די קאָסטיומען פון יעקב פּ. אַדלער, וואָס ער האָט געטראָגן אין „אלישע בן אבויה", אין „דער מטורף", אין „קעניג ליר", אין „ווילדן מענטש", אין „תחית־המתים". איר אָטעמט איין די צייט ווען

קעני ליפּצין האָט געקלאַפּט מיטן שטעקן אין „מירעלע אפרת", ווען בערטאַ קאַליש האָט אַרויסגעטרעלט איר ליבע צו אבשלומען אין „שולמית"; ווען זיגמונד מאָגולעסקאָ האָט אַריינגעגאָסן זיין חן אין „בין איך געגאַנגען צו דערלאַנגען אַ ביסל משקה פון דער פלאַשקע"; ווען מאָריס מאָשקאָוויטש און טאָרנבערג און טאָמאַשעפסקי און גאָלדינבורג און לודוויג זאַץ און לעאָן בלאַנק און נאָך אַ סך אַנדערע באַצויבערט דורות יידישע טעאַטער-גייער. יאָ, און די צייט ווען דוד קעסלער האָט אויסגעשפּילט זיינע שטורעמדיקע פיגורן און געשטאַלטן.

אַזוי ווי „עליס אין וווּנדערלאַנד", קריכט איר דורך קליידערהייזלן, קאָסטיומען-באַרעס און איר פילט בפועל ממש ווי ס'וואָלט אייך באַרירט סיי די שוישפּילער וואָס האָבן געטראָגן די קאָסטיומען, סיי די אויסגעטראַכטע העלדן וואָס זיי האָבן אויסגעשפּילט. אומהיימלעך פילט איר זיך און עס באַפאַלט אייך אַ בענקעניש אויפן האַרצן. — וויי, וויי, וואָס פאַר אַ וועלטן פון אַמאָליקער שיינקייט, פון אַמאָליקער ממשותדיקייט עס ליגן פאַרשטעקט אין די שווערע קליידער וואָס באַרירן אייך, ווען איר קריכט דורך די ענגע, פינצטערע דורכגאַנגען פון איין אָפּטיילונג אין דער צווייטער.

דאָ הענגען און ליגן די קאָסטיומען פון „עקדת יצחק", פון „יציאת מצרים", פון „ד"ר אַלמאַסאַדאַ", פון „אוראל אַקאָסטאַ". ווער דאַרף זיי איצט? אַוועק, אַוועק יענע וווּנדערלעכע צייט פון שווערדן און גאָלדענע מיצן און זילבערנע סאַנדאַלן און דימענטענע קרוינען. אַוועק, אַוועק זיינען „יענע יאָרן".

*

אין אַנהייב פון דעם יאָרהונדערט האָט אין די יידישע וואָדעוויל הייזער פון ניו-יאָרק (און געווען זיינען זיי אַ היפּש ביסל, די פּיפּלס מיוזיקל אויף דער באַוערי; גרענד מיוזיקל, אויף גרענד און אָרטשאַרד, אַפּעלמאַנס מוזיק האָל, ברום קאָרנער נאָרפאָלק; אגידס וואָדעוויל, אויף קלינטאָן סטריט) — דאָ האָט געשפּילט אַן אַקטיאָר, אַ קאָמיקער, און געהייסן

האָט ער יאָסל גראָפּער. געקומען איז יאָסל גראָפּער אַהערצו אין 1898 פון פּאַלטיטשען, רומעניע. געווען איז ער ניט נאָר אַן אַקטיאָר, אַ געניטער מענטש פון קאָסטיומען. ער האָט פאַר זיך געננייט די קאָסטיומען אין וועל־כע ער האָט געשפּילט.

גראָפּער האָט זיך אין איינע צוויי יאָר אַזוי „אויסגעגרינט" דאָ אין לאנד, אַז אין 1900 האָט ער אָפּגעקויפט ביי דעם צווייטן קאָסטיומער מיס־טער ציפּקין, זיין געשעפט, און גראָפּער עטאַבלירט זיין געשעפט אין דעם ווינדזאָר־טעאַטער, אויף דער באַוערי.

ס'איז יאָסל גראָפּערן, אָבער, ניט גרינג געווען אָפּצוגעבן זיך מיטן געשעפט. ערשטנס, איז ער געווען אַן אַקטיאָר, ניט קיין שניידער, און ביי דעם פאַך דאַרף מען קאָנען נייען, מעסטן, איבערנייען. צווייטנס, האָט ער געדאַרפט זיך אָפּגעבן מיט נאָך אַ שטיקל געשעפט, ווי אויסבאָרגן פּיעסן מיט נאָטן צו פּאַרוואַלטער און טעאַטער־סטאַרס, האָט ער קיין צייט ניט געהאַט. האָט אָבער דער רבונו של עולם אים צוגעשיקט די רפואה פאַר דער מכה.

אין 1900 איז קיין אַמעריקע געקומען זיין ייִנגערער ברודער אברהם. און אברהם האָט זיך געעפנט אַ שניידער געשעפט אין 47 דילענסי סטריט. אַ גוטער און ערלעכער שניידער איז אברהם געווען און טעאַטער האָט ער שטענדיק ליב געהאַט. האָט אים יאָסל אין 1907 אַריינגענומען אַלס שותּף אין זיין קאָסטיומען געשעפט.

ביי אים, ביי מיסטער אברהם גראָפּער, דער אייגנטימער פון גראָפּערס קאָסטיומען־געשעפט, איז די צייט צעטיילט אין צוויי פּעריאָדן — „יענע יאָרן" און איצט. אַז איר שטעלט אים אַ פראַגע וועגן אַ געוויסער געשעע־ניש — ווען זי האָט פּאַסירט, וויפל יאָר ס'איז שוין אין דעם — איז זיין ענטפער, „אין יענע יאָרן". ס'איז מיר געלונגען צו דערגיין וואָס ער מיינט מיט „אין יענע יאָרן". „אין יענע יאָרן" איז די צייט ווען דאָס ייִדישע טעאַטער האָט געבליט, ווען עס האָבן אין ניו־יאָרק עקסיסטירט צען אָדער מער ייִדישע טעאַטערס, ווען אַ סעזאָן האָט זיך אָנגעהויבן „לייבאָר דעי", ערב ראש השנה און האָט אָנגעהאַלטן ביז שבועות און נאָך דעם ערשט

האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער פּראָווינץ. יענע יאָרן האָט מען געשפּילט טעאַטער ניט נאָר אין ניו־יאָרק, נאָר אויך אין נוארק, אין פּי־לאַדעלפיע, אין שיקאַגאָ, אין דעטראָיט, אין קליוולאַנד, אין מאָנטרעאָל, אין טאָראָנטע, אַפילו אין וויניפּעג, אין לאָס אַנדזשעלעס. איצט — וועגן א י צ ט האָט מיסטער גראָפּער, אַ שטילער, אָנגענעמער מענטש, אין די שפּעטע מיטעלע יאָרן, ניט ליב צו ריידן.

אַז איר גיט אַ פרעג ביי מיסטער גראָפּערן, וויפל קאָסטיומען עס ליגן אין די גרויסע קאָסטנס און באַהענגען און פאַרהענגען דעם גאַנצן שטאָק זיינעם קאָן ער אייך ניט געבן קיין באַשטימטן ציפער. מיסטער גראָפּער זאָגט — און איר מעגט זיכער זיין אַז וואָס ער זאָגט איז ריכטיק — אַז ער האָט פאַרטיקע קאָסטיומען אויף צו באַזאָרגן 20 גרויסע טעאַטערס. מ׳קומט צו גראָפּערן איצט, ניט נאָר פון יידישע טעאַטערס, נאָר מען קומט צו אים פון אָפּערע קאָמפּאַניס, פון אוניווערסיטעטן וווּ סטודענטן גיבן היסטאָרישע אויפפירונגען, פון דער פּראָווינץ און אויך פון זומער־טעאַטערס, און פון קעמפּס.

פון דעסטוועגן — פון דעסטוועגן פאַרדינט מיסטער אברהם גראָפּער קוים אויף צו לעבן. ער האָט חלילה ניט זיך צו באַקלאָגן. אברהם גראָפּער איז אַ שטילער מענטש, אַן ערלעכער און אַן איינפאַכער. דערצו האָט ער ליב, צו פיל ליב טעאַטער און אַקטיאָרן. דאַרף מען נאָר מאַכן אַ קרומע מינע, לאָזט ער גלייך אַראָפּ פון פּרייז. אַפילו אין די בעסטע צייטן האָט ער קיין גליקן ניט געמאַכט. ווייל „מענעדזשערס" ווייסן ווי צו דינגען זיך און זיי קאָנען זיין שוואַכקייט.

צווייטנס, די לאַגע אין טעאַטער איז איצט גאָר אַן אַנדערע ווי „אין יענע יאָרן". אײַ, אין יענע יאָרן, אין יענע יאָרן! געווען דעמאָלט טאָמאַ־שעפסקי, וועלכער האָט אויפגעפירט זיינע גרויסע ספּעקטאַקל־אָפּערעטעס, שפּעטער איז געקומען מאָלי פּיקאָן, אַהרן לעבעדעוו, מיכאָל מיכאַלעסקאָ מיט די אָפּערעטעס וואָס האָבן געפאָדערט ניט נאָר „אויסשטאַטונגען" נאָר טאַקע קאָסטיומען — רוסישע, דייטשע, פּוילישע, אונגאַרישע, ציגיינערי־שע און — וואָס ניין? פאַר זיי, ווי שוין געזאָגט, זיינען געווען די גרויסע

היסטאָרישע שטיק פון פּראָפעסאָר הורוויץ און לאַטיינער און, פאַרשטייט זיך, גאָלדפאַדן. דאַרף מען דען דערקלערן וואָס „יענע יאָרן" האָבן גע־מיינט פאַרן קאָסטיומער ! ?

אָנהייב סעזאָן האָט יעדער טעאַטער־פאַרוואַלטער געמאַכט אָן אָפּ־מאַך מיט גראָפּערן און מיסטער גראָפּער האָט די גאַנצע צייט וואָס דער סעזאָן האָט אָנגעהאַלטן זיך אונטערגענומען צוצושטעלן אַלע נייטיקע קאָסטיומען פאַר אַלע אויפפירונגען. דער פאַרוואַלטער, ווידער, האָט אים געדאַרפט דערפאַר צאָלן אַ באַשטימטע סומע יעדע וואָך, כּל זמן דער סע־זאָן האָט אָנגעהאַלטן. האָט דעם פאַרוואַלטער אָפּגעגליקט און ער האָט גע־האַט בלויז איין אויפפירונג דורכן סעזאָן, האָט אויך גראָפּערן אָפּגעגליקט. ווי אָבער, אַז איין אויפפירונג נאָך דער צווייטער איז ניט געלונגען ? האָט גראָפּער געדאַרפט באַזאָרגן נייע קאָסטיומען.

איצט נעמט, צום ביישפּיל, יענע צייט ווען נייטן גאָלדבערג און דזשיי־קאָב דזשייקאָבס האָבן פאַרלוירן דעם לענאָקס־טעאַטער זייערן אין האַר־לעם און האָבן איבערגענומען דעם נעשאָנעל־טעאַטער און דער גרענד־סטריט־טעאַטער. דאָס נעשאָנעל־טעאַטער האָט דאַן אויפגעפירט אַ גרויסע רייכע אויפפירונג „סטודענט פּרינץ"". גראָפּער האָט געדאַרפט צושטעלן אַלע קאָסטיומען. אויף שטיוועלעך פאַר די אַריסטאָקראַטן האָט ער גע־דאַרפט אויסגעבן איבער טויזנט דאָלאַר. מער ווי זעקס וואָכן האָט די אויפ־פירונג דעמאָלט ניט אויסגעהאַלטן. קאָנט איר זיך פאַרשטעלן וויפל גראָפּער האָט דעמאָלט פאַרלוירן ?

און אַזוי אַ סך מאָל. געווען פאַרוואַלטערס וואָס האָבן ניט געצאָלט. צוגעזאָגט, געגעבן וועקסלען און אַלץ ניט געצאָלט.

און וויפל מיינט איר באַטרעפן די צאָלונגען ? „אין יענע יאָרן" האָבן טעאַטערס געצאָלט גראָפּערן 75, 100 און העכסטנס 125 דאָלאַר אַ וואָך. מאָריס שוואַרצס טעאַטער, צום ביישפּיל, האָט שטענדיק געצאָלט די העכ־סטע סומע פון 125 דאָלאַר אַ וואָך. פאַר וואָס ? ווייל שוואַרץ האָט פאַר זיינע אויפפירונגען — „דאָס צענטע געבאָט", „יאָשע קאַלב", „קידוש השם", „כעלעמער חכמים", „כישוף־מאַכערין", „זיבן געהאָנגענע", „אַנאַטעמאַ",

„שמאַטעס", „וועלף" — שטענדיק געזוכט אַ סך קאָסטיומען פאַר זיינע מאַסן־סצענעס. איצט — איצט איז די גרעסטע סומע, וואָס אַ טעאַטער צאָלט, ניט מער ווי 75 דאָלאַר אַ וואָך. אַמאָל האָט ניו־יאָרק געהאַט אירע צען און עלף און צוועלף טעאַטערס. איצט? איצט איז טרויעריק... אַמאָל האָט גראַפּער געקראָגן 36 און 40 וואָכן אין סעזאָן געצאָלט פאַר קאָסטיו־מען. איצט איז דער סעזאָן אַ סך־אַ סך וויניקער.

ער רעדט שטיל און רויִק, מיסטער גראַפּער. כ'פיל אַז ס'טוט אים וויי. ניט דאָס וואָס ער פאַרדינט ניט גענוג, ווי דאָס וואָס „יענע יאָרן" זיינען אַוועק, אַוועק, און ביטערע יאָרן, ניט פריילעכע יאָרן זיינען געקומען... ניט אויף זיך טוט אים וויי, נאָר אויפן טעאַטער. גאַנצע טעג זיצט ער אָפּ אַליין אין דער שטילער וועלט פון קאָסטיומען ווו עס דערטראָגט זיך קוים אַ קלאַנג פון דער דרויסנדיקער וועלט. אַלץ ווערט פאַרטעמפּט און פאַרשלונג־גען אין די דיקע ווענט פון לייוונט, וואָל און זייד, פון כאַלאַטן, קעניגלע־כע מונדירן, חסידישע קאַפּאָטעס, לייבצודעקס, רוסישע, פראַנצייזישע, שפּאַנישע און אָריענטאַלישע טראַכטן.

פון וואָס זשע פאַרט לעבט איצט גראַפּער? ער שטעלט איצט צו צו זומער־קעמפּס קאָסטיומען, צום אַרבעטער־רינג קעמפּ, צום קעמפּ פון ייִדישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, ייִדישע קינדער־שולעס פירן דורך דורכן יאָר פאָרשטעלונגען...

נאָר ווו נעמט מען „יענע יאָרן"?...

יוני, 1946

הערמאַן יאַבלאָקאָוו אין די די.פּי.־קעמפּס

אויב אַ ייִדישן אַקטיאָר, אַן אָפּערעטן סטאַר, וועלכער האָט זיך אַ נאָמען געמאַכט צווישן די ברייטע ייִדישע מאַסן אין אַמעריקע אַלס דער „פּאַיאַץ״, איז געפאַלן דער גורל צו ווערן אַ שליח ציבור צו צענדליקער טויזנטער ייִדן, אומגליקלעכע ייִדן, די שארית הפליטה אין די „די־פּי״ קעמפּס אין דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליע.

דער אַקטיאָר הערמאַן יאַבלאָקאָוו האָט זיך איצט אומגעקערט פון דאָרט נאָך דעם ווי ער האָט קנאַפּע זיבן חדשים פאַרבראַכט אין אייראָפּע אַלס „ענטערטיינער״ אין די אַמעריקאַנער, ענגלישע און פראַנצייזישע זאָנעס, בעיקר אין דער אַמעריקאַנער. פאַר דער צייט האָט ער אין אַן אַמבולאַנס דורכגערייזט 50 טויזנט קילאָמעטער. איז אויפגעטראָטן אין 93 לאַגערן — אַחוץ שפּיטאָלן און קינדער־היימען — געגעבן 104 קאָנ־צערטן פאַר צוויי הונדערט טויזנט מענטשן.

פאַר דער צייט איז הערמאַן יאַבלאָקאָוו געוואָרן דער באַליבטסטער קינסטלער אין די „די־פּי״ לאַגערן און באַקומען פאַרמעטן מיט מעדאַלן און לויב־פּאַפּירן. ס'איז ניט שווער צו פאַרשטיין יאַבלאָקאָווס אומגעהייערן דערפאָלג ביי די אומגליקלעכסטע פון אַלע אומגליקלעכע ייִדן. ער איז גע־קומען צו זיי אין אַ צייט, ווען זייער עלנט און זייער דערשלאָגנקייט האָבן דערגרייכט נייע און פינצטערע אָפּגרונטן, ווען זיי האָט זיך געדאַכט אַז די גאַנצע וועלט האָט זיי פאַרלאָזן און אַלע מענטשן האָבן אָן זיי פאַרגעסן.

„געקומען בין איך צו זיי״, דערציילט יאַבלאָקאָוו, „ווי אַן עמך, מיט ליבשאַפט, מיט טיפער באַשיידנקייט, ניט ווי אַ פּאַטענטירטער סטאַר, נאָר

ווי אַ ייִד, וואָס פילט זיך קליין און אומוויכטיק אין אַנגעזיכט פון זייערע גרויסע ליידן, פון זייער שוידערלעכן מאַרטירערטום״.

איך האָב יאַבלאָקאָוון אויסגעפרעגט, פרובירט דערגיין אייבצלהייטן פון זיינע אויפטריטן, פון זיינע קאָנצערטן, ווי אַזוי האָט ער געשפּילט און געזונגען פאַר מענטשן, וואָס האָבן יאָרן לאַנג געלעבט אין אַ סביבה פון טויט, אין אַ שטימונג פון „אל מלא״ ? ווי אַזוי האָט ער אַמוזירט מענטשן וואָס נאָך איצט לעבן זיי ווי אַרעסטאַנטן אין שכנות מיט די קרעמאַטאָריעס, ווו זייערע אייגענע זיינען פאַרברענט געוואָרן, אָדער אויפן בית עולם ווו עס ליגן די ביינער פון טויזנטער ייִדן.

„די דאָזיקע פראַגע״, זאָגט יאַבלאָקאָוו — „האָב איך זיך אַליין גע־שטעלט איידער איך האָב זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם יאַמערטאַל. ווי קאָן איך קומען צו אַזעלכע מענטשן מיט לידער, מיט געזאַנג ? איך האָב, אָבער, דעם וועג געפונען. צוויי שעה האָב איך זיי פאַרווײַלט מיט געזאַנג, רעצי־טאַציעס, הומאָר, אָבער אָנגעהויבן האָב איך שטענדיק מיט פּשוטע מענטש־לעכע רייד און מיט אַ קורצער רעדע, בזה הלשון :

„ליבע ברידער און שוועסטער, קודם כל וויל איך אַז איר זאָלט ניט מיינען, אַז איך ברענג מיט זיך אַ ישועה. ליידער, ליגט ניט די ישועה אין מיינע הענט. איך ברענג אייך יאָ אַ מתנה. אַ קליינע, באַשיידענע מתנה. אָבער איידער איך גיב אייך די מתנה, וויל איך, ייִדן, אַז איר זאָלט וויסן, אַז די ייִדישע שׂונאים אין דער דרויסנדיקער וועלט וואַרטן מיט אומגעדולד, אַז איר, מיינע טייערע שוועסטער און ברידער, זאָלט אַריינפאַלן אין אַ ייִאוש ; זיי ווילן, אַז איר זאָלט אין זיך פאַרענדיקן די אַרבעט וואָס איז אויף אייך אָנגעהויבן געוואָרן מיט זיבן יאָר צוריק. זאָג איך אייך : לאָזט זיך ניט, ברידער ! ייִאוש איז דער גרעסטער אומגליק, די געפערלעכסטע מגפה, וואָס קאָן אויסברעכן ביי אייך אין לאַגער. דערלאָזט ניט צו דעם ! קום איך איצט צו מיין מתנה — אַן אָרעמע, באַשיידענע מתנה — ניט גע־זאָרגט ! זייט איר פרומע ייִדן — איז ניט געזאָרגט, גאָט וועט העלפן ! זייט איר ניט רעליגיעז געשטימט, מעגט איר סיי ווי סיי זאָגן : ניט גע־זאָרגט ! עס מוז זיין גוט ; ס׳וועט זיין גוט ! ערגער ווי עס איז קאָן דאָך

שוין ניט זיין! מוזט איר האָבן בטחון! האָפענונג! אַז די זון וועט אין גיכן אָנהייבן צו שיינען אויך פאַר אייך! טאָ, לאָמיר איצט הערן ווי אַזוי איר וועט אָננעמען מיין באַשיידענע מתנה — ניט געזאָרגט!"

און דער עולם האָט מיט גלאַנציקע אויגן צוזאַמען מיט יאַבלאָקאָוון אויסגעשריִען: „ניט געזאָרגט!" האָט יאַבלאָקאָוו אויפגעפאָדערט די פרויען, אַז זיי אַליין זאָלן מיט אים צוזאַמען אויסרופן: „ניט געזאָרגט!" דערנאָך די מענער אַליין, און דאַן די קינדער, אין ייִדיש און אין העברעיִש „ניט געזאָרגט!" — „אַל תדאגו!".

דערנאָך האָט שוין יאַבלאָקאָוו דורכגעפירט די פּראָגראַם זיינע און דער עולם האָט פאַרגעסן אָן דער סביבה זייערער — דער שוישפּילער האָט געבראַכט מיט זיך פריידי, דערמוטיקונג, אַ ביסעלע האָפענונג — ניט געזאָרגט! אל תדאגו!

ניט איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז נאָך דעם ווי יאַבלאָקאָוו האָט זיי דריי שעה אונטערהאַלטן, איז צו אים געקומען אַ קאָמיטעט פון פאָרשטייער פון קעמפּ און האָט זיך געבעטן ביי אים:

„הער יאַבלאָקאָוו, מיר ווייסן, אַז איר זייט שוין מיד. טאָ זינגט ניט מער, אָבער רעדט צו אונדז. רעדט צו אונדז כאָטש דעם גוטן, ריינעם ייִדיש אייערן, — מיר האָבן שוין פאַרגעסן ווי עס קלינגט דער מאַמעס לשון... גייט ניט אַוועק אַזוי שנעל, מיר בעטן אייך".

ער גלייבט ניט, זאָגט יאַבלאָקאָוו, אַז דאָ, אין אַמעריקע, פאַרשטייט מען די לאַגע אין וועלכע די איינוווינער פון די לאַגערן לעבן. איידער ער איז געפאָרן אין די קעמפּס האָט ער געמיינט, אַז ער פאַרשטייט יאָ, איצט זעט ער דעם אמת. און מען קאָן ניט באַנעמען די אמתע לאַגע אין די קעמפּס, ווייל קיינער ברענגט ניט די גענויע אינפאָרמאַציע, ווייל מען קאָן ניט איבערגעבן די גרייס פון דעם בראָך, דעם אומגליק פון דעם ייִדישן פאָלק. ניין, עס איז ניט גרינג אַפילו צו דערציילן. ביכער וואָלט מען באַדאַרפט שרייבן, אַז די לענדער איבער דער גאָרער וועלט זאָלן זיך דערוויסן דעם אמת וועגן דער לאַגע פון דער שארית הפליטה.

אומעטום ווו יאַבלאָקאָוו האָט אויפגעטראָטן איז דער עולם באַשטאַנען

פון קינדער, דערוואַקסענע און זויג־קינדער. עס זיינען צו זיינע קאָנצערטן געקומען חסידים, מתנגדים, פאָלקס־מענטשן און אַנדערע. דער ליובאַווי־טשער רבי וואָס האָט צו יענער צייט געוווינט אין האַקינג, האָט מתּיר גע־ווען אַז מען מעג גיין צו יאַבלאָקאָווס פאָרשטעלונגען. יאַבלאָקאָוו — האָט דער רבי דערקלערט — פאַרדינט אַ גרויסע מיצווה, וואָס ער איז מהנה ייִדן אין זייער גרויסן חורבן. און דער רבי האָט געבענטשט דעם אַקטיאָר פון אַמעריקע.

אומעטום האָט יאַבלאָקאָוו אויפגעטראָטן אונטער כּלערליי אומשטאַנדן. דעם שווערסטן, דעם טרויעריקסטן אויפטריט האָט ער געהאַט אין ווין, נעבן דעם ראָטשילד שפּיטאָל. די גאַס איז געווען באַלאַגערט פון די אַנ־געלאָפענע ייִדן, פון מענטשן, וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט אויף די טראָ־טואַרן, אין רינשטאָק, אין דעם פּאַרק, אויסגעהונגערטע, רעזיגנירטע פון מאַטערניש. דאָ איז אַ פרוי געגאַנגען צו קינד, אויף אַן אַנדער אָרט האָט אַ ייִד געגוסעט און איז געשטאָרבן. דער דירעקטאָר פון דעם „דזשאָינט" האָט די אַלע סצענעס צוגעקוקט און געוויינט ווי אַ קינד.

יאַבלאָקאָוו האָט זיך ניט געקאָנט פאַרגינען דעם לוקסוס מיטצוווייִנען ווייל ער האָט געדאַרפט פאַרווײַלן.

ווען יאַבלאָקאָוו רעדט וועגן דעם „דזשאָינט", וועגן די העראָישע אַר־בעטן, וואָס ער טוט, ווערט יאַבלאָקאָווס פּנים באַלויכטן מיט ייִראת הכּבוד און מיט עקסטאַז. ווען די 20 טויזנט ייִדן פון רומעניען זיינען זיך צו־זאַמענגעלאָפן קיין ווין, האָט די עסטרייכישע רעגירונג זיך אָפּגעזאָגט זיי אַריינצולאָזן. זי האָט דערקלערט אַז זי איז ניט בכּוח זיי צו הויזן און זיי צו שפּייזן. האָבן די אומגליקלעכע זיך געוואַלגערט ביי די גרענעצן פון אונגאַרן. ערשט ווען דער „דזשאָינט" האָט גאַראַנטירט אַליין צו פאַרזאָרגן די ייִדן מיט עסן און מיט קליידונג, האָט די רעגירונג זיי דערלויבט אַריינ־צוקומען אין ווין.

„בכּלל", זאָגט יאַבלאָקאָוו, „איז דער „דזשאָינט" די איינציקע וועלט־לעכע אינסטיטוציע וואָס איז כּמעט טיילווייז בּיכולת צו טאָן די גרויסע אַרבעט פון פאַרזאָרגן די שארית הפּליטה מיט זייערע עלעמענטאַרסטע

נויטבאַדערפעניש — ניט נאָר מיט קליידונג און עסן, נאָר אויך מיט גייסטיקע שפּייז. דער „דזשאָינט" דרוקט איצט ביכלעך פאַר קינדער, צו לערנען זיי. אָרגאַניזירט קאָלאָניעס אויף זומער מיט דער צושטימונג פון דער אַרמיי. ער טוט די אַרבעט לויט די אומשטאַנדן און לויט די געלטער וואָס ער פאַרמאָגט".

ווען יאַבלאָקאָוו קומט־צו צום ישראלדיקן מאָמענט, אין די קעמפּס, ווערט זיין בלאַסער און אָפּגעצערטער פּנים ערנסט און זיינע אויגן ווערן מיט מיסטיציזם און פייערלעכקייט אָנגעפילט. ישראל, זאָגט ער, טוט אַלץ צו ווייזן די יידן אַז זיי זיינען ניט אַליין. „איר ווייסט ניט, זאָגט יאַבלאָ־קאָוו, „וואָס פאַר אַ באַדייטונג עס האָט פאַר מענטשן וואָס זיינען דורכגע־דרונגען מיטן געפיל, אַז זיי זיינען אָפּגעשטויסענע, אַרויסגעוואָרפענע, אַז קיינער וויל זיי ניט".

יאַבלאָקאָוו גיט איבער, אַז ער האָט רעפּרעזענטירט דעם „דזשאָינט" אין בערלין, ווען די ישראל קאָמיסיע פון דער יונייטעד ניישאָנס איז דאָרט געוועזן. ער האָט בייגעוווינט אַלע געשפּרעכן וואָס די קאָמיסיע האָט גע־האַט מיט די יידן אין די לאַגערן. „איך בין געווען שטאָלץ", זאָגט ער, „מיט דער האַלטונג פון די לאַגער־יידן, ווי זיי האָבן גערעדט פון זייער לאַגע. קיין איינער פון זיי האָט ניט געבעטן רחמנות. יעדער איינער האָט געוואָלט וויסן מיט וואָס פאַר אַ רעכט די וועלט האַלט צוויי הונדערט און פופציק טויזנט יידן אומשולדיקערהייט אין תּפיסה".

אין זיין געשפּרעך האָט הערמאַן יאַבלאָקאָוו ניט איין מאָל אויסגע־דריקט דאַנקבאַרקייט צו די באַאַמטע פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי אין די אָקופּאַציע זאָנעס אין עסטרייך, איטאַליע און דייטשלאַנד פאַר דער קאָאָ־פּעראַציע זייערער און פאַר דער פאַרשטענדעניש וואָס זיי האָבן אַרויסגע־וויזן צו זיין מיסיע.

ס'איז אוממעגלעך איבערצוגעבן אַלע איינדרוקן און איבערלעבונגען, וואָס דער שוישפּילער האָט דורכגעמאַכט אין איבער אַ האַלב יאָר פאַר־ברענגען אין די קעמפּס. די קריוודעס און טענות וואָס די יידן אין די קעמפּס, איבערהויפּט די קראַנקע און די וואָס געפינען זיך אין די שפּי־

טאָלן, האָבן צו קרובים אין אַמעריקע, דאָס זיינען ניט קיין טענות וואָס האָבן צו טאָן מיט בעטן הילף אָדער רעליף אָדער אַפילו מיט בעטן אַז מען זאָל זיי אַרויסנעמען פון די לאַגערן — זיי וויסן אַז דאָס ליגט ניט אין די הענט פון די קרובים — נאָר מיט דער אָפּגעפרעמדקייט און אָפּגעווייטערטקייט, אין די בריוו און אין די מעלדונגען וואָס די קרובים שיקן זיי צו.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז די גרויסע הילף, וואָס יאַבלאָקאָוו האָט מיט זיך געבראַכט צו די ייִדישע שוישפּילער און אַרטיסטן אין די לאַגערן. אין „פאָרווערטס" איז שוין געווען געמאָלדן ווי ער האָט אין מינכען גע־האָלפן גרינדן אַן אַרטיסטן פאַראיין. זיי האָבן דאָרט באַצייכנט יאַבלאָקאָוון אַלס פאָלקס־אַרטיסט ביי דער „שארית הפליטה".

אָקטאָבער, 1947

ווי דער אָפּערע־זינגער דזשען פּירס האָט געדאַוונט אין דער מאָסקווער שול

דזשען פּירס, דער באַרימטער אָפּערע־זינגער, איז געקומען אין דער מאָסקווער שול שבת אין דער פרי, יוני דעם 30סטן 1956, דאַווענען מוסף. די גרויסע שול איז אין דרויסן געווען באַלאַגערט מיט מענטשן, אינעווייניק איז זי געווען אַזוי געפּאַקט, אַז מען האָט דעם גאַסט קוים געקאָנט צופירן צום עמוד.

„מען האָט מיר געגעבן אַ טלית", דערציילט דזשען פּירס. „און מען האָט מיר דערלאַנגט אַ יאַרמלקע. דעם טלית האָב איך אָנגעטאָן, די יאַרמלקע האָב איך, אָבער, צוריקגעגעבן. אַ דאַנק, האָב איך זיי געזאָגט, איך האָב אַן אייגענע יאַרמלקע, אַ טייערע יאַרמלקע, וואָס איך בין זייער שטאָלץ אויף איר — מיין פאָטער, לאַנג לעבן זאָל ער, האָט זי מיר געגעבן אַ מתנה און איך טו קיין מאָל אויף מיין קאָפּ קיין אַנדערע ניט אָן. דער עולם האָט צופרידן געשמייכלט און געקוקט, האָב איך געזען, מיט אינטערעס אויף מיין יאַרמלקע — אַ יאַרמלקע פון אַמעריקע.

און אין מיין טאַטנס יאַרמלקע האָב איך געדאַוונט מוסף אין דער מאָסקווער שול. און וואָס זאָל איך אייך זאָגן, ליבער פריינד, האָב איך געדאַוונט! איך זאָג עס מיט ענוות — איך האָב געפילט אַזאַ מתיקות אין דעם מוסף, ס'האָט געווייט מיט אַזאַ ליבשאַפט און יידישלעכע בענקשאַפט מצד די אַרומיקע... מיר האָט בלויז באַנג געטאָן וואָס מיין פאָטער איז דאָרט ניט געווען... ער וואָלט אַזוי פיל הנאה געהאַט... ס'איז געווען איינמאָל אַ מוסף!

דאַווענדיק האָב איך נאָך קיין מאָל ניט געפילט אַזאַ דבקות, אַזאַ טיפן אינערלעכן ציטער. און הגם איך בין שוין לאַנג־לאַנג אַ משורר ניט

געוועזן — דוכט זיך מיר, אָבער, אַז איך האָב זיך געספּראַוועט מיטן מוסף ניט ערגער ווי אַן עכטער פּראָפעסיאָנעלער חזן.

אַרום מיר זיינען געשטאַנען קאָפּ־אויף־קאָפּ ייִדן, געהאַנגען אויף די פענצטער אַפילו — און זיי האָבן געוויינט. און איך בין זיך מודה, אַז איך האָב אויך געשלונגען די טרערן...

ווי עס ווייזט אויס זיינען די ייִדן געווען שטאַרק איבערראַשט וואָס אַן אַמעריקאַנער ייִד קען דאַווענען... זיי האָבן מיט איבערראַשונג זיך דער־וווּסט אַז אין אַמעריקע זיינען פאַראַן שולן און ישיבות און תּלמוד־תּורהס. און ווען איך האָב זיי דערציילט, אַז מיר האָבן אַפילו שולעס וווּ מען לערנט ייִדיש, זיינען זיי געווען גאָר אויסער זיך פון פאַרוווּנדערונג. זיי האָבן געמיינט, אַז אַלץ איז שוין אונטערגעגאַנגען אין אַמעריקע... זיי האָבן געוואָלט וויסן וווּ מיין פאָטער, לאַנג לעבן זאָל ער, איז געבוירן געוואָרן, פון וואַנען מיין מוטער ע״ה האָט געשטאַמט.

זייער פרייד און זייער התפעלות האָט זיך מיר אין האַרצן אַריינגעגאָסן. און איך האָב מיר געפילט גליקלעך וואָס איך האָב באַוויזן צו קומען אין שול און דאַווענען מוסף פאַר זיי. כּל־זמן מיר איז באַשערט צו לעבן וועל איך אין מיר טראָגן די דערינערונגען פון יענעם שבתדיקן מוסף אין דער איבערגעפּאַקטער מאָסקווער שול...

אוי, האָט זיך מיר געדאַוונט און געזונגען אין מיין טאַטנס געבענטש־טער יאַרמלקע! און מיינט ניט אַז עס איז געווען אַזוי גרינג צו פאַרלאָזן די שול. דער עולם האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. דרויסן, וווּהין דער מוסף האָט זיך דערטראָגן דורך די געעפנטע פענצטער, איז דער עולם געשטאַנען ווי אַ צונויפגעגאָסענע מענטשן־וואַנט. עס האָט גענומען שעהען־לאַנג ביז איך האָב זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט די ייִשר־כּוחס און מיט די דאַנקען און ברכות וואָס האָבן זיך געגאָסן אויף מיין קאָפּ.

אוי, ווען מיין טאַטע וואָלט דאָס אַלץ געקאָנט זען, עס וואָלט אים אַ סך נחת פאַרשאַפט״...

*

אין לענינגראַד האָט דזשען פּירס ניט געקאָנט דאַווענען אַ שבתדיקן מוסף, פון דעסטוועגן האָט ער אין אַ פּשוטן דאַנערשטיק דאָרט באַזוכט די לענינגראַדער שול, און כאָטש עס איז ניט געווען די צייט פון דאַווענען האָט ער דאָרט זיך געטראָפן מיט עטלעכע יידן, זיי האָבן אים דערקענט און האָבן זיך דערפרייט מיט אים. זייער דאַנקבאַרקייט וואָס ער האָט ניט פאַרגעסן קומען אין שול, און באַגריסן די יידן, איז געווען ניט משער צו זיין. יעדער איינער וואָס האָט אים געדריקט די האַנט האָט מיט האַרץ אים אַריינגעשעפּטשעט: „פאַרגעסט ניט אין אונדז!" אָדער, „אַ דאַנק וואָס איר זייט געקומען". אָדער, „גריסט די אַמעריקאַנער יידן — גריסט זיי!"

איך וועל זייערע ווערטער, זייערע האַנט־דרוקן און על כּולם, זייערע פאַרטרערטע אויגן קיין מאָל ניט פאַרגעסן". און זיינע שוואַרצע, גרויסע אויגן גלאַנצן מיט קוים איינגעהאַלטענע טרערן...

אַגב האָט ער אין סאָוויעט־רוסלאַנד זיך געטראָפן מיט אַ צאָל פון די אַמעריקאַנער רבנים וואָס האָבן אין די חדשים יוני און יולי 1956 דאָס לאַנד באַזוכט.

און ער דערציילט ווייטער:

„אויף מיינע קאָנצערטן אין מאָסקווע, קיִעוו, לענינגראַד, איז אַ דריטל פון די באַזוכער געווען פון אחינו בני ישׂראל. איך וועל די נסיעה מיינע ניט פאַרגעסן אין מיין גאַנץ לעבן. מיין אימפּרעסאַריאָ יוראָקן וועל איך אייביק דאַנקבאַר זיין וואָס ער האָט פאַר מיר דעם קאָנצערט־טור אָרגאַניזירט". ער איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט די צוועלף אויפטריטן — זעקס אייגענע קאָנצערטן און זעקס אָפּערע־פאָרשטעלונגען מיט די רוסישע אָפּערע־טרופּעס — אַז ער האָט קיין געלעגנהייט ניט געהאַט אָנצוקוקן סאָוויעט־רוסלאַנד, זיך באַקענען מיטן אָרטיקן לעבן.

„איך האָב דערוואַרט", זאָגט ער, „אַ גרויסע אויפנאַמע דאָרט. אָבער די אויפנאַמע וואָס איך האָב געקראָגן האָט איבערשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. אומעטום האָט מען מיך אויפגענומען מיט בלומען און מיט אָוואַציעס. נאָך יעדן קאָנצערט האָבן די „אַשערס" אין זאַל געמוזט פאַרבאַרי־

קאַדירן דעם אַרויפגאַנג צו דער בינע מיט שטולן, כּדי צו באַשיצן מיך פון דעם געפּאַקטן עולם. — און עס האָט ניט געהאָלפן. איך באַרים זיך ניט, גלייבט מיר, נאָר די אויפנאַמעס זיינען געווען קעניגלעכע״.

„פאַר וואָס זשע איז אייער פּאַטער געווען קעגן אייער פאָרן?״ — פרעג איך מיסטער פּירסן.

„פאַר וואָס? ווייל ער איז אַ פּאַטער״, ענטפערט ער. „פאָרט אַ ווייטער וועג. טאַטע, האָב איך אים געזוכט צו באַרויִקן — עס איז דאָך דער זעלבער וועג וואָס דו ביסט דורכגעפאָרן ווען דו ביסט געקומען אַהער. ער האָט אָבער זיך געזאָרגט. ביז איך האָב אים געזאָגט, אַז מיין רייזע וועט העלפן שאַפן גוטן ווילן. זיי וועלן זען אין סאָוויעט־רוסלאַנד, אַז אַמעריקע איז ניט נאָר אַ לאַנד פון ביזנעס נאָר אויך פון קולטור... און איך וועל, אַגב, קאָנען זען זייערע קולטורעלע דערגרייכונגען... און אַז די טענות האָבן ניט געהאָלפן, האָב איך דעם טאַטן געזאָגט, אַז מיין רייזע וועט אויך זיין גוט פאַר יִדן. און דאָס האָט אים באַרויִקט. — אויב גוט פאַר יִדן, פאַר זשע מיין זון און דער השם־יתברך וועט דיר מצליח־זיין... מען דאַרף וויסן ווי אַזוי צו נעמען מיין טאַטן, לאַנג לעבן זאָל ער״, זאָגט דער אָפּערע־זינגער מיט אַ שמייכל.

דעם רוסישן טעאַטער האָט פּירס ניט געהאַט די געלעגנהייט צו באַזוכן. — ערשטנס, איז ער געווען שטאַרק פאַרנומען. צווייטנס, איז עס געווען שוין נאָכן סעזאָן. ער האָט אָבער געזען דעם גרויסאַרטיקן רוסישן באַלעט. באַזוכט זייערע מוזעומס און געלייגט בלומען אויף די קברים פון די גרויסע קאָמפּאָזיטאָרן — טשייקאָווסקי, רימסקי־קאָרסאַקאָוו, פּראָ־קאָפיעף. ער האָט מיט זיך געבראַכט פון רוסלאַנד מאַסן רעקאָרדס און מוזיק־נאָטן.

ביי זיין יעדן קאָנצערט, דערציילט פּירס, האָט ער אויך איינגעשלאָסן אין פּראָגראַם יִדישע און ישׂראל־לידער. „אַ דין תּורה מיטן רבונו־של־עולם״, „אַ דודעלע״ און „אַ חזנדל אויף שבת״, ווי אויך העברעיִשע לידער, וואָס האָבן אַרויסגערופן די גרעסטע אָוואַציעס ביים עולם. ביים יִדישן אַזוי גוט ווי ביים ניט־יִדישן עולם.

„איך האָב מיינע פּראָגראַמען אויסגעשטעלט אין איינעם מיטן פאַרשטייער פון דעם קולטור־מיניסטעריום. זעענדיק ביי מיין ערשטן קאָנצערט, ווען איך האָב געגעבן אַ ייִדיש ליד פאַר אַן „אַנקאָר", ווי דער עולם איז דאַנקבאַר מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן, האָב איך אין יעדן פּראָגראַם מיינעם, געזונגען ייִדישע און העברעיִשע לידער".

ביי זיין לעצטן קאָנצערט — דערציילט פּירס — האָט ער פאַר אַן „אַנקאָר" געזונגען „אַ חזנדל אויף שבת". נאָכן קאָנצערט איז צו אים אין גאַרדעראָבע אַריינגעקומען קאָזלאָווסקי, איינער פון די הויפּט־טענאָרן אין מאָסקווע, און ביי אים געבעטן ער זאָל אים געבן אַ קאָפּיע פון דעם ליד. ער וועט עס איינשליסן אין זיין רעפּערטואַר.

„און קאָזלאָווסקי איז ניט קיין ייִד", דערציילט פּירס. „איך האָב פאַרשטייט זיך, מיט פאַרגעניגן געלאָזט איבערשרייבן די מוזיק און וואָרשיינלעך זינגט ער איצט „אַ חזנדל אויף שבת" ביי זיינע קאָנצערטן."

„האָט איר געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו טרעפן אויך מיט רעגירונגסמענטשן?" — פרעג איך דעם זינגער.

„יאָ", ענטפערט ער. „איך האָב זיך געטראָפן מיט כרושטשאָוון. מען האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר בולגאַנין, מאָלאָטאָוו, מאַלענקאָוו".

מיט דעם האָט פּירס פאַרענדיקט וועגן זיין דערפאָלגרייכן קאָנצערטטור אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

אויגוסט, 1956

פון רעכטס: חיים עהרענרייך, בעטי סעקונדאַ, אומבאַקאַנט, ריטשאַרד טאָקער, שרה טאָקער, אומבאַקאַנט, עליס פירס, דזשען פירס, בעל עהרענרייך, שלום סעקונדאַ.

„שווער צו זיין אַ ייִד" אין דעם יִדישן אַנסאַמבל־טעאַטער

אויב אַ טעאַטער־גרופּע האָט ווען פאַרדינט דעם נאָמען „אַנסאַמבל", איז עס דער יִדישער אַנסאַמבל־טעאַטער, וואָס שפּילט שלום עליכמס „שווער צו זיין אַ ייִד". די טרופּע איז באמת קאָאָפּעראַטיוו — ניט בלויז אין איר געשעפטלעכן צוזאַמענשטעל, נאָר — וואָס עס איז נאָך וויכטי־קער — אין איר בינע־צוזאַמענשפּיל. אַוודאי פאַרמאָגט דער אַנסאַמבל־טעאַטער בעסערע און שוואַכערע שוישפּילער. אָבער, ווי מנחם רובין האָט רעזשיסירט און אויפגעפירט שלום עליכמס באַרימטע קאָמעדיע, פאַרמאָגט זי ניט קיין „סטאַרס". דער רעפלעקטאָר באַלייכט ניט דווקא דעם אָדער יענעם ווינקל אויף דער בינע — „צופּעליק" ווו דער טיטולירטער סטאַר געפינט זיך — און דער טראָפּ פון דער אויפפירונג פאַלט ניט אויף דער אָדער יענער ראָל, נאָר אויף דער האַנדלונג, בעסער געזאָגט, אויף די סי־טואַציעס וואָס דאַרפן אַקצענטירט ווערן.

האָט די פאָרשטעלונג, וואָס איך האָב בייגעוווינט, זיך באַוועגט ווי אַ גוט־איינגעשטודירטער כאָראַל, און עס האָט זיך געוואָלט מאַכן „שהחיינו". איך געדענק שוין ניט די צייט ווען אַזאַ אַנסאַמבל־שפּיל איז געווען גע־וואָרן אויף דער יִדישער בינע. און ווען מען האָט אין זינען, אַז יעדער אַקטיאָר פון דער טרופּע האָט זיך פרייוויליק אונטערגעוואָרפן דער רעזשי־סערישער דיסציפּלין און אַז דער רעזשיסער אַליין, וועלכער שפּילט אין דער פּיעסע, איז בייגעשטאַנען יעדן פערזענלעכן יצר־הרע און האָט גע־האַט אין זינען בלויז די קינסטלערישע גאַנצקייט פון דער אויפפירונג, מעג מען אַוודאי און אַוודאי מאַכן אַ ברכה איבער דעם אַנסאַמבל־טעאַטער, וואָס

שפּילט אין סאַמע האַרץ פון דער איסט־סאַיד, אין דעם אַמאָל ווייטן און פרעמדן עדיוקיישאַנעל אַלייענס.

עס וואָלט, פאַרשטייט זיך, געווען לעכערלעך צו פּרובירן געבן אַן אָפּשאַצונג פון דער קאָמעדיע וואָס איז שוין אַ קלאַסיש ווערק אין דער דראַמאַטישער ליטעראַטור און אין אונדזער בעסערן טעאַטער־רעפּערטואַר. איך וויל דאָ בלויז איבערחזרן, וואָס אַ סך אַנדערע האָבן שוין מסתּמא פאַר מיר געזאָגט, אַז שלום עליכמס לשון איז איצט אַזוי פריש און צאַפּלדיק ווי מיט פינף און דרייסיק יאָר צוריק, ווען „שווער צו זיין אַ ייִד״ האָט געהאַט איר וועלט־פּרעמיערע אין דעם דעמאָלטיקן אירווינג פּלייס טעאַטער, ווו מאָריס שוואַרץ האָט זי אויפגעפירט.

ווי נאָר דער פאָרהאַנג הייבט זיך איבער דוד שאַפּיראָס היים, גיט פון דאָרט אַ שטראָם מיט אַ מאַמע־לשון וואָס רופט זיך אָפּ מיט גאָלד און זילבער־גלעקלעך אין אונדזערע הערצער און נשמות. עס טויכן אויף בילדער און געשטאַלטן פון הינטער די סצענעס, און די געשטאַלטן אויף דער בינע און יעדעס וואָרט קלינגט אָפּ מיט עכאָס פון לאַנג פאַרגאַנגענע קינדער־יאָרן. שלום עליכמס הומאָר איז אייביק יונג און אוצושטערבאַר. און דער געלעכטער, וואָס רייסט זיך פון האַלדז און פון האַרצן, איז ריין און פריש און עכט ווי עס זיינען געווען די פאַר־בר־מיצווה־יאָרן. „שווער צו זיין אַ ייִד״, געשפּילט אַזוי ווי ביים אַנסאַמבל־טעאַטער, פאַרייִנגערט דעם צושויער און באַנייט זיין געמיט.

די קאָמעדיע דערהייבט אויך דעם אַקטיאָר. יעדער שוישפּילער איז אַזוי ווי דורך אַ כּישוף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קינסטלער. שוישפּילער, וועלכע איך האָב פריִער קיין מאָל ניט געהאַלטן מער ווי באַלמעלאָכעס, זיינען אין „שווער צו זיין אַ ייִד״ פּלוצלינג אויסגעוואַקסן, דערשינען אין אַ נייעם ליכט, באַזעלט געוואָרן מיט שעפערישקייט. אַלע האָבן זיי געשפּילט אַזוי ווי באַגייסטערטע, ווי אינספּירירטע.

צום גליק האָבן די מערסטע פון זיי — אפשר אַלע — קיין מאָל ניט געזען די אָריגינעלע אויפפירונג אין ייִדישן קונסט־טעאַטער. שעפטל זאַק האָט ניט געזען מוני וויזענפריינדס איוואַנאָוו, מנשה אָפּענהיים האָט ניט

געזען מישאַ גערמאַנס שנייערסאָן, פריידעלע ליפשיץ האָט ניט קיין אַנונג פון בערטאַ גערסטינס בערטאַ. האָט יעדער איינער פון דער טרופּע געשאַפן אויף ס'ניי זיין ראָל, און עס איז געווען גוט, זייער גוט אַזוי.

מנחם רובין אַלס דוד שאַפּיראָ איז אימפּאָנירנד און אמתדיק. ער איז עכט, אַ שטאָלצער ייִד וואָס וועקט אי ליבשאַפט אי רחמנות — רחמנות, ווייל ער דאַרף אַזוי פיל גייסטיקן כוח אויף צו קעמפן פאַר זיין ייִדישער עקסיסטענץ אין מאָסקווע.

ראָוז שושנה, אַלס שׂרה שאַפּיראָ, פאַרדינט געקרוינט צו ווערן אַלס די ייִדישע מאַמע — אַ שיינע ייִדישע מאַמע, ניט קיין פאַרקרימטע. מיט איר פיגור איז שושנה ראוי צו שפּילן „גראַנד דאַמעס". און דאָך האָט זי גע־שפּילט די ראָל פון שׂרה ייִדישלעך־אינטים.

אַלס בערטאַ איז פריידעלע ליפשיץ געווען אַ ביסל בלאַסלעך, אומזי־כער די ערשטע וואָך. זי דאַרף זיך אַריינלעבן אין דער ראָל פון דער ייִדיש־רוסישער מיידל. זי איז ניט שפּילעוודיק געניגט. נאָך אַלעמען פאַרליבן זיך אין איר צוויי יונגען מיט אַ מאָל...

סאָניאַ זאַמינאַ האָט די אומדאנקבאַרסטע ראָל — זי שפּילט סיאָמקען, אַ ייִנגל, אָבער זי איז אויסגעצייכנט. זי ווייזט ווי אַזוי אַ גוטע אַקטריסע קאָן שפּילן אָן פראָזע, אָדער מיט ווייניק פראָזע.

שעפּטל זאַק שאַפט אַן עכטן איוואַן, ניט קיין איבערגעטריבענעם „כאַם". זאַק שפּילט ניט „איבער", קומט זיין איוואַן אַרויס אַ לעבעדיקער, אַ בלוט־און־פלייש־יונג, אַ פיר־קאַנטיקער. ווען ער ווערט אויפגעבראַכט פון צאָרן, ווירקט ער מיט זיין איינגעהאַלטנקייט. זיין צעטומלטקייט ביים סדר איז איינע פון די פיינסטע מאָמענטן, טאַקע ווייל עס איז ניט אי־בערטריבן.

דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס מיר קומט אויס צו זען מנשה אָפּענ־היים אַלס אַקטיאָר. ס'איז שווער צו פאַרשטיין פאַר וואָס ער איז ביז איצט ניט אויסגענוצט געוואָרן אויף דער בינע. זיין שפּילן פאַרמאָגט אַזוי פיל ריטעם, אַזאַ געמאָסטנקייט, אַזאַ אויסגערעכנטקייט, אַז עס איז אַ מחיה צו קוקן אויף אים. זיין שנייערסאָן איז אַ געשטאַלט וואָס לאָזט זיך ניט

פאַרגעסן. עס קומט מנחם רובינען אַ גרויסן יישר־כּוח פאַר צוקלייבן זאַקן און אָפּענהיימען פאַר די צוויי ווינקלשטיין־ראָלן אין דער קאָמעדיע.

אַן איבערראַשונג איז פאַר מיר געווען יצחק ליפּינסקי אַלס קעצעלע. אים איז מיר אַלע מאָל אויסגעקומען צו זען אין נאַרישע ראָלן, אין ליאַל־קע־ראָלן. דאָ איז ער אויפגעטראָטן אין בלויז איין סצענע, און אַרויסגע־רופן געלעכטער האָט ער מיט זיין שפּילן, ניט מיט זיין נאָכקרימען, אַ לעבעדיקן מענטשן.

קלענערע ראָלן האָבן געשפּילט הערי מולער און בען באַראַך.

רובין האָט אין דער אויפפירונג איינגעוועבט דריי לידלעך, איינע גע־זונגען פון פריידעלע ליפּשיץ, איינע פון מנשה אָפּענהיים און איינעם פון אים, מנחם רובין. ווי געזאָגט, זיינען די לידער „איינגעוועבט", ניט צו־געטשעפּעט. זיי פּאַסן זיך נאַטירלעך אַריין אין דעם גאַנג פון דער סצענע אין וועלכער זיי ווערן אויסגעזונגען.

הקיצור, וואָס וויל איך אַרויסברענגען איז, אַז „שווער צו זיין אַ ייִד" ביי דעם אַנסאַמבל־טעאַטער אין עדיוקיישאָנעל אַלייענס איז מיר שטאַרק געפעלן. עס קומט דער גאַנצער טרופּע, ווי דער ייִדישער אַקטיאָרן־יוניאָן, וואָס פּרעזענטירט איר, אַ האַלב טוץ קאָמפּלימענטן — פאַרן שפּילן, פאַר דער רעזשי, פאַר צוריקברענגען שיין ייִדיש טעאַטער אויף דער ייִדישער גאַס, פאַר דער באַשיידנקייט מיט וועלכער די אונטערנעמונג איז דורכגע־פירט געוואָרן, און — דעם זעקסטן מעדאַל וועט מען די קינסטלער צו־טראָגן ווען זיי וועלן אויסהאַלטן אַ סעזאָן בשלום, חבריש, און שטאַרקן אַלעמענס גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון קאָאָפּעראַציע אין דער וועלט פון אַקטיאָרן.

אַ קאָמפּלימענט, פאַרשטייט זיך, קומט אויך דעם עולם. ווי מען גיט איבער האָבן זיי שיִער ניט די טירן אָפּגעריסן. פיל הונדערטער מענטשן האָבן אינעווייניק ניט געקאָנט אַריין. אַבי מען וויל אויסטראַכטן אויף דעם עולם, אַז ער ווייסט ניט וואָס גוט איז. עס ווענדט זיך אין דעם וועגן וואָ־סער עולם מיר ריידן...

אָקטאָבער, 1956

„די איינזאַמע שיף" פון משה דלוזשנאָווסקי

די פֿאָלקסבינע באַשטייט פון שוישפּילער, וועלכע שפּילן יעדן שבת אָוונט, זונטיק ביי טאָג און אין אָוונט אין דעם ראָדין טעאַטער, אויף סטענטאָן סטריט נעבן עסעקס. די פֿאָלקסבינע האָט אַן גוזמא פאַר די לעצטע פיר צענדליק יאָר זיך מקריב געווען פאַר בעסער, שענער, מענטש־לעכער ייִדיש טעאַטער.

דאָס מאָל האָבן זיי אָנגעטראָפן סיי מיט דער פּיעסע און סיי מיט דער אויפפירונג וועלכע איז אונטער דוד ליכטס רעזשיסערישער האַנט. איך האָב די פאָרשטעלונג געזען און נאָך קאָן איך ניט פאַרגעסן די בינע וואָס איז געבויט ווי אַ שיף, די ליכט־עפעקטן וואָס זיינען אַזוי קינסטלעריש פּאָרזיכטיק אויסגעאַרבעט געוואָרן און גיסן זיך אַריין אין דער שטימונג פון דער זאַך, ועל כולם, דאָס שפּילן פון די אַקטיאָרן וועלכע דער רעזשי־סער האָט אַזוי גוט צוגעפּאַסט צו די ראָלן.

און אָט זיינען זיי:

קאַפּיטאַן לעבלאַן — הערי רובין; לייטענאַנט קלאָדעל — לעאָ פשעפּ־יורקע; פלאָרענס קאַרמעל — פראַניאַ ניומאַן; קאַרלאָז ראָדריגעז — נחמן ערליך; גאָדל בערמאַן — מיכל ניידיטש; אפרים שטערן — מאָריס אָדלער; האַנס קרעמער — היימאַן זאַנער; רות פעדער — שרה סטייבין; אַנעט פעדער — רענע ספּעקטאָר; הענרי פאָזנער — יהושע זעלדיס; טאָמאַס — יעקב בעלאַגאָרסקי; ליזאַ — אַנאַ טאַרלע; אַלעקסאַנדער זאַפּט — מיכל לוקס; קאַרל באַלזאַם — הערי פרייפעלד; געטרוד — צפורה שפייזמאַן; לוטער — אילאַי אַרנאָו.

דעקאָראַציעס האָט צוגעגרייט הערי באָום; בינע און טעכנישער די־רעקטאָר — מרדכי יחסן.

אָט דער דאָזיקער פּערסאָנאַל האָט אונטער דער רעזשי פון דוד ליכט געבראַכט דעם יידישן טעאַטער־עולם איינע פון די פיינסטע און קינסט־לערישע אויפפירונגען וואָס יידיש טעאַטער האָט ווען עס איז אויפגעפירט אויף דער בינע.

משה דלוזשנאָווסקיס „די איינזאַמע שיף" איז לויט איר דראַמאַטורגי־שער אויסוויקלונג אַ טראַגעדיע. נאָר פּונקט אַזוי פיל וויפל עס איז פאַראַן טראַגיק אין איר, אַזוי פיל העראָיק איז פאַראַן אין איר. העראָיק פון יחיד, פון ייִד און מענטש.

איבער משה דלוזשנאָווסקיס „די איינזאַמע שיף" הענגט נישט יענער פאַטום, יענער אומפאַרמיידלעכער גורל, וועלכער פירט זיינע העלדן צום טויט. „די איינזאַמע שיף" פירט איבער אַלע געפאַרן צום לעבן. ניט צום אונטערגאַנג און אומקום, ווי עס דיקטירן די קלאַסישע, אַריסטאָטעלישע כּללים.

ביי דער וועלט איז אָנגענומען, אַז פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער — איבערהויפּט אַזעלכע וואָס האָבן שוין אַ סטאַזש — זיינען קנאַפּע אידעאַ־ליסטן. אידעאַליזם גראַמט זיך מיט אָנהייב, מיט ערשטע טריט און דאָ אין דער פאָלקסבינע האָבן די שוישפּילער באַוויזן, אַז זיי זענען קינסטלער וואָס האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין אַ שווערן לאַסט־וואָגן פון אויפבויען אַ בעסער און שענער טעאַטער און זיי פירן אויף פּיעסעס פון קלאַסישן, יידישן רעפּערטואַר אין אַ קליינעם טעאַטער פון צוויי הונדערט זיץ־פּלעצער, אונטער שווערע באַדינגונגען מכּל המינים.

פאַרדינט ניט אַזאַ גרופּע אַז אונדזערע קולטור־טוער און געזעל־שאַפטלעכע דעה־זאָגער מיט וואָרט און מיט האַנדלונג זאָלן דערמוטיקן אָט די אַקטיאָרן־אידעאַליסטן, אָט די שוישפּילער מיט אַ סך גלויבן? זיינען יידן ניט שולדיק אָט־די קינסטלער דאָס מינימאַלסטע — באַזוכן זייערע פאָרשטעלונגען און אָנפילן דעם טעאַטער?

אַנשטאָט צו ריידן וועגן ירידה, אַנשטאָט קרעכצן — בעל פּה אָדער

בכתב — וועגן אונדזער יוגנט וואָס גייט אַוועק פון אונדז, לאָמיר אַליין דעמאָנסטרירן אונדזער גלויבן, אונדזער ליבע צום בעסערן ייִדישן וואָרט און — אַליין זיין יונג...

ס'וואָלט געווען שיין פון אונדז אַלעמען ווען מיר קומען זען די פיין־קינסטלערישע פאָרשטעלונג „די איינזאַמע שיף", פאַרוואַנדלען די פּאָר שעה אין אַ יום־טוב! דעם יום־טוב פון ייִדיש טעאַטער, פון ייִדישן גע־רעדטן וואָרט, פון ייִדישער קולטור! ייִדן וועלכע האָבן ליב טעאַטער, קאָן איך זיך ניט פאָרשטעלן, אַז זיי זאָלן דורכלאָזן אַזאַ שטאַרקע עמאָציאָנע־לע איבערלעבונג ווי די אויפפירונג פון „די איינזאַמע שיף" רופט אַרויס!

יאַנואַר, 1957

חיים עהרענרייך

די איטאַליענישע אַמעריקאַנער זינגערין, דזשינעטאַ לאַ ביאַנקאַ, און שלום סעקונדאַס „יהי רצון״

אַנומלט, ביי אַ קאָנצערט פון אַן אַרבעטער רינג אָרגאַניזאַציע אין קאָמאָדאָר האָטעל, איז אויפגעטראָטן אַ יונגינקע קאָלאָראַטורע סאָפּראַן, דזשינעטאַ לאַ ביאַנקאַ. זי איז שוואַרץ־חנעוודיק און שיין און שלאַנק און זינגט די שווערסטע אַריעס און די קאָמפּליצירטסטע וואָקאַלע פּאַסאַזשן מיט אַ לייכטקייט און אַ ווירטואָזיטעט וואָס דערשטוינען אירע צוהערער.

זי איז אַ קינד פון איטאַליענישע עלטערן; געבוירן אין באָפאַלאָ אין די פאַראייניקטע שטאַטן. איר מוזיקאַלישע דערציִונג האָט זי באַקומען ביי איר טאַנטע, מאַדאַם לוטשיאַ קאַרלינאַ, אַ געוועזענע אָפּערע־זינגערין, וועלכע גיט זיך אָפּ מיט איר טאַלאַנטפולער פּלימעניצעס קאַריערע שוין אַ סך יאָרן.

ווען זי איז געווען בלויז 20 יאָר אַלט, האָט מיס לאַ ביאַנקאַ באַקומען די פולברייט־באַלוינונג — צוויי פרייע יאָר שטודירן אין רוים — און זי איז אַהינצו אָפּגעפאָרן מיט איר טאַנטע. זייענדיק דאָרט האָט זי באַקומען אַן אָנבאָט צו פאָרן מיט אַן איטאַליענישער אָפּערע־טרופּע קיין אויסטראַ־ליע אַלס די ערשטע קאָלאָראַטוראַ. האָט זי איבערגעריסן איר „סקאָלער־שיפּ״ אויף אַ יאָר און איז אויפגעטראָטן מיט זעלטענעם דערפאָלג אין די צוויי וויכטיקסטע הויפּט־שטעט פון אויסטראַליע — מעלבורן און סידני. זי האָט געזונגען די הויפּט־פּרויען ראָלן אין „ריגאָלעטאָ״, „לוטשיאַ די לאַ־מערמור״ און „באַרבער פון סעוויל״.

זי איז פון אויסטראַליע צוריקגעפאָרן קיין איטאַליע אויף ווייטער אָנ־צוגיין מיט איר וואָקאַלן שטודיום, און זייענדיק דאָרט האָט לאַ ביאַנקאַ

אויפגעטראָטן אין אַ ריי קאָנקורסן און פעסטיוואַלן, און איז אומעטום אַרויסגעקומען די ערשטע. מיט אַ צייט צוריק איז זי צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק מיט אַ קאָנטראַקט אויפצוטרעטן אין אַן אַמעריקאַנער אָפּערע אויף בראָדוויי, אין לאַטושס „באַלאַד אָף בעיבי דאָו" וואָס האָט זיך שפּעטער געעפנט אין וואַשינגטאָן.

דזשינעטאַ לאַ ביאַנקאַ

דזשינעטאַ לאַ ביאַנקאַ האָט שוין איצט אַ רעפּערטואַר פון 19 אָפּע־רעטישע ראָלן און דריי הונדערט קאָנצערט־לידער. זי קאָן אויפטרעטן אין „דאָן דזשיאָוואַני", „דאָן פּאַסקוואַלע", „מאַסקן באַל" און אַזוי אויך אין אַ צען אַנדערע אָפּערעס און מיט איין פּראָבע מיטן אָרקעסטער זיך באַ־טייליקן אין אַ פאָרשטעלונג.

*

אַנגעהויבן שרייבן די שורות וועגן אַט דער זינגערין האָב איך, אָבער, צוליב — „יהי רצון". מיין קאָלעגע פון דער טעאַטער־זייט, דער באַוווּס־טער קאָמפּאָזיטאָר שלום סעקונדאַ האָט מיט יאָרן צוריק אָנגעשריבן אַ האַלב סעקולאַרן, האַלב ליטורגישן נומער וואָס הייסט „יהי רצון". האָבן אַט די קאָמפּאָזיציע איינגעשלאָסן אַ סך יידישע קינסטלער פון דער קאָנ־צערט־בינע אין זייער רעפּערטואַר. ווען אַ זינגער וויל מאַכן אַ זיכערן דערפאָלג מיט אַ יידישן עולם, דערלאַנגט ער צום שלוס פון זיין פּראָגראַם — „יהי רצון". און אויב ער האָט נאָך אַ שטים, קאָנט איר זיין זיכער, אַז ער וועט אויסנעמען.

אויך דזשינעטאַ לאַ ביאַנקאַ האָט אין איר רעפּערטואַר אַט דעם „שלאַגער". און ווען זי טוט אָן אויף איר יונגן, שוואַרצן קאָפּ דאָס ווייסע טיכל, און אירע שוואַרצע אויגן ווערן ליכט־בענטשנדיק פרום, זאָלט איר וויסן, אַז די קינסטלערין וועט זינגען „יהי רצון"...

איר „יהי רצון" פאַרכישופט און צעגעמט דעם עולם און צעשטורעמט אים אַזוי, אַז מען קאָן מיינען, אַז די לאַ ביאַנקאַ איז דורכגעווייקט אין חסידישער יידישקייט מדור דורות. אַפילו איר טאַנטע מאַדאַם קאַרלינאַ, קאָן עס ניט פאַרשטיין... „ניט אַנדערש", האָט זי איין מאָל אויסגערופן, „אַז אין דזשינעטאַס אָדערן האָט זיך אַריינגעכאַפּט ערגעץ אַ טראָפּן אָדער מער יידיש בלוט".

איך האָב בייגעווינט אַ פּראָגראַם אין בען באָנוס און מינאַ בערנס ווילעדזש טעאַטער אויף „סעקאָנד עוועניו", האָט דזשינעטאַ לאַ ביאַנקאַ צוזאַמען מיט בען באָנוסן געשפּילט און געזונגען די ראָל פון „דינה" אין גאָלדפאַדנס היסטאָרישער אָפּערעטע „בר כוכבא" און זי איז געווען אויס־געצייכנט.

בכלל האָט זי אין איר רעפּערטואַר אַ סך יידישע און העברעישע לידער און זי האָפט אויך צו קאָנען באַזוכן און זינגען אין מדינת ישׂראל.

יאַנואַר, 1957

טאָקערס רעקאָרד פון סדר ניגונים און שחרית תפילות קאָמפּאָנירט פון שלום סעקונדאַ

קאָלאָמביאַ רעקאָרד קאָמפּאַני פאַרדינט אַ יישר כוח פאַר דעם פּסח־דיקן אַלבום וואָס זי האָט רעקאָרדירט מיט דעם מעטראָפּאָליטען אָפּערע טענאָר, ריטשאַרד טאָקער, באַגלייט פון כאָראַלן אַנסאַמבל אונטער דער דירעקציע פון דעם קאָמפּאָזיטאָר, שלום סעקונדאַ. אויף איין זייט האָבן זיי רעקאָרדירט די סדר ניגונים אין עכט־טראַדיציאָנעלן אופן, אַזוי, אַז יעדער איינער זאָל קאָנען מיטזינגען די נייע באַאַרבעטונגען אויף די גוט־באַקאַנטע טיילן פון דער הגדה.

באַלד ווי די גאָלדענע טענער פון ריטשאַרד טאָקער קלינגען אַרויס ווען ער הייבט אָן מאַכן קידוש, שאַפט זיך אַ יום־טובדיקע שטימונג און עס ווילט זיך הערן נאָך און נאָך. ווען די שטימע פון דאַריס קאָהען דער־הערט זיך אין די „פיר קשיות" דערמאָנט עס אייך אין דער אַלטער היים, און טאַקע ווי יעדער פון אונדז האָט אין זיין צייט געפרעגט זיין טאַטן די פיר קשיות. די שטימע קלינגט קינדעריש, ווי פון אַ קליין יינגעלע און דער נוסח איז ווי דער אַלטער, אָנגענומענער ניגון.

אַזוי ווייטער מיט „דיינו", „בכל דור ודור" און די איבעריקע טיילן פון דער הגדה. די ערשטע זייט ענדיקט זיך מיט אַ געשמאַקן, בעל־תפילה־שן „זאָגעכץ" פון דעם לעצטן פּסוק פון „חד גדיא". יידן וואָס האָבן ליב אָרטאָדאָקסישע חזנות וועלן איבערשפּילן דעם „ואתא הקדוש ברוך הוא" צענדליקער מאָל.

די צווייטע זייט באַשטייט שוין פון שחרית און מוסף תפילות. ווען מען הערט זיך צו צו ריטשאַרד טאָקערס זאָגן „רבונו של עולם" פון „סדר קריאת ספר התורה", ווילט זיך גאָרניט גלייבן אַז דאָס איז דער זעלבער

קינסטלער וואָס צייכנט זיך אַזוי אויס אין די פאַרשיידענע אָפּערעס וואָס ער זינגט אין מעטראָפּאָליטען אָפּערע הויז. ווי אַן אַלט-מאָדישער בעל-תּפילה טענהט ער זיך אויס מיט דעם רבונו של עולם און ווען ער וויינט אויס „ושמרינו ממעשים רעים ומן השעות הרעות המתבקשות לבוא לעולם", פאַרגעסט מען אין גאַנצן אַז דאָס זענען קלאַנגען וואָס קומען אַרויס פון אַ רעקאָרד, נאָר עס גלייבט זיך גיכער, אַז מיר זיצן באַקליידט מיט אַ טלית אין שול און מען וויינט מיט דעם שליח ציבור.

עס איז אַ וווּנדערלעכע קאָמבינאַציע, טאָקערס גאָלדענע שטימע און זיין התפּעלות. צום סוף זינגט טאָקער מיטן כאָר „אין כאלוהנו" און „אדון עולם". ביידע ניגונים זיינען פאַר דעם שרייבער ניי. זיכער וועלן זיי אויפגעכאַפּט ווערן פון אַלע חזנים און כאָרן אין אַלע שולן. ביידע ניגונים האָבן אין זיך חסידישע דבקות, און עס בעט זיך „זינגט מיט".

פון טעכנישן שטאַנדפּונקט איז דער פּסח-רעקאָרד איינער פון די סאַמע בעסטע וואָס אַפילו „קאָלאָמביאַ" האָט ביז איצט געמאַכט. די קלאָרקייט פון חזן און כאָר און דער קלאָרער באַלאַנס פון אַלע שטימען שאַפן אַן אַטמאָספערע ניט ווי פון אַ רעקאָרד, נאָר ווי מען וואָלט געזעסן אין אַ שול און געהערט די תפילות „לעבעדיק".

ס'ווערט אָנגעגעבן אויף דעם רעקאָרד, אַז די גאַנצע מוזיק פון אַלע תּפילות איז פאַרפאַסט געוואָרן פון שלום סעקונדאַ. אויב אַזוי, קומט אים אַ „בראַוואָ" ניט נאָר פאַר זיין דיריגירן דעם כאָר, נאָר אויך פאַר דער אמת-פיינער שול-מוזיק.

יוני, 1962

דער זיווג בעלאַרסקי־געבירטיג

דער אַלוועלטלעכער ייִדישער קולטור קאָנגרעס האָט פאַרדינט נאָך אַ מיצווה — ער האָט אַרויסגעגעבן אַ רעקאָרדירטן אַלבום מיט צוועלף לי־דער, פון מרדכי געבירטיג, געזונגען פון סידאָר בעלאַרסקי. אַזאַ זיווג, ווי בעלאַרסקי־געבירטיג, איז אַן איינפאַל מן השמים. צווישן אַלע זינגער וואָס גיבן זיך אָפּ מיטן ייִדישן פאָלקסליד פאַרנעמט בעלאַרסקי אָן ספק דעם אויבן־אָן. דער נייסטער אַלבום איז דער בעסטער באַווייז, אַז קיין בעסערן שידוך האָט דער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס ניט געקאָנט געפינען.

דער דיכטער־מאַרטירער מרדכי געבירטיג, וועלכער איז אומגעקומען פון אַ נאַצי קויל אויפן וועג צום קרעמאַטאָריום אין 1942, האָט געשריבן אי די ווערטער, אי די מוזיק פון זיינע לידער, און זיי זיינען אַרויסגע־קומען ווי אַ צווילינג, וואָרט און קלאַנג אויסגעפלאָכטן אין איין קינסטלע־רישער גאַנצקייט. ווירקן זיי אויפן געמיט פון דעם צוהערער מיט זייער אויסגערונדיקטקייט און גאַנצקייט.

ווען אַ קינסטלער ווי סידאָר בעלאַרסקי זינגט זיי אויס, איז דער רושם זייערער אַן אומגעהייערער. בעלאַרסקי איז ניט קיין „געוויינטלעכער" זינ־גער. זיין שטים, אַ סאַמעטענער באַס־באַריטאָן, פאַרמאָגט קאָליר און שאַ־טירונגען און מערקווירדיקע ווייכקייט, פאַר אַ באַס, און די אַלע מעלות העלפן אים אַרויסברענגען יעדן וואָקאַלישן ניואַנס וואָס אַ ליד, געשריבן אין פאָלקסטימלעכן טאָן, פאַרמאָגט נאָר אין זיך.

דאַרפט איר זיך גאָרניט שעמען, אויב איר וועט פלוצעם דערפילן טרערן אויף די באַקן אין די ערשטע פּאָר שורות פון „די זון איז פאַר־גאַנגען", און איר דאַרפט ניט וווּנדערן זיך אויף דער אויפיובלונג אין אייער געמיט ביי „רייזעלע". אין דעם אַלץ איז סידאָר בעלאַרסקי ניט וויי־

ניקער „שולדיק" ווי געבירטיג. ניט אומזיסט איז ער באַוווסט און באַ־ליבט אין אַלע לענדער און שטעט ווו ייִדן לעבן.



סידאָר בעלאַרסקי

די פּלאַטע „סידאָר בעלאַרסקי אין לידער פון מ. געבירטיג", איז נעט אַרויסגעגעבן, אַ לאַנג־שפּילנדער רעקאָרד פון זעקס לידער אויף יעדער זייט. וולאַדימיר חפץ, וועלכער באַגלייט בעלאַרסקין אויף דער פּיאַנאָ, האָט אַראַנזשירט ניין פון די צוועלף לידער, און עס פילט זיך, אַז אַ מייסטערהאַפטע האַנט האָט זיי אַרומגעצוואָגן. דריי פון די לידער האָט בעלאַרסקי אַליין אַראַנזשירט.

אַדאַנק דעם ייִדישן קולטור־קאָנגרעס איז די ייִדישע רעקאָרדירטע מוזיק באַרייכערט געוואָרן מיט אַ קונסט פּלאַטע וואָס איז אַ שטאָלץ און אַ געננוס פאַרן אויער און פאַר דעם געמיט.

1963

עטלעכע ווערטער וועגן דעם וואָדעוויל טעאַטער

„אַז גאָט וויל שיסט אַ בעזעם". אָט דאָס ווערטל קאָן אָנגעווענדט ווערן אויף ייִדיש טעאַטער.

עס האָט אויסגעזען ווי דאָס ייִדישע טעאַטער איז שוין אויף די הינ־טערשטע פיס. די יונגוואַרג האָט אויפגעהערט צו גיין אין ייִדישן טעאַ־טער, און די עלטערע מענטשן האָבן שוין קיין כּוח ניט געהאַט צו גיין. און עס האָט טאַקע אויסגעזען, ווי דאָס ייִדישע טעאַטער לעבט דורך זיינע לעצטע יאָרן. מיט אַ מאָל האָט זיך די לאַגע געענדערט. מ'האָט זיך איי־בערצייגט, אַז די ייִדישע יונגוואַרג האָט ליב דאָס ייִדישע וואָרט און בענקט אַפילו נאָך דעם לשון פון זייערע באָבעס און זיידעס. און די איי־בערקערעניש איז געקומען אַדאַנק דער גרינדונג פון דעם בעסערן ייִדישן וואָדעוויל.

זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן, אַז אַ גרויסער דאַנק קומט דריי מענטשן: צוויי אַקטיאָרן און אַ געניטן אַלטן טעאַטער־מענעדזשער. די צוויי קינסט־לער זיינען בען באָנוס און מינאַ בערן, און דער טעאַטער־מענעדזשער איז סאָול דיקשטיין.

זייער אויפטו ליגט ניט אַזוי אין דעם, וואָס זייער טעאַטער איז אַ דערפאָלג, נאָר אין דעם וואָס זיי זיינען געווען די ערשטע פון דעם איצטיקן דור שווישפּילער צו וואַגן מאַכן אַ פּאַרזוך צו געבן בעסער וואָ־דעוויל טעאַטער. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז גוט וואָס זייער טעאַטער איז אַ דערפאָלג. וואָלט עס, חלילה, געווען פאַרקערט, וואָלט דער פּרוּוו געווען אַ דורכפאַל און עס וואָלט ווייטער געבליבן די לעגענדע, אַז דער עולם וויל ניבול־פּה, אַ קוידערוועלש־ייִדיש און די אַלע אַנדערע זאַבאַבאָנעס,

אין וועלכע ייִדישע אַקטיאָרן האָבן געזוכט צו פּאַרוויגן זיך און דעם עולם.

באַנוס און בערן און סאַול דיקשטיין פאַרדינען אָנערקענונג פאַר זייער אויפטו. איצט הערן מיר, אַז זיי וועלן אין גיכן אויך אָנהויבן שפּילן אין מיטן דער וואָך לעגיטים טעאַטער. עס פאַרשטייט זיך, אַז האָבן זיי שוין געזאָגט „אַלף״, וועלן זיי שוין זאָגן „בית״. זייער לעגיטים טעאַטער וועט זיין פון בעסערן סאָרט.

אָבער מיר, דער עולם, וועט זיי דאַרפן שטיצן און זייער פּאַרזוך. מיט פאַראייניקטע כּוחות וועלן מיר דאַרפן צוריק אָוועקשטעלן דעם טעאַטער אויף ביידע פיס — גוט טעאַטער, טעאַטער פאַר דערוואַקסענע מענטשן.

מערץ, 1965

„מירעלע אפרת" אויפגעפירט אין ייִדישן מלוכה־טעאַטער פון פוילן

ניט אַפילו אין די צייטן פון מאָריס שוואַרצס קונסט־טעאַטער איז אַן אויפפירונג פון אַ פּיעסע געווען אַזוי ציכטיק און אַזוי פּרעציז, אַזוי איינ־געהאַלטן און אַזוי, יאָ, אַזוי שיין, ווי אידאַ קאַמינסקאַס אויפפירונג פון „מירעלע אפרת", אין בילי ראָוז טעאַטער.

ווען דער פאָרהאַנג הייבט זיך איז אַזוי ווי אַ בוקעט בלומען וואָלט זיך פאַנאַנדערגעפּראַלט אין אַן עשירות פון בונטע קאָלירן און וואָלט גע־עפנט אונדזערע אויגן אויף אַ פּאַטריאַרכאַלישקייט פון דעם ייִדישן לעבן מיט אַ יאָר זעכציק צוריק, ווען יעקב גאָרדין האָט געשריבן זיין פּיעסע.

„מירעלע אפרת" איז אַ דראַמע אָדער אַ מעלאָדראַמע, אָבער נאָך קיין מאָל איז אַ פּיעסע אין ייִדישן טעאַטער ניט אויפגעפירט געוואָרן מיט אַזוי וייניק געוואַלדן, מיט אַזוי ווייניק געשרייען און קולות ווי אין דער טרו־פּע פון דעם ייִדישן טעאַטער פון פוילן. איר זיצט אין טעאַטער אַן אַנט־ציקטער, אַ באַגייסטערטער פון דעם שפּילן. די אַקטיאָרן האָבן קענטיק לאַנג און גוט שטודירט די פּיעסע און אידאַ קאַמינסקאַ האָט אין איר רעזשי „אַריינגעבראַקט" יעדן ברעקל טאַלאַנט וואָס זי פאַרמאָגט — און זי פאַר־מאָגט גאָר אַ סך פון דעם. הלוואַי האָבן מיר כאָטש איין אידאַ קאַמינסקאַ ביי אונדז אין ניו־יאָרק; דער ייִדישער טעאַטער וואָלט דאַן געהאַט גאָר אַן אַנדער פּנים.

זי איז ניט נאָר אַן ערשטקלאַסיקע רעזשיסערין, נאָר אויך אַ גאָט־געבענטשטע אַקטריסע, ווי מיר זעען פון דער „מירעלע אפרת", וואָס זי האָט באַשאַפן. מיר זעען דאָ מירעלען אַלס מוטער, אַלס פרוי, אַלס מענטש. זי איז צאַרט; זי איז שטאָלץ און בייגעוודיק; זי איז שטייף און זי איז

פלאַסטיש. און זי איז, ווי געזאָגט, מענטשלעך. זי טיילט צדקה מיט דער רעכטער האַנט, און מוסר מיט דער לינקער האַנט. איר מוזט איר ליב האָבן.

פון אירע צוויי קינדער, יאָסעלע און דאָניע, האָט זיך יאָסעלע איינגע־געבן אין דער מאַמען מיט זיין גוטסקייט און מיט זיין ווייכקייט. די ראָל, געשפּילט פון דזשוליוס בערגער, איז איינע פון די אָנגענעמסטע אין דער פּיעסע. בערגער איז אַ געשולטער און טאַלאַנטפולער אַקטיאָר. מיר וואָלטן מיטן גאַנצן האַרצן אים רעקאָמענדירט פאַר האָליוווד — זיין הילוך, זיין פּנים, זיין גאַנצע באַנעמונג, איז פון אַ האָליוודער שוישפּילער. ער ליידט זייער פון זיין פרוי, שיינדעלע, וועלכע באַנעמט זיך גראָב מיט זיין מו־טער און זיין האַרץ ווערט צעריסן צווישן די ביידע פרויען, וועלכע ער האָט ביידע ליב.

אויף רות קאַמינסקאַס דאָליע איז אויסגעפאַלן צו שפּילן די ראָל פון דער שלעכטער שיינדעלע. זי שפּילט די ראָל מיט חשק, מיט שווונג און מיט האַרץ.

זייער גוט איז אַרויס מאיר מעלמאַן, אַלס ר׳ שלמון און מירעלעס אפרתס אַדמיניסטראַטאָר. ער איז ווירדיק, פּשוט גרויסאַרטיק אין זיין ראָל.

עס שפּילן אויך קאַרל לאַטאָוויטש, מאַריאַ פרידמאַן, מיכאל שוויי־ליך, רות קאָוואַלסקאַ, מאיר רודענסקי, הענריק גרינבערג און דינה פּאַל־קאָווסקאַ. עס באַטייליקן זיך מוזיקאַנטן, געסט — אַלע זיינען זיי איינגע־שפּילט אין זייערע ראָלן.

מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער באַריכט מיט אידאַ קאַמינסקאַס רעזשי און מיר פאַרענדיקן מיט דעם. אירע גרופּירונגען זיינען מייסטערהאַפטע. זיי גיסן זיך איינע אין דער צווייטער כוואַליעדיק און אומבאַמערקט..

און:

אפשר קאָן מען פּועלן, אַז די טרופּע פון דעם פּוילישן ייִדישן מלוכה־טעאַטער זאָל דאָ פאַרבלייבן אַ יאָר, אַנשטאָט די אַכט וואָכן, וועלכע זיינען זיי דערלויבט דאָ צו שפּילן?

אָקטאָבער, 1967

אידאַ קאַמינסקאַ וועגן יידישן טעאַטער אין פּוילן

אידאַ קאַמינסקאַ האַלט, אַז איר טעאַטער איז דער בעסטער באַווייז, אַז טעאַטער בכלל, אויב זיינע טוער מיינען מיט אים ערנסט, דאַרף ער זיין סובסידירט פון דער רעגירונג. בלויז דאַן קאָן דער טעאַטער שטיין אויף אַ געהעריקער הייך. ווען דער אַקטיאָר איז ניט אָפּהענגיק אָן דעם באַקס־אָפיס, קאָן דער טעאַטער וואַקסן אין דער הייך און אין דער טיף. אויב ניט אַ סובסידיע, הענגט דער טעאַטער אָפּ אָן דער דיקטאַטור פון די וואָס קויפן בילעטן.

דער אַקטיאָר ווערט טאַקע ניט געגנוג באַצאָלט אין אַ סובסידירטן טעאַ־טער, אָבער ער קריגט באַצאָלט 12 מאָנאַטן אַ יאָר.

דאָ, אין אַמעריקע, באַקומט אַן אַרטיסט אַ סך מער ווי אין פּוילן. אָבער דערפאַר קומט אים אויס צו זיין אַרבעטסלאָז מאָנאַטן, און אַפילו יאָרן לאַנג. דערצו באַקומט דער אַקטיאָר זעקס באַצאָלטע וואָכן וואַקאַציע. און ווען די דאגות פרנסה ווערן אַראָפּגענומען פון דעם קינסטלערס קאָפּ, קאָן ער זיך אָפּגעבן אין גאַנצן זיין קונסט, ווייזט אָן, מאַדאַם קאַמינסקאַ.

אַזוי ווי פאַרבייגייענדיק ווייזט אָן קאַמינסקאַ, אַז זי האָט גאָרניט קעגן די אַמעריקאַנער מענעדזשערס. אויף איר מזל איז האַראָלד לעווינטאַל איינער פון די סימפּאַטישסטע מענטשן, וואָס זי האָט באַגעגנט ביים טעאַ־טער.

זי האָט אַ סך קלייניקייטן אויסצוזעצן קעגן דעם היגן טעאַטער. צום ביישפּיל: אין פּוילישן טעאַטער לאָזט מען די באַזוכער ניט אַריין אויב זיי קומען שפּעט. דאָ גייט אַ פאַרשטעלונג ווי אַ פאַבריק. די מערסטע פאַר־שטעלונגען וואָס האָבן אַ קיום זיינען „היטס".

דער פּאַקט איז, אַז דער ייִדישער מלוכה־טעאַטער אין פּוילן עקסיס־טירט שוין איין־און־צוואַנציק יאָר. אין רומעניע עקסיסטירט דער ייִדישער מלוכה־טעאַטער צוואַנציק יאָר. ער שפּילט אָבער שטענדיק אין רומעניע. אין אַנדערע טעאַטערס ווען עס איז נאָר עפּעס אַ קריזיס צעפאַלן זיי זיך.

ס'איז אמת, אַז אין פּוילישן טעאַטער איז דאָ אָפּט אַ מאַנגל אין נייע קינסטלער, וואָס זשע טוט דער טעאַטער? ער „אַנטלייט" ייִדישע מענטשן פון פּוילישן טעאַטער און זעצט פּאַר מיט זיין שפּילן.

ניינציק מענטשן און מער זיינען באַשעפטיקט ביים ייִדישן טעאַטער. דער טעאַטער פּאַרמאָגט אַ סטודיאָ, און אין איצטיקן מאָמענט האָט די סטו־דיאָ עלף סטודענטן.

די טרופּע וואָס איז אַהער געקומען, האָט מיטגעבראַכט פיר סטודענטן פון דער סטודיאָ. מען לערנט זיי ייִדיש ריידן אין דער סטודיאָ.

ביים שמועס, וואָס מיר האָבן געהאַט מיט מאַדאַם קאַמינסקאַ, איז אויך אַנווענזנד געווען איר מאַן, מאיר מעלמאַן, וועלכער קומט פון לעמ־בערג. אידאַ קאַמינסקאַ איז געבוירן געוואָרן אין אָדעס, ווו איר מאַמע האָט געשפּילט. ווען זי איז איין יאָר אַלט געווען האָט איר די מאַמע גע־בראַכט קיין וואַרשע. אין דער טרופּע שפּילט שוין דער דריטער דור פון די קאַמינסקאַס, אידאַס טאָכטער, רות. ס'איז שוין אַרויס אַ בוך וועגן אידאַ קאַמינסקאַס פופציק יאָר אויף דער ייִדישער בינע. דאָס איז שוין קאַ־מינסקאַס דריטער באַזוך אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זי האָט געהאַט דעם כּבוד נאָמינירט צו ווערן פאַרן אָסקאַר, פאַר איר שפּילן אין דעם פילם „אַ שאָפּ אַן מעין סטריט".

נאָך יעדער פאָרשטעלונג וואַרטן אויף דער בינע מאַסן מענטשן, וועלכע דאַנקען איר פאַר דעם ייִדישן טעאַטער. אידאַ קאַמינסקאַ האָט דערציילט וועגן דער גרויסער סומע געלט, וואָס מען האָט איר אָנגעבאָטן פאַר קומען און שפּילן דאָ. זי האָט עס אָבער צוריקגעוויזן, ווייל זי האָט געוואָלט, אַז מען זאָל ברענגען אַהער דעם גאַנצן טעאַטער. דער פאַקט איז, אַז זיי באַקומען זייער ווייניק באַצאָלט — זיי באַקומען האָטעל און לעבנס־הוצאות.

וועגן דעם אַלגעמיינעם יידישן לעבן אין פּוילן גיט דער גאַסט ניט אָפּ קיין פּריילעכן גרוס. עס לעבן איצט אין פּוילן דרייסיק טויזנט ייִדן אין צען שטעט. עס עקסיסטירן אין פּוילן דריי יידישע שולן. עס האָבן זיך געעפנט מער, אָבער זיי האָבן זיך צוגעשלאָסן. די גרעסטע צאָל ייִדן וווינען אין וואַרשע. אין יידישן טעאַטער קומען אַ סך פּוילישע באַזוכער.

ביי זייער איצטיקן באַזוך וועט דער פּוילישער יידישער מלוכה־טעאַטער שפּילן בלויז אין ניו־יאָרק.

אידאַ קאַמינסקאַ מאַכט אַ מערקווירדיקן איינדרוק — זי איז אַ שטאָלצע פרוי, און אַן ערשט־קלאַסיקע קינסטלערין. גלייכצייטיק איז זי זייער אַ פריינדלעכע און אַ צוגעלאָזענע. זי רעדט וועגן מענטשן מיט אַ סך ליבשאַפט — זי האָט זיי ליב. אין דער זעלבער צייט קאָן זי ניט מוחל זיין די, וועלכע האָבן פאַרשפּרייט דעם קלאַנג פון איר אונטערשרייבן דעם פּראָטעסט קעגן דער ישׂראל־רעגירונג. זיי האָבן צו ערשט געדאַרפט זיך נאָכפרעגן ביי איר, ווי עס טוען געוויינטלעך פאַראַנטוואָרטלעכע שרייבער. נאָר מיר זיינען זיכער, אַז ווען איר כּעס וועט פאַריבער, וועט זי אויך די זשורנאַליסטן מוחל זיין.

אָקטאָבער, 1967

דזשעני גאָלדשטיין



לודוויג זאַץ

מנשה סקולניק

אהרן לעבעדעוו

בערגעלסאָנס „פּרינץ ראובני״ אין דער פאָלקסבינע

דוד בערגעלסאָנס „פּרינץ ראובני״ איז אַ דראַמע וואָס דאַרף אויפגע־פירט ווערן אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב — גרויסע קאַלאַנאַדעס, ברייטע טע־ראַסן, כאָטש איין פייער פון דער אינקוויזיציע... אָן ספק האָט דער מחבר פון דער פּיעסע געהאַט אין זינען, אַז ער פּאַרמעסט זיך דאָ אויף אַ גרויסן פּאַרנעם. עס איז דעריבער אַ וווּנדער, וואָס אויף דער קליינער בינע פון דער „פאָלקסבינע״ איז דוד ליכטן געלונגען אויפצוכאַפּן די נשמה און דעם אָטעם פון דער פּיעסע.

די האַנדלונג פון דער פּיעסע קומט פאָר אין שפּאַניע און אין פּאָרטו־גאַל, אין דער צייט ווען די אינקוויזיציע האָט געריייניקט יידישע נשמות אין אירע פייערן. אין יענער צייט ווייזט זיך די עניגמאַטישע פיגור פון ראובני, וועלכער גיט זיך אָן אַלס פּרינץ פון דער ייִדישער מלוכה און וועלכער לייגט פאָר דעם פּויפּסט אַ מיליטערישן בונד אין נאָמען פון דעם הערשער פון דער ייִדישער מדינה.

ביי די ייִדן ווערט אָנגענומען, אַז ראובני איז דער משיח. ער איז גע־קומען זיי אויסלייזן פון דער אינקוויזיציע, אָבער בלויז ביי אַ טייל ייִדן. געוויינטלעך, ווערן ייִדן באַלד צעטיילט צווישן זיך, אַ היפּשע מינאָריטעט גלייבט, אַז ראובני איז אַ שווינדלער און אַן אָפּנאַרער. די צעטיילונג צווישן ייִדן דערטראָגט זיך ביז צו די אויערן פון פּויפּסט און ער באַשטימט אַן אונטערזוכונג און אַזוי ווערט צונישט דער גרויסער חלום פון פּרינץ ראובני אויסצולייזן די ייִדן און אָפּראַטעווען זיי פון שמד און פון דער אינקוויזיציע.

די דראַמע, ווי זי איז אויפגעפירט אין דער „פאָלקסבינע״, איז אַ זאַכ־לעכע און אַ „באַלדיקע״. די פּיעסע גייט גלייך צו צום „פּונקט״, די דראַמע

און די טראַגעדיע פון די ייִדן „טשעפּען" זיך גלייך צו צו דער היסטאָריע פון יענער צייט. עס קומען פאָר רירנדע סצענעס, וואָס שפּילן זיך אָפּ צווישן די צעטומלטע ייִדן. אָט אַזוי איז די סצענע פון דעם פּליטים לאַ־גער אין פּאָרטוגאַל פּשוט אויפטרייסלענדיק. און די סצענע אין וואַטיקאַן, ביי דער אונטערזוכונג, איז פול מיט שרעק, ווייל מען ווייסט, אַז הינטער דער אונטערזוכונג און פאַרהער ברענען די פייערן פון דער אינקוויזיציע.

מיכל מיכאַלאָוויטש, וועלכער שפּילט די הויפּט ראָל אין דער פּיעסע, פּרינץ ראובני, איז צוגעקליבן געוואָרן פאַר דער ראָל מיט גרויס פאַרזיכ־טיקייט. עס קומט ליכטן אַ גרויסן קאָמפּלימענט פאַר צוקלייבן אָט דעם אַקטיאָר פון זיד־אַמעריקע פאַר פּרינץ ראובני. ער איז אַ העראָישע פיגור, אומדערשראָקן אין דער גרעסטער סכּנה. מיכאַלאָוויטש שפּילט די ראָל מיט טאַלאַנט און באַלייכט די בינע מיט זיין מאַנסבילשער פיגור. ס'איז אַ פאַר־געניגן אים צו זען שפּילן.

אַ וויכטיקע ראָלע אין דער פּיעסע פאַרנעמט דוד ראַגאַוו, אַלס שלמה מולכו, וועלכער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער ראָל מיט אַלע זיינע ביינער.

מאַנכע פון די שוישפּילער קומט אויס צו שפּילן צוויי ראָלן. הערש רובין שפּילט אין די ראָלן דאָ פּיזאַ און דעם קאַרדינאַל, וועלכער פירט אָן דעם פאַרהער. ער וואַרפט אַ פּחד אויפן עולם מיט זיין קאָנטראָלירטער שינאה צו די ייִדן. אַזוי אויך יעקב רעכטצייט, וועלכער שפּילט צוויי ראָלן, פון שמואל אברבנאל און פון אַ קאַרדינאַל.

בען פּייוועלאָוויטש אין דער ראָל פון דעם מאָנאַך איז אַ פינצטערע געשטאַלט.

צפּורה שפּייזמאַן און מיני קערן אַלס צוויי אַריסטאָקראַטישע דאַמען, שפּילן אויסגעצייכנט זייערע ראָלן. איר גלייבט זיי, אַז זיי קומען פון דער העכסטער אַריסטאָקראַטיע.

מאָריס אַדלער אַלס אַ קופּערשמיד, שפּילט זיין ראָל מיט שווּנג.

שׂרה סטייבין טראָגט צו צו דעם טרויער פון דער בינע מיט איר קרעכץ.

דאַיענע ציפּקין העלפט באַשיינען די בינע מיט איר יוגנטלעכקייט, מיט איר שיינקייט און מיט איר געזאַנג.

עס איז אוממעגלעך אויסצורעכענען אַלעמען אין דער פּיעסע. ס׳איז אַ גרויסער פּערסאָנאַל פון אַ פּאָר צענדליק שוישפּילער און עס איז ניט מעגלעך אויסצורעכענען אַלע נעמען. אָט האָבן מיר שיִער ניט אויסגע־לאָזט דעם נאָמען פון יהושע זעלדיס, אַ גוטער אַקטיאָר, וועלכער צייכנט זיך געוויינטלעך אויס אין די ראָלן אין וועלכע ער שפּילט. אין „פּרינץ ראובני" זעט ער זיך וויניקער אָן, טראָץ די פיל רייד, וואָס דער מחבר האָט אים געגעבן.

עס נעמען אויך אָנטייל מאַקס ניידיטש, מאַקס פּאָסאַק, איווא אַדלער, פּאָלין ראָזענבלום, הערי פרייפעלד, ח. זיידענוואָרם און אַ גרויסע צאָל מאָ־נאַכן, מאַטראָסן און פּליטים.

דער אמת איז, אַז די פאָרשטעלונג „פּרינץ ראובני" דאַרף מען זען מער ווי איין מאָל, אויב מען וויל אַז איר זאַפט און מיין זאָלן אַריינ־דרינגען אין די ביינער פון דעם צושויער.

לאַזאַר ווייַנער האָט געשריבן די מוזיק צו דער אויפפירונג. עס קומט אים אַ גרויסער קאָמפּלימענט. די מוזיק פון יעדער סצענע איז אין שטימונג מיט דער האַנדלונג און איז געשריבן מיט רעליגיעזן אָפּשיי.

נאָוועמבער, 1967



מרים קרעסין



לעאָ פוקס

אברהם עלשטיין

דינה האַלפערין

ריטשאַרד טאָקערס 25 יאָריקער יובל

אין אַן אָרעמען הויז אין לאָנג איילענד, איז געבוירן געוואָרן דער וועלט־באַרימטער קינסטלער, דער אָפּערע זינגער, ראובן (שפּעטער — ריטשאַרד) טאָקער. זיין נאָמען איז געווען טיקער. ריטשאַרדס פּאָטער שמואל איז געווען אַ פּוטער הענדלער, און קיין גליקן האָט ער ניט געמאַכט. זיין מוטער, פעני, האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דעם הויז.

ריטשאַרד האָט דורכגעלעבט זייער אַ שווערע קינדהייט. ער האָט גע־טראָגן טעלעגראַמעס, געלאָפן אין שליחותן פאַר ביזנעס־לייט און געטאָן אַנדערע אַרבעטן וואָס אָרעמע קינדער טוען כּדי צו פאַרדינען עטלעכע דאָ־לאַר אַ טאָג. ער האָט דעמאָלט אַפילו ניט געחלומט, אַז ס׳וועט קומען אַ צייט ווען מען וועט אים פראַווען אַ יובילײ, אין וועלכן עס וועט זיך באַ־טייליקן די גאַנצע מוזיקאַלישע וועלט, און — אַז מען וועט אים באַגריסן אַלס דעם גרעסטן טענאָר.

אַ הי־געבוירענער און געבילדעטער זינגער, איז טאָקער באַזונדערס שטאָלץ, וואָס מען האָט אים באַערט אַלס „קאָמענדאַטאָר" אין דעם אָרדער פון דער איטאַליענישער רעפּובליק, און וואָס איז, ווי אַ ייִד, באַשטימט געוואָרן צו זינגען אין סעינט פּעטריקס קאַטידרעל ביי דער לוויה פון ראָבערט קענעדי.

פאַר די 25 יאָר וואָס ער איז טענאָר אין מעטראָפּאָליטען אָפּערע הויז, האָט ער געשפּילט 28 הויפּט־ראָלן אין אָפּערעס.

ס׳איז טאַקע ווי אַן אמתע געשיכטע „טויזנט און איין נאַכט", וואָס האָט געקאָנט זיך פאַרלויפן „בלויז אין אַמעריקע". ריטשאַרד טאָקער האָט צום

ערשטן מאָל געזונגען אין עלטער פון זעקס יאָר, אַלס אַן אַלטאָ אין דער אַלען סטריט שול.

טאָקער האָט געלערנט אין דער ניו יוטרעכט האַי־סקול, וו ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין פוטבאָל, בעיס־באָל, און בעסקעט־באָל. דער יונגער ראובן האָט באַקומען אַ דזשאָב אַלס אַ „ראָנער" פאַר אַ וואָל־סטריט בראָ־קערידזש אָפיס. דאָס, צוזאַמען מיט פינף דאָלאַר, וואָס ער האָט פון צייט צו צייט געמאַכט פון זינגען ביי חתונות און בר־מיצוות. שפּעטער האָט ער געהאַט אַ סילק לייַנינג ביזנעס, וואָס ער האָט געפירט אין מאַנהעטנס פו־טער צענטער מיט קאַפּיטאַל, וואָס פריינד האָבן אים אַנטליען. מיט די געל־טער האָט ער געצאָלט פאַר געזאַנג שטודיעס. ער האָט אָבער ניט געשטרעבט צו מעטראָפּאָליטען אָפּערע סטאַריזם, נאָר צו חזנות אין אַ שול. זיין ציל איז גאָר אין גיכן דערגרייכט געוואָרן, ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט צום אויבן־אָן פון דעם ברוקלין דזשואיש סענטער. פּאָול אַלטמאַן, דער מעטראָפּאָליטען אָפּערע טענאָר האָט אים אָבער איינגעשמועסט, אַז זיין מערקווירדיקע שטי־מע קאָן געניצט ווערן צו „זינגען צום אויבערשטן אַ ניי ליד" אין די גרויסע מוזיקאַלישע ווערק פון ווערדי און פּוטשיני.

אין אַ פּראַקטיקער נאַכט, אין יאַנואַר, 1945, איז דער יונגער חזן, אומ־באַקאַנט, אויפגעטראָטן אויף דער בינע פון ניו־יאָרק מעטראָפּאָליטען אָפּערע הויז און גלייך ביים ערשטן אויפטריט אַרויסגערופן אַ באמת פייער־לעכע אָוואַציע.

אין זיין קאַריערע האָט טאָקער שטענדיק געצויגן די גרעסטע אויפ־מערקזאַמקייט אַלס זינגער. ער איז געווען דער סטאַר אין זעקס דערפּע־נונגס פאָרשטעלונגען אין מעטראָפּאָליטען; אויסגעקליבן געוואָרן צו דער־עפענען לינקאָלן צענטער, אַלס סאָליסט צו לענאַרד בערנשטיין און די ניו־יאָרק פילהאַרמאָניק; ער האָט געזונגען די סטאַר ספּענגלד־בענער פאַר דער אָפיציעלער דערעפענונגס צערעמאָניע פון דער 1945—1964, ניו־יאָרק וואָירלדס פעיר. ער איז געווען דער ערשטער סטאַר פון דער אָפּערע און קאָנצערט־וועלט צו באַזוכן דעם וויעטנאַם פראָנט, ער האָט אָנגעפירט די 1967 פּסח סדרים אין סייגאָן און געגעבן קאָנצערטן ביי מיליטערישע

פאַסטנס און שפּיטאָלן אין דער קריג־געגנט אויף אַ צוויי וואָכיקער רייזע וואָס ער האָט געמאַכט אויף זיין אייגענער הוצאה. אין דעם זעלבן יאָר, בעת ער האָט געגעבן קאָנצערטן אין ישׂראל, איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן אין די ישׂראל־אַראַבישע שלאַכטן און איז פאַרבליבן צו געבן פאָרשטעלונגען פאַר ישׂראל־סאָלדאַטן אויף די קאַמף־ליניעס. ווען ער האָט געזונגען צום ערשטן מאָל אין דעם גרויסן רוימישן אַמפיטעאַטער אין וועראָנאַ, האָט די פאַרוואַלטונג געדאַרפט אויסאַרבעטן 5 פאָרשטעלונגען פון „לאַ דזשיאָקאָנדאַ" אין צוויי וואָכן צייט און די וועראָנאַ איינוווינער האָבן אָנגעצונדן ליכט לכבוד טאָקערן אין אַלע לאָקאַלע קירכעס. ער האָט געזונגען אין דעם ווייטן אָריענט פאַר 250 טויזנט מענטשן, און פאַר 8 וואָכן צייט האָט ער אַרומגערייזט 50 טויזנט מייל אין דעם ווייטן מיזרח.

טראָץ זיינע זינגערישע אַקטיוויטעטן, איז טאָקער נאָך אַלץ גרייט פאַר אַ לעבעדיקער געים פון בעיסבאָל אָדער פוסבאָל אויף אַ היגטערשטן „לאָן" פון זיין הויז אין אַ זונטיק. ער האָט אַנדערע אינטערעסן אויסער אָפּערע, ווי גאָלף, פּאָוקער, האַנדלען מיט סטאָקס און באָנדס און ריעל עסטעיט. אין זיינע אַלע הויפּט „האָביס" זיינען זיינע אינטימסטע פריינד ניט מיטגלידער פון דער וועלט פון די קונסטן פון „קאַפּעי סאָסייעטי", נאָר מיינסטנס לאָנג איילענד שכנים און אַלע פריינד פון דעם גאַרמענט צענטער מיט וועמען ער האָט ליב צו פאַרקאָשערן די אַרבל און עסן בלינצעס און קאַרטאָפל־לאַטקעס, אין אַ סעקאָנד עוועניו מילכיקן רעסטאָראַן.

איינע פון ריטשאַרד טאָקערס היימען געפינט זיך אין לאָנג איילענד.

עטלעכע טעג ערב דער דערעפענונג פון דעם מעטראָפּאָליטענס 1967—1968 סעזאָן, האָט מעיאָר דזשאָן לינדזי פּרעזענטירט ריטשאַרד טאָקערן מיט דעם הענדל מעדאַליאָן, די ערשטע קולטורעלע באַלוינונג, „צום טענאָר אַלס אָנערקענונג פאַר זיינע דערגרייכונגען אין די מוזיקאַלישע קונסטן און געווידמעט די קונסטן פון דער דינסט צו דער מענטשהייט". ער האָט אויך באַקומען אַן אויסצייכענונג פון „קינסטלערישער און קולטורעלער באַלוינונג" פון דעם בני־ברית. ער איז באַצייכנט געוואָרן „ערן גאַ־

ווערנאָר פון לאָנג איילענד״ און אַ יערלעכן „ריטשאַרד טאָקער טאָג״ אין ברוקלין.

פון די 28 הויפּט־ראָלן, וואָס טאָקער האָט געזונגען ביז איצט אין דעם מעטראָפּאָליטען, איז זיין ליבלינג־ראָל דיי גריע אין „מאַנאָן לעסקאָ״. זיין גרעסטע אַמביציע איז צו זינגען דעם פּאַטריאַרכאַלישן אליעזר אין „לאַ זשוויוו״ אויף דער בינע פון מעטראָפּאָליטען.

ניט אויסצורעכענען דעם כּבוד און די ליבע וואָס ריטשאַרד טאָקער האָט באַקומען פון דער קינסטלערישער וועלט זינט ער איז אַריינגעטראָטן אין מעטראָפּאָליטען. ער האָט געבראַכט כּבוד צו אַמעריקע און כּבוד צו זיין יידישן פאָלק. קומענדיקע דורות וועלן זיך בענטשן מיט אים.

יאַנואַר, 1970

דריי טעאַטער סטאַרס זיינען זיי געווען

פאַר די קנאַפּע 45 יאָר, וואָס איך בין פאַרבונדן מיטן „פאָרווערטס", האָב איך איבער 33 יאָר געדינט אַלס טעאַטער־רעדאַקטאָר פאַר דער גרויסער צייטונג. אַלס טעאַטער־רעדאַקטאָר, האָב איך זיך געטראָפן און זיך באַפריינדעט מיט אינטערעסאַנטע און טשיקאַווע קינסטלער. וועגן אייניקע פון זיי וועל איך דערציילן.

א. אַלעקסאַנדער גראַנאַך

מיט אַלעקסאַנדער גראַנאַכן בין איך געווען באַפריינדעט גלייך ווי ער איז אַראָפּ פון שיף. ער איז געווען דער אַקטיאָר פון גרויסע דראַמאַטישע זשעסטן, פון גרויסע געשרייען אויף דער בינע, פון ברייטע מאַנירן. ער האָט געהאַט טאַלאַנט און ער האָט זיך באַליבט געמאַכט מיט זיין אָפנהאַרציקייט.

ער האָט, אָבער, ניט נושׂא־חן געווען ביי דער קריטיק.

עס האָט מיר געריסן דאָס האַרץ פאַר אים. איך האָב געוווּסט ווי אַנטוישט ער איז, וויפל ביטערקייט עס האָט זיך געזאַמלט ביי אים אין האַרצן. האָב איך אים געזוכט מקרב צו זיין און מאַכן אים פאַרגעסן זיינע ליידן.

ווען ער איז צום ערשטן מאָל צוריקגעפאָרן קיין דייטשלאַנד, האָט ער מיר פון שיף געשיקט אַ בריוול, אין וועלכן ער האָט געשריבן, אַז ער פאָרט אַוועק פון אַמעריקע ווי פון אַן אומאַנגשטענדיקן הייזל. דאָס איינציקע אָרט, ווו ער האָט זיך געפילט היימיש און באַרויִקט, איז געווען אין מיין היים, וועלכע ער וועט קיין מאָל ניט פאַרגעסן.

דאָס צווייטע מאָל איז ער געקומען קיין אַמעריקע ביים סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער האָט שוין געהאַט דורכגעמאַכט גלות־רוסלאַנד און וועגן דעם האָט ער ניט געוואָלט ריידן.

צו ערשט האָט ער זיך באַזעצט אין האָליוווּד, ווו ער האָט געהאַט אַ ביסל „אַרבעט" און נאָך דעם איז ער געקומען קיין ניו־יאָרק, ווו ער האָט געשפּילט די הויפּט־מענער־ראָל אין „עי בעל פאַר אַדאָנאַ". מיר פלעגן זיך אָפט טרעפן אין אַ קאַפע און לאַנג שמועסן. ער האָט זייער ליב געהאַט ייִדיש, ייִדיש טעאַטער און ייִדישע קולטור.

עס איז געווען זומער־צייט און מיר האָבן אָפּגעמאַכט, אַז זונטיק, ווען ער איז פריי, זאָל ער קומען צו אונדז פאַרברענגען דעם טאָג אין ראָקאַוועי פּאַרק. דאָס איז געווען מאָנטיק און זונטיק בין איך געגאַנגען צו זיין לוויה.

ער האָט געקראָגן אַן אַטאַקע אויף אַפּענדיסיטיס. דער דאָקטאָר האָט אים געראָטן גלייך גיין אין שפּיטאָל. ער האָט, אָבער, עס אָפּגעלייגט צוליב דער ראָל, און פּלוצעם פרייטיק איז ער געשטאָרבן.

ב. אַלעקסאַנדער סאַנין

אַלעקסאַנדער סאַנין איז געווען אַ מאַן אין די עלטערע מיטעלע יאָרן, ווען איך האָב זיך מיט אים באַקענט. אים האָט געבראַכט קיין ניו־יאָרק גאַטי קאַזאַזאַ, דער מענעדזשער פון דעם מעטראָפּאָליטען אָפּערע הויז. סאַנין איז געקומען אַהער אויף אַ צוויי־יאָריקן קאָנטראַקט, אַלס רעזשיסער.

ס'איז געווען דעמאָלט, ווען מיין פרוי איז געווען אַ מיטגליד, אַן ערש־טע טענצערין, אין דעם מעטראָפּאָליטען באַלעט. סאַנין האָט קוים גערעדט ענגליש. ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז איר מאַן רעדט רוסיש, האָט ער איר געזאָגט, אַז ער וויל זיך זייער טרעפן מיט מיר, און זי האָט אים איינ־געלאַדן אויף אַ דינער. „אפשר געפילטע פיש?" — האָט ער איר מיט נייגעריקייט געפרעגט.

„גוט, אויב איר ווילט געפילטע פיש, וועל איך עס האָבן ספּעציעל פאַר אייך", האָט זי פאַרזיכערט.

ווען ער איז געקומען צום דינער, האָט זי געהאַט אויפן טיש אַ גרויסע פּאָרציע געפילטע פיש, וואָס זי האָט באַשטעלט ביי ראַטנערן אין רעס־טאָראַן.

דער גוי האָט זיך פשוט מחיה געווען מיטן מאכל.

פון דעמאָלט אָן פלעגט ער אַמווייניקסטן צוויי מאָל אַ וואָך קומען צו אונדז עסן געפילטע פיש.

ער האָט זייער שטאַרק געטאַדלט מיין ווייב, פאַר וואָס זי גיט זיך ניט אָפּ מיט ייִדישע טענץ. ווען אַלע גרויסע קינסטלער, האָט ער געזאָגט, וואָלטן זיך אָפּגעגעבן מיט זייער אייגענעם פאָלק, וואָלט דאָס ייִדישע פאָלק געגעבן דער וועלט די גרעסטע קונסט־ווערק. און ער פלעגט ריידן וועגן גרויסע רוסישע קינסטלער, וועלכע זיינען געווען ייִדן.

אויף מיין פרוי, ווייס איך, האָבן זיינע רייד געמאַכט אַן אומגעהייערן איינדרוק. ווען זי האָט שפּעטער גענומען שאַפן די ייִדישע טענץ, איז עס געווען אונטער זיין איינפלוס. ער איז געווען דער רעזשיסער פון דער אָפּע־רע און האָט געהאַט אַ שאַרף אויג און אַ זעלטענעם געשמאַק.

שפּעטער, ווען זיין קאָנטראַקט האָט זיך געענדיקט, איז ער אַוועקגע־פאָרן קיין איטאַליע.

ערשט נאָך דעם ווי ער איז אַוועקגעפאָרן, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער איז געווען אַ משומד. אָבער ניט אַ משומד צוליב געלט אָדער צוליב רום, נאָר ווייל ער האָט געגלייבט אין יעזוסן.

ער האָט געמוזט שטאַמען פון אַן אַלטער ייִדישער משפחה, ווייל ער האָט געערעדט מיט דער גרעסטער ליבשאַפט וועגן ייִדן און וועגן ייִדישקייט.

אָבער איך האָב קיין מאָל ניט געקאָנט פאַרשטיין דעם ווידערשפּרוך אין זיין נשמה.

איך האָב געהערט, אַז ער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן און איז באַערדיקט געוואָרן אויף אַ קריסטלעכן בית עולם.

חיים עהרענרייך

ג. וועניאַמין ניקולין

איך בין זיך מודה און מתוודה, אַז איך האָב וועניאַמין ניקולין ליב געהאַט אהבת נפש. ער איז געווען מיט דרייסיק יאָר עלטער פון מיר און ער איז געווען מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים אַ טעאַטראַל.

אין זיין אויסזען איז ער געווען ענלעך צו אַ גראַף — אַזוי אַריס־טאָקראַטיש האָט ער אויסגעזען. ער האָט אָנגעהויבן זיין טעאַטער־קאַריע־רע אויף דער רוסישער בינע און איז ביסלעכווייז פון שוישפּילעריי אַרי־בער צו אַדמיניסטראַציע.

כדי צו קאָנען זיך פריי באַוועגן איבער דער גרויסער רוסישער אימ־פּעריע, ניט דאַרפן ציטערן פאַר די רוסישע טשינאָווניקעס, האָט ער זיך געשמדט.

ווען די „הבימה״ איז אין אָנהייב פון די 20ער יאָרן אַרויסגעפאָרן פון רוסלאַנד, איז ער מיטגעפאָרן אַלס מענעדזשער פון דער טרופּע. ווען די טרופּע איז אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד, האָט ער, קודם כל, זיך צוריק מגייר געווען.

דאָ, אין ניו־יאָרק, איז ער שוין פאַרבליבן ביז דעם סוף פון זיינע יאָרן, כאָטש געשטאָרבן איז ער אין לאָס אַנדזשעלעס, אין הויז פון איינעם פון זיינע פיל קינדער. זיי זיינען אַלע, חוץ דעם עלטסטן, וועלכער האָט אויך געהייסן וועניאַמין, געבוירן געוואָרן פון קריסטלעכע מאַמעס און זיינען דערצויגן געוואָרן ווי קריסטן.

זיין טאָכטער, די באַוווסטע רוסישע אַקטריסע טאַמאַראַ, וועלכע איז פאַרהייראַט צו דעם באַוווסטן אַקטיאָר, אַקים טאַמיראָוו, האָט איר טאַטנס ליבלעכע פערזענלעכקייט און אויך שׂכל.

ניקולינס גרעסטע שוואַכקייט איז געווען פרויען. אָבער ניט מיט גראָ־בער ליידנשאַפט האָט זיך זיין פאַרערונג אויסגעדריקט. די פרוי איז פאַר אים געווען דער סימבאָל פון פרייד און גליק. כּל־זמן ער איז געווען אין ניו־יאָרק האָט ער זיין ליבע אַוועקגעשענקט אין גאַנצן אַ מיידל פון אַ העלפט פון זיין עלטער, וועלכע ער האָט פאַרוואָרפן מיט צירונג, וואָס

ער האָט מיטגעבראַכט פון רוסלאַנד. ער האָט איר געבעטן מיט אים חתונה צו האָבן און זי האָט עס אַלץ אָפּגעלייגט פון יאָר צו יאָר.

ווען ער איז געווען אין טיפן עלטער פון עטלעכע און אַכציק יאָר, האָט ער דורכגעמאַכט אַ שווערע אָפּעראַציע. נאָך דעם האָט ער זיך אַריי־בערגעקליבן צו איינעם פון זיינע זין אין האָליוווד און דאָרט האָט ער פאַרענדיקט זיין לעבן.

איך האָב זיך אָפט געטראָפן מיט אים, מיטן קלוגן, דערפאַרונגסרייכן מענטשן.

איין מאָל, זיצנדיק אַזוי אויפן „פּאַרטש״ פון מיין היים אין ראַקאָוועי פאַרק, זיינען דריי מיידלעך פאַרבייגעגאַנגען, מער אויסגעטאָן ווי אָנגע־טאָן, צום ים צו. ניקולין האָט זיי פשוט געשלונגען מיט די אויגן. דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט צו מיר און מיט אַ קרעכץ געזאָגט:

„איי, די יוגנט, די יוגנט. ווען די יוגנט וואָלט נאָר געוווסט וואָס זי קאָן, אָדער ווען די עלטער וואָלט נאָר געקאָנט וואָס זי ווייסט — ווי גוט עס וואָלט דעמאָלט געווען!״

ווען איך האָב אים געזען צום לעצטן מאָל אין האָליוווד, אַן אַל־טישקן, האָב איך געוווסט, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך זע אים. ער איז געלעגן אויפן בעט און האָט ניט אַרויסגעלאָזט מיין האַנט פון זיינער. מיר האָבן ביידע געוווסט, אַז מיר געזעגענען זיך... אָט דער קלו־גער ניקולין...

ווּ נעמט מען אַ „קאָפּ"?

איינאַקטער

פון חיים עהרענרייך

ווּ נעמט מען אַ „קאָפּ"?

(אײנאַקטער)

פּערזאָנען:

דימענשטײן	— סיטי־עדיטאָר פון „פרימאָרגן"
שאַרפמאַן	— מענעדזשער פון „פרימאָרגן"
גאָרמאַן	— מענעדזשינג עדיטאָר
פעלדמאַן	— אַ טויבער שרײבער
קלײנבערג	— אַ הינקעדיקער שרײבער
שײנמאַן	— אַ שרײבער
קורצבערג	— אַ שרײבער
גאָלדפעלד	— אַ שריפטזעצער

פאָרמאַן פון שריפטזעצער
אַ ייִדענע
אַ סטענאָגראַפיסטקע
אַ פאָטאָגראַפער
קאָפּי באָיס, זעצער, פאָליסלײט, א.אַז.וו.

נײעס־צימער אין רעדאַקציע פון „פרימאָרגן". זעקס אַזײגער פאַרטאָג. די צײטונג דאַרף באַלד גײן צום דרוק. שרײבער זיצן בײ די טישן און אַרבעטן. די „טיקער" מאַשין אַרבעט. קאָפּי־באָיס גײען אַרײַן און אַרויס. ס׳הערשט אַ הו־האַ, אַ נערוועזע אָנגעשטרענגטקײט. פון דרויסן דערטראָגט זיך דער גערויש פון זעץ־מאַשינען. טעלעפאָנען קלינגען.

דער סיטי־עדיטאָר, דימענשטײן, זיצט בײ זײַן טיש אַרומגערינגלט מיט אַ באַרג צײטונגען, „קליפּינגס", פּאַפּירן, אַזוי ווי ער וואָלט געשווומען צווישן זיי. אין דער רעכטער האַנט האַלט ער אַ גרויסע שער מיט וועלכער ער שנײדט שטיקער פון צײטונגען און פון „קאָפּי" וואָס די ייִנגלעך טראָגן אים אונטער. ער איז זײער נערוועז.

אין סיטי־רום רעדט מען ניט, נאָר מען שרײַט. בכלל פעלט דאָ יעדער סימן פון אײדלקײט און העפלעכקײט. ס׳איז אַ צײטונג...

שאַרפּמאַן: (שטייט לעבן דימענשטיין)

מיר מוזן האָבן היינט אַ „סטרימער״. ס׳איז זומער און מען מוז אונ־טערוואַרעמען דעם עולם מיט גרויסע „העדלאַינס״.

דימענשטיין:

אָל־רייט, מר. שאַרפּמאַן, איר ווילט אַ„סטרימער״, וועט זיין אַ סטרי־מער. די זעצער זאָלן נאָר וועלן זעצן דעם נייעם „טאַיפּ״.

שאַרפּמאַן:

אַי׳ל אַטענד טו איט. זיי וועלן נוצן דעם נייעם „טאַיפּ״. (גייט אַרויס).

פעלדמאַן: (אַ טויבלעכער)

וואָס האָט ער געוואָלט ?

דימענשטיין:

אַ „סטרימער״.

פעלדמאַן:

אַ וואָס ?

דימענשטיין: (שרייט)

אַ „סטרימער״, אַ „סטרימער״.

פעלדמאַן:

טאָ זאָגט זשע אַ רימען, וואָס דאַרפט איר שרייען ? פּונקט ווען עס פאַלט פון די הענט, קומט ער באַדערן וועגן אַ רימען. אַ רימען גאָר... אַ מענעדזשער קאָן זיך אַלץ דערלויבן.

פאָרמאַן פון שריפטזעצער: (קומט אַריין צום סיטי־עדיטאָר)

נו, ווו איז דער קאָפּ ? גיט מיר אייער קאָפּ !

דימענשטיין:

איך האָב נאָך צייט. און אַז מען איז אַ פאָרמאַן פון די שריפטזעצער דאַרף מען יאָגן מענטשן ווי שקלאַפן ?

פאָרמאַן:

ס׳איז שוין האַלב נאָך זעקס. מירן באַלד גיין צום פּרעס. וואָס ווילט איר זיך ?

דימענשטיין:

כ׳דאַרף האָבן אַ „סטרימער״, אַ קאָפּ איבערן גאַנצן פּעידזש.

פּאַרמאַן:

ס׳פּעלט אייך אַ קאָפּ? שטעלט אַוועק „רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד, היטלער געפאַלן״.

דימענשטיין:

אַ דאַנק פאַר דער עצה, ער איז דאָך אָבער ניט געפאַלן.

פּאַרמאַן:

וועט ער פאַלן. דערווייל האָט איר אַ קאָפּ. דער עולם וועט זען „היטלער״, „רעוואָלוציע״, וועט ער כאַפּן דעם „פּרימאָרגן״.

(טעלעפאָן קלינגט)

דימענשטיין:

פעלדמאַן, ענטפערט דעם טעלעפאָן.

פּאַרמאַן: (שרייט צו פעלדמאַן און ווייזט אויפן אויער)

טעלעפאָן! טעלעפאָן!

פעלדמאַן: (נעמט טעלעפאָן)

העלאָ, העלאָ. ווער? הו? העכער, מען קאָן אייך ניט הערן. וואָס? ווער? האָ? ווער, ווער? אָה, בראַכמאַן? טאָ וואָס זשע זאָגסטו ניט?... וואָס איז, בראַכמאַן? רעד העכער, אַ בראָך צו דיר! אַ סענסאַציע? יע... וואָס איז? 25 ייִדן דערטרונקען אין — ווו? אין וואַסער? אין אַ טערקישער באָד? וואָרט, וואַרט... (צו דימענשטיין) 25 ייִדן דערטרונקען אין אַ טערקישער באָד!

דימענשטיין: (מיט פרייד)

וווּנדערבאַר! 25 ייִדן! אויסגעצייכנט! אָט האָבן מיר אַ קאָפּ, אַ באָמבע!

(שרייבט).

פעלדמאַן: (אין טעלעפאָן)

יע, וואָס ? האַ ? הו ? ווהאַט דו יו סעי ? וואָס ? דימענשטיין ? (צום סיטי עדיטאָר) ער וויל צו אייך ריידן.

דימענשטיין : (כאַפּט דעם טעלעפאָן)

יעס בראַכמאַן, די בייעס איז אויסגעצייכנט... 25 ייִדן דערטרונקען, וווּנדערבאַר ! מיר מאַכן אַן אַכט־קאָלומדיקן קאָפּ... וואָס ?... (זיין שטימע פאַלט) וויפל ? וואָס רעדט איר ? וויפל ייִדן דערטרונקען ? דריי ייִדן ? כ׳האָב זיי אין דר׳ערד... כ׳האָב דיך אין דר׳ערד און כ׳האָב די טויבע לאָך אין דר׳ערד... העננגט אויף דעם טעלעפאָן מיט כּעס) הער אַ מעשׂה... גאָר דריי ייִדן... (צערייסט דעם קאָפּ וואָס ער האָט אָנגעשריבן) נאָט — (צום פאָרמאַן) מאַכט זיי אַ דאָבל־קאָלום, בלויז דריי ייִדן... (שרייט צו שיינמאַנען אין אויער) מאַכט די בייעס וועגן די דריי ייִדעלעך... בלויז דריי.

שיינמאַן : (לויפט פון דעם טיקער מיט אַ ראָל פּאַפּיר)

דימענשטיין, מיר האָבן אַ סענסאַציע. (לעזט פון פּאַפּיר) אַ האַלב מיליאָן כינעזער אומגעקומען אין פּעקינג. אַ האַלב מיליאָן ! מאַכט אַן אַכט־קאָלום־דיקן קאָפּ.

דימענשטיין : (קוקט אים אָן מיט רחמנות און כּעס)

עפּעס וואַרפט איר זיך מיט אַכט־קאָלומדיקע ביי מיר, וואָס איז ביי אייך די גדולה אַזוי ?

שיינמאַן :

אַ האַלבן מיליאָן כינעזער ! אַ ה אַ ל ב מיליאָן !

דימענשטיין :

כ׳האָב זיי אין דר׳ערד. נו איז וואָס אַז אַ האַלב מיליאָן ? וואָס איז ביי אייך די שׂימחה אַזוי ? ווו דענקט איר אַרבעט איר, מר. שיינמאַן ? דאָ איז דער „פרימאָרגן״ און ניט דער „פאָרווערטס״. ביי אונדז איז אַ האַלב מי־ליאָן כינעזער קיין יום־טוב ניט. אָט ווען עס קומט אָן אויפן טיקער, אַז אַ האַלב מיליאָן ייִדן זייענען אומגעקומען — דאָס איז עפּעס אַן עסק ! שוין צייט איר זאָלט ווערן אַ מענטש, שיינמאַן ! איר אַרבעט ניט אין „פאָר־ווערטס״ נאָר אין „פרימאָרגן״, די ייִדישע נאַציאָנאַלע פּעיפּער. מיר קעי־

טערן צו ייִדן און ניט צו כינעזער. ווען עס שטאַרבן אויס אַ האַלב מיליאָן ייִדן, אָה, דאַן גיב איך זיי אַוועק מיט פלעזשור גדול, ניט נאָר דעם פּראָבנט פּעידזש, נאָר דעם גאַנצן „פּרימאָרגן", אָבער כינעזער! מיר זיינען אַ נעשאַנעל פּעיפּער, מר. שיינמאַן! מיר זיינען ניט קיין „פאָרווערטס".

שיינמאַן:

איז, הייסט דאָס, ניט?

דימענשטיין:

העף עי מיליאָן כינעזער — גיט זיי פיר אינטשעס. (בלייבט זיצן פאַר־צווייפלט) ווו נעמט מען אַ קאָפּ? אוי, מיין קאָפּ!

קורצבערג: (אַ שרייבער וואָס ווערט שטאַרק באַווירקט פון די נייעס וואָס ער שרייבט. רעדט און מאַכט גרימאַסן צו זיך אַליין)

וואָס שוויגט דער ייִדישער קאָנגרעס?!

פּאַרמאַן:

וועט זיין אַן אַ „סטרימער". מאַכט צוויי־דריי קאָלומדיקע מיט אַ באָקס אין מיטן. דער עולם האָט ליב אַ באָקס, גיט אים אַ באָקס.

דימענשטיין:

שאַרפּמאַן וויל אָבער אַ „סטרימער", האָט מיר אָט ערשט אָנגעזאָגט, אַז ער וויל אַ „סטרימער", ווייל ס'איז שוין הייס און מען דאַרף הייבן די סירקולעישאַן.

פּאַרמאַן:

מען דאַרף דאָך אָבער גיין צום פּרעס... מען מוז מאַכן די טרעין...

פעלדמאַן:

דימענשטיין, אַ ייִדענע האָט געהאַט אַ צווילינג אין אַ גראָסערי...
(קומט צו מיט אַ ראָל פּאַפּיר פון טיקער)

דימענשטיין:

אַ צווילינג? זאָל זי זיי דאָרט קאָמענען... וועהאָט'ס דהי מעטער וויט יו? אַ צווילינג איז ביי אייך אויך נייעס? אפשר געבן אַן אַכט־קאָלומדיקן קאָפּ?!

פעלדמאַן:

ווער וויל אַן אַכט־קאַלומדיקן קאָפּ? ס'איז ניט מיין צווילינג...

קורצבערג:

פאַר וואָס רופט זיך ניט אָפּ ענגלאַנד?!

(טעלעפאָן קלינגט. שיינמאַן ענטפערט)

שיינמאַן:

העלאָ! יעס, דהיס איז די „פּרימאָרגן״!... אינפאָרמעישן. אַזוי פרי דאַרפט איר שוין אינפאָרמעישאַן? וואָס ווילט איר וויסן? מעיק איט קוויק, ווער גאָינג טו פּרעס! וואָס? ווען פאַלט היי־יאָר ראש־השנה? דזשאָסט עי מיניט. סעי, דימענשטיין, ווען איז ראש־השנה?

דימענשטיין:

איטס נאָט עי העדלאַין! באַדער ניט.

שיינמאַן: (אין טעלעפאָן)

האָלד אָהי וואַער! (גייט צום צווייטן טעלעפאָן, קלינגט אָן) געט מי דהי ניו יאָרק טאַימס, ניו יאָרק טאַימס. (וואַרט).

פאָרמאַן: (צו דימענשטיין)

פאַר וואָס שיקט איר ניט אַרויס אַ רעפּאָרטער?

דימענשטיין:

אַרויסגעשיקט דעם פלינקסטן רעפּאָרטער וואָס מיר האָבן. שוין צוויי שעה ווי קליינבערג איז אַוועק צום פייער אין רידזש סטריט און ניט מען הערט פון אים, ניט מען זעט אים...

פאָרמאַן:

ווער? קליינבערגן? (סקעפּטיש) מילא...

שיינמאַן: (אין טעלעפאָן)

טאַימס אינפאָרמעישאַן דעפּאַרטמענט! העלאָ אינפאָרמעישאַן דע־פּאַרטמענט? סעי, טעל מי ווען איז ראָשאַשאָנאָ? יו נאָו, דהי דזשואיש האָלידעי, ראָשאַשאָנאָ... יו דאָנט נאָו? קאָנעקט מי וויט פּעט מאַהאָני... העלאָ פּעט? דהיס איז דזשעק, דזשעק שיינמאַן... סעי פּעט, דו מי אַ

פעיוואָר, סאָם אָלד מען איז באַדערינג מי, הי מאָסט נאָו וועהן ראָשאַשאַנאַ איז... בי עי גוט באַי ענד לוק אַפּ... וויל יו? אָלרייט... איל האָלד...

קורצבערג:

ווו איז איצט דר. הערצל? ווו נעמט מען משה רבנו?

שיינמאַן:

וועהן? מאָנדעי ענד טיוזדעי, סעפּטעמבער 10 ענד 11?... טהענקס, אָלד באַי... גיוו מי עי רינג וויל יאָ? סאָו לאָנג. (הענגט אויף, גייט צו צום צווייטן טעלעפאָן) העלאָו, ראש־השנה פאַלט אויס מאָנטיק און דינסטיק, דעם 10טן און 11טן סעפּטעמבער... ווען יום כיפּור איז? הערט ר׳ ייִד, יום כיפּור איז צען טעג נאָך ראש־השנה, יע... פאַרדרייט זיך אייער אייגענעם קאָפּ... סוכּות? רופט אָפּ ראש־השנה וועל איך אייך זאָגן ווען סוכּות איז... מיר האָבן נאָך ניט באַשלאָסן ווען סוכּות זאָל זיין, גודבאַי... (הענגט אויף).

גאָרמאַן: (מענעדזשינג עדיטאָר קומט אַריין. אַ מענטש מיט אַ שטרענגן געזיכט און גלעזער אויפן שפּיץ נאָז. ער טוט די גלעזער אָן און אויס. אין האַנט טראָגט ער אַ קאָפּיע פון „פרימאָרגן״ — איז אויפגעבראַכט).

ווער האָט דאָס געשריבן די נייעס וועגן וועגן דעם פּאָגראָם אין ליבעריע?

דימענשטיין:

וואַי, וואָהט׳ס דהי מעטרע מר. גאָרמאַן? עפּעס ניט גוט?

גאָרמאַן:

עפּעס ניט גוט?! הערט אַ לשון! (לעזט) „די נפקא־מינה צווישן אַ נעגער פון ליבעריע און אַ נעגער פון אַמעריקע איז אַ גרויסע...״ ווי געפעלט אײַך אַ לשון? נפקא־מינה? ווו מיינט איר, גייט אַרויס דער „פרימאָרגן״ אין ניו־יאָרק, צי אין שניפּעשאָק? האָט איר דאָ אַמאָל געהערט אַזאַ וואָרט ווי נפקא מינה (שטעלט אָפּ אַ קאָפּי־באַי) העי באַי, דו יו נאָו וואָט נפקא מינה מינז?

באַי:

נפקה...? אַי הוירד אָוער נעקסט־דאָר קאָל הער נעיבאָר... באָט אַי דאָנט נאָו וואָט איט מינז...

גאַרמאַן :

נו, איר זעט ? וואָס הייסט מען נוצט אין „פּרימאָרגן״ אַזאַ וואָרט... און מען קאָן עס נאָך מיאוס אויסטייטשן אויך. (גאָלדפעלד, אַנגעטאָן ווי אַ זע־צער, קומט אַריין) אָט איז מר. גאָלדפעלד, פרעגט ביי אים... מר. גאָלדפעלד איר האָט דאָ געהערט אַזאַ וואָרט ווי נפקא מינה ? (גאָלדפעלד קוקט אויפן מענעדזשינג עדיטאָר און ווייסט ניט צי זאָל ער זאָגן יע אָדער ניט) איר ווייסט וואָס נפקא מינה מיינט ?

גאָלדפעלד :

ס׳עפּעס אַ טערקיש וואָרט...

גאַרמאַן : (מיט נצחון)

נו ? ! איר זעט ! (מיט כּעס) ווער האָט געשריבן די נייעס ?

דימענשטיין : (וויל באַשיצן דעם שרייבער)

ווער קאָן געדענקען ? ס׳איז אַ נעכטיקער „פּרימאָרגן״...

גאַרמאַן :

געפינט אויס... כ׳קאָן אַזאַ לשון אין אַ יידישער נאַציאָנאַלער צייטונג ניט דערלויבן...

גאָלדפעלד :

שור... אַזאַ שרייבער דאַרף מען פאַיערן... הער אַ שפּראַך... אַלס אַ לעסאָן מוזט איר עמעצן פאַיערן, מר. גאַרמאַן...

גאַרמאַן :

וועמען וועט איר דאָ פאַיערן, מר. גאָלדפעלד ?

גאָלדפעלד :

וואָס איז די נפקא־מינה וועמען ? אַ שרייבער איז אַ מיצווה צו פאַי־ערן... זיי האָבן ניט קיין יוניע...

גאַרמאַן : (גייט אַרויס לעזנדיק די נייעס, און הייבט צאַרנדיק מיט די פּלייצעס).

גאָלדפעלד :

אַבי ער איז אַוועק איז אָל־רייט... (צו דימענשטיין) נו, וואָס איז מיט אַ קאַפּ ? גיט מיר אייער קאַפּ... אָבער אַזוי אַ גוטן קאַפּ, וועט אַרויס אַ פּעי־דזשעלע גנב, אַז דער „פּרימאָרגן״ וועט ווערט זיין אַ קוואָדער...

שוינמאַן:

יִדן, כ׳האָב עס... דריי טויזנט עסטרייכער דערשאָסן!

גאָלדפעלד:

דאָס אַלץ?

פאָרמאַן:

דריי טויזנט? מער ווי נעכטן.

דימענשטיין:

קיין קאָפּ איז עס ניט.

גאָלדפעלד:

שטעלט צו אַ נול, שטעלט צו אַ נול.

פאָרמאַן:

אפשר טאַקע מאַכן 30 טויזנט?

דימענשטיין:

קיינער וועט ניט גלייבן, ניטאָ דאַכט זיך אַזוי פיל מענטשן אין גאַנץ עסטרייך.

קליינבערג: (קומט אַריין. ער הינקט אויף אַ פוס און שפּאַרט זיך אָן אויף אַ קוליע.

פאָרמאַן:

אָט איז דאָך קליינבערג, אייער פלינקסטער רעפּאָרטער...

דימענשטיין:

נו, וואָס איז מיטן פייער אויף רידזש סטריט?

קליינבערג: (פאַלט אַריין אין אַ שטול און וואַרפט אַוועק די קוליע)

שלעכט...

דימענשטיין:

וויפל פאַרברענט?

קליינבערג:

ביטער... בלויז זעקס פאַרברענט, און אויך ניט אַלע זעקס, איינער לעבט נאָך...

דימענשטיין : (נעמט שרייען)

אַ פיינער רעפּאָרטער זייט איר... וואָס עפּעס זעקס ? וואָס עפּעס זעקס ? מער ווי זעקס קאָנען ניט ברענען ביי אייך ? ווּ וועל איך נעמען אַ קאָפּ... כ׳וועל דאָך פון זינען אַראָפּ...

קורצבערג :

פאַר וואָס טוט גאָרניט דאָס יידישע פאָלק ? !

יידענע : (קומט אַריין)

כ׳וויל פרעגן אַן עצה... (קיינער קוקט זיך אויף איר ניט אום. זי וואַנדערט אַרום הילפלאָז). ווּ גיט מען דאָ עצות ?

גאָלדפעלד :

הערט, מר. קליינבערג, די סטאָרי וואָס איר׳ט איבערגעלאָזן וועגן דעם גלח איז ניט געפינישט...

קליינבערג :

וואָס הייסט ניט „געפינישט״ ?

גאָלדפעלד :

אַ גלח שפּרינגט אַרונטער פון 17טן פלאָר און איר שרייבט ניט צי ער איז געשטאָרבן אָדער לעבן געבליבן ?

קליינבערג :

ווי רעכנט איר ?

גאָלדפעלד :

איך רעכן גאָרניט. (זוכט אויפן טיש דעם „פּרוף״, געפינט אים) אָט לעזט... (לעזט) „אין פּאַקעט ביים גלח האָט מען געפונען זיין אַדרעס. די לוויה, ווי עס מעלדעט זיין שוועסטער, וועט זיין מיטוואָך״. קיין איין וואָרט ניט צי ער לעבט אָדער ניט.

קליינבערג :

מען׳ט אים אַ לעבעדיקן באַגראָבן...

גאָלדפעלד :

נעוועַר מאַינד אייערע חכמות. אַ לעזער דאַרף מען אַלץ עקספּלעינען, אַ לעזער האָט קיין צייט ניט צו טראַכטן. דאָס דאַרפט איר טאָן.

קליינבערג:

סעי, מר. גאָלדפעלד, אפשר ווילט איר ווערן מענעדזשינג עדיטאָר ביי אונדז? איר קאָנט דאָך שוין בעסער לעקטשורן ווי גאַרמאַן. שאַרפּמאַן מעג די שטיוול פּוצן ביי אייך.

קאָפּי־באָי: (לויפט צו צום סיטי־עדיטאָר)

מר. שאַרפּמאַן איז קאָמינג עגען...

פאָרמאַן: (ווערט ביזי)

ווען, איך גיי אין קאָמפּאָזינג רום... כ׳בין ביזי...

(גייט אָפּ)

גאָלדפעלד: (רייניקט זיך אויס דעם נאָז מיט זיין פאָרטעך)

שאַרפּמאַן גייט? נו, כ׳דאַרף לויפן אין שאָפּ... ס׳פאַלט ביי מיר די אַרבעט פון די הענט...

פעלדמאַן:

אַ מיידל פאַרגוואַלדיקט פון דריי נעגערס...

קליינבערג:

מאַך בעסער אַ נעגער פאַרגוואַלדיקט פון דריי מיידלעך... (שרייבט) ביסט זיכער אַז פאַרגוואַלדיקט?

ייִדענע:

מיסטער, מיסטער, באָי (שטעלט אָפּ אַ קאָפּי־באָי) כ׳וויל פרעגן אַן עצה...

קאָפּי־באָי:

שפּעטער, ס׳איז צו פרי נאָך.

ייִדענע: (זוכט צו וועמען צוצוגיין. דערזעט קליינבערג, גייט צו אים צו).

מיסטער לעבן, כ׳דאַרף פרעגן אַן עצה... ווער גיט דאָ עצות?

קליינבערג:

אַיי מיסעס לעבן, מיר קאָנען זיך דאָ אַליין קיין עצה ניט געבן, ווילט איר אַז מיר זאָלן אייך עצהנען. אַזוי פרי, אויפן ניכטערן מאָגן ווילט איר שוין אַן עצה; וואָס ברענט ביי אייך?

יִדענע : (דערפרייט וואָס זי האָט ענדלעך צו וועמען צו ריידן)

וואָס שייך ברענט ? ברענען ברענט ניט, אָבער ביטער איז מיר איר פאַרשטייט, מיסטער שרייבער...

שיינמאַן : (פון טיקער)

דימענשטיין, מיר האָבן אַ קאָפּ... דאָלפוס האָט איבערגעלאָזט אַ צוואָה...

דימענשטיין : (פאַראינטערעסירט)

טאָקע ? וואָס פאַראַ צוואָה ?

שיינמאַן :

נאַ, כ׳האָב געמיינט אַז ס׳איז אַ צוואָה, ס׳איז גאָר עפּעס אַנדערש...

קורצבערג :

ווּ איז די יִדישע אַרבעטערשאַפט ? וואָס שווייגט מען ? !

קליינבערג : (צו דער יִדענע, ווייזט אָן אויף קורצבערגן)

גייט צו אים, ער גיט עצות.

יִדענע :

ער איז דאָך אָבער אַ קליינער אַזאַ.

קליינבערג :

וואָס דאַרפט איר אַן עצה, צי עפּעס אַנדערש ?

יִדענע : (אין ספק)

אָט דאָס גיט עצות ? מנע... (גייט צו קורצבערגן).

פעלדמאַן :

דילינדזשער האָט איבערגעלאָזט צוויי אַלמנות... איז דאָס אַ קאָפּ ?

דימענשטיין :

אַ קאָפּ אויף אַכט קאָלומס ?

פעלדמאַן :

ווי ? וואָס זאָגט איר ?

דימענשטיין : (אַן אויפגערעגטער)

גאָרניט... גאָרניט...

יידענע: (צו קורצבערגן)

מיסטער, כ׳דאַרף אַן עצה...

קורצבערג: (פאַרטאָן אין זיין אַרבעט)

המ... יע... און ווו איז די ליבעראַלע וועלט? ווו איז זי?

יידענע: (קוקט זיך אַרום)

וועמען רופט איר? (ער ענטפערט ניט, הייבט זי אָן) איר פאַרשטייט, מיין מאַן... שוין צען... יאָר ווי מיר זיינען פאַרהייראַט... אַזוי איז ער אַ פיינער מענטש... אַרבעט שווער... האַלט מיך אויס אין כבוד און אין עושר... אַ גוּטער מענטש... נאָר...

קורצבערג:

ברענען זאָל היטלער!...

יידענע:

אַט טאַקע אַזוי ווי היטלער... איר פאַרשטייט?... כ׳האָב אים טאַקע ליב... אָבער כ׳בין דאָך פאָרט אַ מענטש... שוין צען יאָר... און כ׳קאָן עס שוין מער ניט איבערטראָגן... איר פאַרשטייט, כ׳פיל אַז איך גיי אונטער... כ׳בין אַ געזונטע פרוי... איר פאַרשטייט?

שאַרפמאַן: (קומט אַריין, אַ פאַרנומענער מענטש)

סעי דימענשטיין, וואָס איז דער מער? מירן פאַרשפּעטיקן די טרעין... פאַר וואָס גייט איר ניט צום פרעס?

דימענשטיין:

מר. שאַרפמאַן, ס׳פעלט מיר אַ קאָפּ.

שאַרפמאַן:

אַ דאגה קעפּ איצט? אַ וועלט קאָכט מיט נייעס און איר זוכט אַ קאָפּ...

דימענשטיין:

איר ווילט דאָך אָבער אַן אַכט־קאָלומדיקן קאָפּ...

שאַרפמאַן:

אַוודאי, אַן אַכט־קאָלומדיקן און מיט 36סטער טאַיפּ... גרויסע קעפּ... גרויסע... איבערן גאַנצן פעידזש...

דימענשטיין :

ווּ זשע נעמט מען זיי ?

שאַרפּמאַן :

וואָס איז מיט דער פאַרפּלייצונג אין פּוילן ?

דימענשטיין :

שלעכט... קיין איין ייִד איז זינט נעכטן ניט דערטרונקען געוואָרן... נעכטן האָבן מיר געהאַט אַ „העדלאַין״ — 300 ייִדן דערטרונקען ! איז גע־ווען אויסגעצייכנט... האָב איך געמיינט אַז היינט וועלן מיר אַרויס : „טויזנט ייִדן דערטרונקען לעבן וואַרשע״.

קורצבערג :

וואָס וועט זיין דער סוף ? !

ייִדענע :

אָט דאָס שריי איך דאָך... ווי לאַנג וועל איך אַזוי ליידן... וואָס קאָן ער מיר אָבער העלפן ? אַז ער איז נעבעך געשטראָפט...

שאַרפּמאַן :

וואָס איז מכּוח דייטשלאַנד ?

פּאַרמאַן : (קומט אַריין)

נו מיר קאָנען ניט אָפּהאַלטן די קאָנטרי עדישאָן...

שאַרפּמאַן : (צום פּאַרמאַן)

איט׳ס אָל־רייט, אַיל עטענד טו איט...

(פּאַרמאַן גייט צוריק אַרויס)

פעלדמאַן : (פון טיקער)

מר. שאַרפּמאַן לוק היר...

שאַרפּמאַן : (גייט צו צום טיקער)

דימענשטיין : (כאַפּט זיך פאַר די האָר)

וואָס טוט מען ? קליינבערג, לויף אַרויס אין סטריט, זע געפין מיר עפּעס אַ קאַפּ... כ׳בעט דיך קליינבערג, טו עפּעס... לויף... העלף מיר !...

(קליינבערג זוכט זיין קוליע, „לויפט" אין גאַס)

שאַרפמאַן: (צו פעלדמאַנען)

ס'איז גאַרניט... גאַרניט... איל אַטענד טו איט...

קורצבערג: (דערזען ענדלעך די ייִדענע, שרייט צו איר)

וואָסווילט איר פון מיר? וואָס קאָן איך טאָן? כ'בין דאָ בלויז אַ שרייבער... גייט צו אים, צו אים (ווייזט איר אויף שאַרפמאַנען) ער איז אַ מענעדזשער... גייט צו אים...

פּאַרמאַן:

וואָס זשע דאַרפט איר שרייען? אָל־רייט וועל איך גיין צו אים... (גייט אַפּ) עפעס אַ משוגענער קאַקראָוטש!... (גייט צו צו שאַרפמאַנען וועלכער איז פאַרטאָן לעזנדיק די נייעס אויפן טיקער) איר פאַרשטייט, מיסטער מיין מאַן איז נעבעך אַ געשטראָפטער... אַזוי איז ער אַ גוטער, זייער אַ גוטער, ער וואָלט פאַר מיר אַלץ אין דער וועלט געטאָן... אָבער ער איז... איר פאַר־שטייט אַ שוואַכער...

(אין צימער איז אַ טומל, אַ געלויף, אַ גערויש... דימענשטיין שניידט מיט דער שער, אַרבעט, קאָפּי־באָיס לויפן)

קאָפּי־באָי:

מר. שאַרפמאַן, מר. שאַרפמאַן, יור וואָנטעד אַפּסטערז...

שאַרפמאַן:

איי'ם קאָמינג אַפּ... דימענשטיין... מאַכט אַ קאָפּ, איר האָט בלויז פינף מינוט... צייגט אַז איר זייט אַ סיטי־עדיטאָר.

ייִדענע: (גייט אים נאָך)

וואָס זשע בין איך אָבער שולדיק? כ'בין נאָך אַ יונגע פרוי... כ'בין אַ געזונטע פרוי... איך וועל זיך דאָס לעבן נעמען... ער איז נעבעך שוואַך... אָבער וואָס בין איך שולדיק?

שאַרפמאַן: (אַ צעטראָגענער, וויל זיך אָפּטרייסלען פון דער ייִדענע)

אָל־רייט, אָל־רייט, איל עטענד טו איט... איל עטענד טו איט... דזשאָסט וועיט היר... וואַרט דאָ צו... (גייט אַרויס).

יידענע: (ווערט אַנגעצונדן)

וואָס הייסט ער מיר וואַרטן? וואָס מיינט ער, כ׳בין עפּעס אַזאַ מין פרוי... ווער מיינט ער בין איך... מיך וועט ער באַליידיקן?! איך וועל שרייען געוואַלד... כ׳וועל רופן פּאָליציי... (שרייט: פּאָליס! פּאָליס!).

דימענשטיין:

סעי מיססע, וואַט׳ס מעטער וויט יו! וואָס׳ט איר זיך פאַנאַנדערגע־רעוועט דאָרט?

יידענע:

רוצחים! מערדער! וואָס מיינט איר, כ׳בין עפּעס אַן אומאָנשטענדיקע פרוי? כ׳וועל אייך די ביינער צעברעכן, באַנדיטן! (נעמט וואַרפן טינטערס, וואָס נאָר עס קומט איר אונטער דער האַנט) מיין מאַן איז אפשר ניט דאָס וואָס ער דאַרף זיין, אָבער אַ מאַן איז ער מיר, אַ פייער אייך אין די ביינער! כ׳קום פרעגן אַן עצה, זאָגט ער — ער וועט מיר אַטענדן! (באַיעס לויפן נאָך הילף, שרייבער באַהאַלטן זיך אונטער די טישן).

שאַרפּמאַן: (לויפט אַריין, נאָך אים פאַרמאַן און זעצער)

וואָס איז? סעי, מיסעס, וואָס איז? וואָס ווילט איר?

יידענע:

אָט איז ער דער זשוליק! (כאַפּט אַ שער און לאָזט זיך צו שאַרפּמאַנען. ער לויפט איבערן צימער, זי נאָך אים) פאַרפירן וועט ער מיך... די קישקעס וועל איך אים אַרויסלאָזן... (שרייבער, זעצער, פּרובירן כאַפּן די יידענע, זי ווערט זיך מיט דער שער. קאָפּי־באָיס מיט צוויי פּאָליסלייט לויפן אַריין. זיי כאַפּן די יידענע) לעט מי גאָ, לעט מי גאָ! כ׳בין אַן ערלעכע פרוי... כ׳בין טריי מיין מאַן... כ׳האָב בלויז געוואָלט אַן עצה... דעט׳ל אָלל... אַן עצה בלויז... וואָס האָט איר צו מיר?!

(פּאָליסלייט פירן זי אַרויס)

דימענשטיין: (שרייט מיט אַ שטראַלנדיק געזיכט)

שיינמאַן, פעלדמאַן, שנעל, שנעל... מאַכט אַ סטאָרי... אוי, אַ באָמבע, איבערן גאַנצן פּעידזש: „משוגענע... דייטשקע מאַכט אַן אַטענטאַט אויפן

„פרימאָרגן" מענעדזשער. הער (צום פאַרמאַן) מאַכט גלייך די קאָפּ...

(פאַרמאַן לויפט מיטן פּאַפּיר)

שאַרפמאַן:

קאָל אין מאַי סטענאָגראַפער, דיקטירט איר, פעלדמאַן, די צייט איז קורץ.

פעלדמאַן: (לויפט אַרויס און קומט צוריק מיט אַ סטענאָגראַפיסטין. זי זעצט זיך אַוועק און ער הייבט אָן דיקטירן).

שאַרפמאַן: (צו דימענשטיין)

איר זעט, דימענשטיין, מען דאַרף וויסן ווי צו זען און אויסנוצן גע־שעענישן... אָט האָט איר אַ קאָפּ...

דימענשטיין:

געבענטשט זאָל זיין די יידענע... וואָס האָט זי געוואָלט?

שאַרפמאַן:

זאָל איך אַזוי וויסן פון אַ בייזער וועטשערע... מסתמא אַ משוגענע...

קורצבערג:

איי, משיח, משיח!

דימענשטיין:

לעבן זאָל זי ביז 120 יאָר... זאָל דער רבונו של עולם זי ווייטער צו־שיקן ווען מיר גייען צום פרעס...(צו פעלדמאַנען) פעלדמאַן, אייל זיך צו...

פעלדמאַן:

אָלרייט... (דיקטירט) „גליקלעכערווייזע איז דער מאָרד־אַנפאַל אויפן מענעדזשער שאַרפמאַן ניט געלונגען, ווייל דער באַרימטער שריפטשטעלער און מיטאַרבעטער פון „פרימאָרגן" זבולון פעלדמאַן איז צוגעשפרונגען צו דער... דייטשקע און האָט איר אַ זעץ געטאָן איבער דער האַנט... ער האָט העלדיש איינגעשטעלט זיין לעבן...

(פאָטאָגראַפער קומט אַריין און נעמט אַ בילד פון שאַרפמאַנען. אין רעדאַקציע זשומעט ווי אין אַ בינשטאָק)

פעלדמאַן : (ענדיקט)

און ווען מיר גייען צום פּרעס, איז די דייטשקע אונטער אַ שטרענגן פאַרהער אין...

פאַרמאַן : (לויפט אַריין)

געגוג, געגוג פעלדמאַן... ענדיקט (כאַפּט די מיידל ביי דער האַנט און שלעפּט זי אַרויס) קומט... איר וועט עס דיקטירן דעם זעצער.

(אָפּ)

קליינבערג : (קומט אַריין אַ פאַרסאָפּעטער)

סעי, וואָס איז דאָ געשען ? די ייִדענע גייט איבער דער גאַס מיט פאַ־ליסלייט און שרייט.

דימענשטיין :

גאָרניט, זי האָט געוואָלט דערמאָרדן שאַרפמאַנען און ליסן. זי איז ניט קיין ייִדענע, נאָר אַ דייטשקע.

קליינבערג :

נו, האָט זי אים דערמאָרדעט ?

דימענשטיין :

דערווייל נאָך ניט... אָבער מאָרגן און איבערמאָרגן דאַרפן מיר גיין צום פּרעס... און מיר וועלן דאַרפן נאָך גרעסערע קעפּ... אוי, וועלן מיר דאַרפן קעפּ...

(פון דרויסן דערהערן זיך געשרייען : „עקסטראַ... מערדער... דייטשקע...)

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

וועגן חיים עהרענרייך

נורמאַן פורמאַן

צוויי זיינען מיר געווען

(אין אָנדענק פון חיים עהרענרייך)

יאָ, צוויי זיינען מיר געווען — און איינער איז אַוועקגעריסן געוואָרן. ווי קינדער פון צען יאָר האָבן מיר זיך באַקענט אין דעם ראַשיקן ניו־יאָרק, אָבער מיר זיינען זיך געגאַנגען אויף אונדזערע אייגענע וועגן. פון קינדווייז אָן איז חיים געווען דער פירער. ער פלעגט אויסחלומען פּלענער און איך פלעג זיי אַדורכפירן. באַלד ווי מיר האָבן זיך באַגעגנט אין זעלבן קלאַס, אין דער ערשטער יידיש־נאַציאָנאַלער ראַדיקאַלער שולע, האָט מיך עפּעס צוגעצויגן צו חיימען. אין אָנהייב האָט חיים ניט געקאָנט באַשליסן, צי זיינען מיר אַ פּאָר. עפּעס בין איך שוין געווען צו־אַמעריקאַניש פאַר אים. איך האָב שוין געהאַט חברים פון „פּאַבליק־סקול" און פון דער גאַס. ער ווידער איז געווען צוריקגעצויגן און אים האָט בלויז אינטערעסירט די שולע און די היים. אָבער, ווי פלעגט ער זאָגן אין די שפּעטערדיקע יאָרן? „דער בחור האָט זיך צוגעקלעפּט צו מיר, ווי קליי". ביסלעכווייז האָבן מירביידע דערפילט נאָענטקייט איינער צום צווייטן. מיר האָבן ביידע דער־פילט, אַז מיר דאַרפן זיך און מיר פאַרשטייען זיך; אַז איינער דאַרף דעם צווייטן. אַט־אַזוי האָט זיך געשאַפן אַט־די איבערגעגעבענע פריינדשאַפט צווישן אונדז. איך מעג זאָגן, אַז חיים, פּונקט ווי איך, איז געווען שטאָלץ מיט דעם וואָס מענטשן זיינען אונדז מקנא שוין בלויז צוליב אונדזער אי־בערגעבנקייט איינער צום צווייטן.

דערמאָן איך זיך די אַלע שבתים און זונטיקס און יידישע ימים־טובים אין דער שולע פון 1910 ביז 1915. די לערער אונדזערע זיינען געווען: יואל ענטין, חיים ליבערמאַן און קלמן ווייטמאַן. מיר גראַדויִרן די שולע — זיבן גראַדואַנטן. פון די 7 האָבן פיר געמאַכט זייערע קאַריערעס אין דער יידישער וועלט. חיים, יידישער שרייבער; יסכה פרענקל, אייב קאַהאַנס סעקרעטאַרשע; פראַדל ווייטמאַן, נ. כאַנינס סעקרעטאַרשע — און איך, ביים יידישן ראַדיאָ.

מיר טרעפן זיך מער ניט אין קלאַס — אָבער מיר טרעפן זיך טעגלעך. מיר האָבן אַזוי פיל צו דערציילן זיך און אַזוי פיל פּלענער! מיר גיבן זיך אַ שבועה, אַז אויב דער גורל וועט אונדז צעטיילן — אפשר וועלן מיר זיין

מײלן־װײט אײנער פֿון דעם אַנדערן — װעלן מיר זיך דאָך צוזאַמענקומען אין 10 יאָר אַרום; טאַקע אַט־דאָ, אױפֿן דאַך פֿון דער געבײדע װוּ איך האָב דאַן געװױנט. אַ הײליקע שבֿועה, װאָס מיר האָבן טײער געהאַלטן און דורכגעפֿירט.

חיים שרײבט אָן אַ מאָדערנע מגילה און די שולע פֿירט אָדורך אַ פּורים־קאָנצערט. חיים שפּילט אחשורוש, זײן שװעסטער מאַלי שפּילט אסתּר, איך שפּיל מרדכי און ל. שטראַסבערג, אַ דירעקטאָר פֿון אַ טעאַטער־שול און אַ באַװוּסטע פּערזענלעכקײט אױף בראָדװײ, שפּילט המן.

געדענקט זיך אײן מאָל אַ שבת־צו־נאַכט, װען עס פֿלעגן פֿאָרקומען יִדישע חתונות אױף איסט־בראָדװײ; חיים און איך כאַפּן זיך אַרײן אױף אַזאַ חתונה און מיר זאָגן, אַז מיר זײנען פֿון כּלהס צד, כאָטש מיר װײסן ניט װער ס׳איז דער חתן און װער ס׳איז די כּלה. אַ טיש פֿאַר קינדער איז גרײט און חיים, דער אײביקער שטיפֿער, רעדט מיר אײן אַז איך זאָל זיך זעצן בײם טיש פֿאַר די קינדער. די חתונה האָט זיך, װי אַלע חתונות אין יענע יאָרן, פֿאַרצױגן ביז פֿאַרטאָג. חיים זאָגט מיר: ס׳איז אַ שאָד אַװעק־צוגײן. בלײבן מיר, ביז ענדלעך באַשליסן מיר אַהײם צו גײן. גײען מיר אַזױ פּאַמעלעך און מיר טראַכטן, װי אַזױ מיר האָבן שטיפֿעריש אױסגע־נאַרט אַ חתונה־מאָלצײט. די נאַכט איז שטיל, די גאַס נאָך שטילער. מיט אַ מאָל דערהערן מיר אַ קלאַפּן פֿון אַ שטעקן און אַ קול: „באַנדיטן, װוּ זענט איר געװען?״ דאָס איז געװען חײמס עלטערער ברודער, הירש, װע־מען מײן מאַמע און זײן מאַמע האָבן אַרױסגעשיקט זוכן די צװײ תּכשיטים. מילא, װאָס מיר האָבן אַרײנגעכאַפּט איז ניט צו באַשרײבן.

ס׳געדענקט זיך אױך װי חיים איז אײן מאָל געקומען אַ טרױעריקער און זאָגט מיר, אַז זײן משפּחה קלײבט זיך אַרױס קײן האַרלעם. ס׳איז בײ אונדז בײדן תּשעה־באָב. װאָרום װי אַזױ װעלן מיר זיך קאָנען זען יעדן טאָג, װי מיר זײנען געװױנט? אַז איך בלײב אױף דער זיבעטער גאַס און ער װעט זײן אין האַרלעם! פֿלעגן מיר זיך טאַקע באַגעגענען בלױז אין די שבתים — גײן צופֿוס, פֿאַרשטענדלעך; אָבער בריװ האָבן מיר זיך געשריבן טעגלעך.

עס האָט זיך אַזױ געמאַכט, אַז איך בין אַװעקגעפֿאָרן זיך זען מיט מײן שװעסטער אין אַלבאַני. האָב איך געשריבן חײמען, אַז כ׳האָב אָנגעהױבן טראַכטן װעגן בלײבן אין אַלבאַני. האָב איך אָנגעהױבן באַקומען בריװ פֿון אים — מיט טענות: װאָס װעט װערן פֿון אונדזער פֿרײנדשאַפֿט? און דער קלוב „יִדישע קינדער״ — װאָס מיר האָבן אָרגאַניזירט פֿאַר מײן אַװעק־פֿאָרן — װעט דאָך צעפֿאַלן װערן אָן מיר! „מיר װעלן זיך אפֿשר טרעפֿן

מיט יאָרן שפּעטער, אָבער" — האָט ער צו מיר געשריבן — „מיר וועלן זיין צוויי באַזונדערע וועלטן. דו וועסט פאַרגעסן דיין ייִדישע דערציִונג". כ'האָב דעם בריוו געוויזן מיין שוועסטער און איר געזאָגט, אַז מאָרגן פאָר איך גלייך צוריק קיין ניו־יאָרק, ווייל חיים האָט מיך אַנגעשראָקן, אַז איך קאָן נאָך פאַרגעסן ייִדישקייט.

נאָך גאָר אַ שיינע עפּאָכע אין אונדזער לעבן איז געווען, ווען מיר האָבן באַשלאָסן, אַז מיר זיינען שולדיק אַ חוב צו דער שולע. חיים ווערט אַ ייִדישער לערער און איך אין דער סעקרעטאַר אין דער זעלבער שולע פון וועלכער מיר האָבן גראַדויִרט. דאָרט טרעפט חיים זיין זיווג, בעל, מיט וועמען ער האָט — מיט יאָרן שפּעטער — חתונה געהאַט.

צו זיין 22סטן געבוירן־טאָג דערשלאָגט זיך חיים צום „פאָרווערטס" און ווערט אַ ייִדישער שרייבער. דורך אים באַקען איך זיך מיט ייִדישע שרייבערס, מיט דער ייִדישער קולטור־וועלט און ייִדישן טעאַטער. ווידער אַ נייע עפּאָכע אין אונדזער ביידנס לעבן. דורך אים ווער איך אַ ייִדישער ראַדיאָ־אַנאָנסער און באַקען זיך מיט ראַדיאָ אין אַלגעמיין.

חיימס לוסט צום לעבן האָט ער אוודאי געירשנט פון זיין מאַמען. אויך זי האָט געהאַט אַ לוסט צום לעבן, שטענדיק נאָר געוואָלט פאַרברענ־גען און הנאה האָבן פון לעבן. געדענק איך: געוויינטלעך, אין אַ דאָנער־שטיק אָונט — ווען די פרייטיקדיקע טעאַטער־זייט אין „פאָרווערטס" איז שוין געווען פאַרטיק און ס'איז אים אַראָפּ אַן עול פון קאָפּ — איז ער געווען אין אַ פריילעכער שטימונג. דאַן פלעגט ער זאָגן צו מיר: „וויפל געלט האָסטו ביי זיך? לאָמיר זיך צוזאַמענלייגן און דינגען אַן אָפּענעם אויטאָמאָביל, זיך ביידע אַריינזעצן און פאָרן אויף אַ שעה דורך דער לענג פון סעקאָנד עוועניו". עס האָט טאַקע געקאָסט צוויי מיט אַ האַלבן דאָלאַר, אָבער מיר זיינען אַרומגעפאָרן ווי מיליאָנערן.

איך ווייס, אַז ווען חיים איז געוואָרן אַ שרייבער אין „פאָרווערטס", האָט ער געהאַט אָנבאָטן פון ענגלישע צייטונגען צו ווערן ביי זיי אַ מיט־אַרבעטער. מיר פלעגן צוזאַמען באַטראַכטן די אָנבאָטן. אָבער חיימס ליב־שאַפט צו אַלץ וואָס איז ייִדיש, וואָס ער האָט איינגעזאַפּט אין דער שולע — און שפּעטער אין ייִדישן לערער סעמינאַר, ווו מיר זיינען ביידע געווען תּלמידים — ווי אויך די השפּעה וואָס זיין עלטערער ברודער, הירש, האָט געהאַט אויף אים, האָט ניט דערלאָזט, אַז חיים זאָל פאַרלאָזן די ייִדישע וועלט און אויפגעבן זיין שרייבן אויף ייִדיש.

חיים איז געווען אַן איבערגעגעבענער חבר און אַן איבערגעגעבענער ייִדישער זשורנאַליסט.

משה שטאַרקמאַן

פאַרבליבענע ווערטער און ווערטן

ווענן בוך „פאַרבליבענע ווערטער" (דערשינען 1974)

די „פאַרבליבענע ווערטער", עהרענרייכס, זיינען איינגעטיילט אין פיר ציקלען: 1) יום־טובדיקע טעג; 2) פיר דערציילונגען; 3) פערזענלעכקייטן; 4) פאַרצייכענונגען.

די זיבן שאַפונגען אין ערשטן ציקל זיינען לירישע זכרונות פון די קינדער־יאָרן אין געבוירנשטעטל אין די טעג פון פסח, ל"ג בעומר, חנוכה און פורים, פרילינג־צייט אין שטעטל, און דערינערונגען ווי אַזוי אַ „כל בו" סידורל, געדרוקט אין ווילנע, אַ מתנה פון טאַטן, האָט געשאַפן ביים יינגל אַן אייביקן גייסטיק־נשמהדיקן צובונד צו דער שטאָט וווּ דאָס סידורל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן. כאָטש ענלעכע זכרונות זיינען שוין גע־שריבן געוואָרן דורך אַנדערע יידישע מחברים, און ס'קאָן זיך אויסדוכטן, אַז טעמאַטיש קאָן מען שוין ניט ווייזן קיין חידושים אין אַזעלכע דערינע־רונגען, — באַווייזן אָבער עהרענרייכס קינדעריאָרן־מעמוארן מיט זייער אייגנאַרט, חן, און מיט בענקשאַפט־טענער, וואָס זינגען אַרויס פון די שורות, אַז זיי פאַרדינען בפירוש אַריינגענומען צו ווערן אין די לערנביכער אויף מאַמע־לשון, וואָס מ'גיט אַרויס פאַר יידישע קינדער אויף אַנדערע שפּראַכן, לשון קודש און ענגליש אַריינגערעכנט.

די פיר דערציילונגען אין בוך פירן אונדז צוריק צו די טעג פון יונג־אימיגראַנטישקייט און סטודענטן־יאָרן פון אַמאָליקע יידישע יוגנטלעכע אין ניו־יאָרק. מען דערקענט און מען דערפילט אין זיי, ניט בלויז דער־ציילערישן כּוח צו פאַרוואַנדלען פאַנטאַזיע איןווירקלעכקייט, נאָר אויך שילדערישן טאַלאַנט, געפיל פאַר דראַמאַטיק און דיאַלאָג, פסיכאָלאָגישע פאַרשטענדעניש און, ווען פאַסיק, אַ דינעם אָנהייב פון הומאָר.

אין זיין שריפטשטעלעריש־זשורנאַליסטישער קאַריערע האָט עהרענרייך געשריבן כאַראַקטעריסטיקעס פון פאַרשידענע פערזענלעכקייטן — אָבער נאָר צוויי זיינען איינגעשלאָסן אין דער זאַמלונג „פאַרבליבענע ווערטער". מיר האָבן דאָ אין זינען די עסייען וועגן יואל ענטין — אַ פּיאָנער פון דער יידישער ליטעראַטור־ און טעאַטער־קריטיק אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַ גרונטלייגער פון דער יידישער וועלטלעכער דערציִונג אין אַמעריקע, — און וועגן דר. אהרן סינגאַלאָווסקי, פירער פון „אָרט" אין אייראָפּע. אונדז

איז אויסגעקומען צו לייענען אַ סך אָפּשאַצונגען און נעקראָלאָגן וועגן יואל ענטין, — און אונדז דוכט זיך אַז עהרענרייכס עסיי געהערט צו די סאַמע בעסטע.

אין דער יידישער ליטעראַטור, — אין דער פּאָעזיע, בעלעטריסטיק און אין מעמואַרן־ביכער, — זיינען פאַראַנען אַ סך שפּיטאָל־פאַרצייכענונגען. אויב מ'זאָל מאַכן אַ רשימה פון אַזעלכע פאַרצייכענונגען, לויט זייער תוכן, סטיל און פאָרעם, וואָלט מען זיכער אָפּגעגעבן אַן אָרט אויבן אָן אויך עהרענרייכס „פאַרצייכענונגען פון מאָנטעפיאָרע־שפּיטאָל". מען לייענט די שילדערונגען „פאַרצייכענונגען" מיט האַרץ־קלאַפּעניש גלייך ווי מ'וואָלט אַליין בייגעווינט זייערע פּיינען און פּחדים.

מיט חיים עהרענרייכס עזבון־זאַמלונג „פאַרבליבענע ווערטער" איז צוגעקומען אין ספרים־אַלמער פון יידיש אַ שיין־אַרויסגעגעבן בוך פון ליטעראַרישע ווערטן. נאָך אַזאַ זאַמלונג וואָלט געווען אַ ווערטיקער צוגאָב צום איצטיקן בוך.

——0——

דערשינענע ביכער פון חיים עהרענרייך ז"ל

לענדער און מענטשן
ניו־יאָרק, 1957
פּרעמירט פון יידישן קולטור־קאָנגרעס

●

פאַרבליבענע ווערטער
תל־אביב, 1974